ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# חולין

בלשון הקודש ואידיש

**231**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת חולין

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת חולין

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

## מסכת חולין פ"ק ראשון

(דף ב) **א כתיב** (דברים כג) וכי תחדל לנדור לא יהיה בך חטא וכתיב (קהלת ה) טוב אשר **לא** תדור משתדור ולא תשלם ותניא טוב מזה ומזה שאינו נודר כל עיקר דברי ר"מ רבי יהודה אומר טוב מזה ומזה נודר ומשלם:

(דף ס) **ב** (מ"א כב) **ומלך** ישראל ויהושפט מלך יהודה יושבים איש על כסאו מלובשים בגדים בגורן פתח שער שומרון מאי גורן אילימא גורן ממש אטו שער שומרון גורן הוה אלא כי גורן דתנן סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה כדי שיהו רואין זה את זה. (שם יז) והעורבים מביאין לו לחם ובשר בבקר ולחם ובשר בערב אמר רב יהודה אמר רב מבי טבחי דאהאב מביאין לו על פי הדבור מאי עורבים אמר רבינא עורבים ממש:

**ג תניא** (ויקרא א) מן הבהמה להביא בני אדם שדומין לבהמה מכאן אמרו מקבלין קרבנות מפושעי

לא יהיה בך חטא. הא אם תדור יהיה בך חטא:
טוב אשר לא תדור. לעיל מיניה כתיב את אשר תדור שלם ואפ"ה טוב אשר לא תדור שמא תדור ולא תשלם הכי מפרש לה ר"מ: טוב מזה ומזה. מנודר ומשלם ומנודר ואינו משלם: שאינו נודר כל עיקר. שהרגיל בנדרים בא לידי לא יחל דברו: ר"י אומר טוב מזה ומזה נודר ומשלם. דהכי משמע טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם אבל משתדור ותשלם לא בשות טוב מכלם:
כי גורן. היו יושבים בהיבה וביישוב ובאגודה אחת כסנהדרין שאין חוזרין זה את זה: שיהו רואין זה את זה. להיות שומעין איש דבר חבירו ומתוכח זה עם זה עד שתצא הוראה כהלכה שאילו היו יושבים בשורה שלא בעיגול אין בני ראש השורה רואה את בני סוף שורתו ובעגולה שלמה לא היו יושבין כדי שיהא מקום לצאת ולבא: ע"פ הדבור. שהקב"ה צוהו לפי שנא' דכתיב ואת העורבים צויתי לכלכלך שם:
מפושעי ישראל. משמע מזידים כדתניא במס' יומא פשעים אלו המרדים וכן הוא אומר מלך

---

## פרק ראשון

**א** כתיב. עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט זיך פאר מיידען פון צו טאהן אנדר וועט ניט זיין אין דיר קיין עבירה. אבער אז ער וועט יא טאהן אנדר וועט זיין אין איהם אעבירה. נאך אפסוק שטייט עס איז בעסער דוא זאלסט ניט טאהן קיין נדר. ווארום טאמער וועסט דוא טאהן אנדר אונ דוא וועסט ניט בצאהלין. אונ מיר האבען גילערונט אז מען זאל טאהן אנדר אונ בצאהלין איז ניט גוט. אונ טאהן אנדר אונ ניט בצאהלין איז געוויס ניט גוט. נאר דאס בעסטע איז מען זאל גאר ניט טאהן קיין נדר. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט מען זאל גאר ניט טאהן אנדר איז ניט גוט. מען זאל טאהן אנדר אונ ניט בצאהלין איז אויך ניט גוט נאר דאס בעסטע איז מען זאל טאהן אנדר אונ מען זאל בצאהלין:

**ב** ומלך. אונ אחאב דער מלך פון ישראל אונ יהושפט דער מלך פון יהודה זיצען יעדער אויף זיין שטוהל אן גיטאהן אין קליידער. בגורן פתח שער שומרון. וואס מיינט מען גורן. מיר זאלען זאגען גורן מיינט מען אשייער. איז דען דער טויער פון שומרון גיוועזן אשייער. נאר מען מיינט אחאב אונ יהושפט זענען גיזעסען אין טויער פון שומרון מיט פריינדשאפט אונ ליבשאפט אזוי וויא דיא סנהדרין וואס זענען גיזעסען מיט פריינדשאפט אונ ליבשאפט אונ קיילעכדיג וויא אהאלבער שייער. אזוי וויא מיר האבען גילערונט דיא סנהדרין זענען גיזעסען קיילעכדיג אזוי וויא אהאלבער שייער זייא זאלען זעהן איינער דעם אנדערען. אונ אלע זאגען הערין וואס איינער רעט. אונ זאלען קענען צו זאמען קלערין דעם דין:

עס שטייט אין פסוק ווען אליהו הנביא איז גיזעסין ביא דעם טייך כרית. האבען דיא קראהען גיברייגט צו איהם ברויט מיט פלייש אין דער פריא אונ ברויט מיט פלייש פארין נאכט. האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין פון דיא פלייש וואס מען האט גישאכטען פאר דעם מלך אחאב האבען דיא קראהען גיברייגט פאר אליהו. גאט האט אזוי גיהייסען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואת העורבים צויתי לכלכלך שם. דיא עורבים האב איך גיבאטין מען זאל דיך דארט שפייזען. וואס מיינט מען עורבים. רבינא זאגט עורבים מיינט מען קראהען:

**ג** תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק מען זאל ברייגען קרבנות פון

אבהמה

מולך בשם ד' והיינו מומר : גריעותא היא . דאוקמת דפושעים קרי בהמה : בהם ערומים בדעת . כאדם הרחשין ומשימין עצמן כבהמה בכלי רות : וזרע בהמה ומוקמי לה במס' סוטה לא קרא ולא שנה ולא שמש תלמידי חכמים עליו הכתוב אומר וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה כלומר החכמים והבורים כולם הזרעם לפרותם ולרבותם :

אם בעל נפש אתה . אם אדם כשר אתה כדאמריק בכהנים בעל נפש לא יטמא אדם כשר : בלועך . בלהייך כלומר התחזק על יין ולא העבר אלא : מצאו לכן . אותם היושבים בהר גריזים

מפושעי ישראל כדי שיחזרו בהם בתשובה חוץ מן המומר לנסך את היין ומחלל שבתות בפרהס'א (ע"ב) וכל היכא דכתיב בהמה גריעותא היא והא כתיב (תהלים לו) אדם ובהמה תושיע ה' ואמר רב יהודה א"ר אלו בני אדם שהם ערומים בדעת ומשימין עצמן כבהמה התם כתיב אדם ובהמה הכא בהמה לחודה כתיב וכל היכא דכתיב אדם ובהמה מעליותא היא והכתיב (ירמיה לא) וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה התם קא דלקיה קרא זרע אדם להוד וזרע בהמה לחוד :

(דף ו) **ד רבי** שמעון בן אלעזר שדריה ר' מאיר לאתויי חמרא מבי כותאי אשכחיה ההוא סבא א"ל (משלי כג) ושמת שכין בלועך אם בעל נפש אתה הלך ר"ש בן אלעזר וספר דברים לפני ר"מ וגזר עליהם ס"ט אמר רב נחמן בר יצחק דמות יונה מצאו להם בראש

---

אבהמה . דאס מיינט מען אזעלכע מענטשין וואס זענען אזוי וויא בהמות . פון דאנען יערנען מיר אז מען מעג נעמען קרבנות פון פושעי ישראל . זייא זאלען תשובה טאהן . נאר דער אפקורוס וואס גיסט וויין צו דיא עבודה זרה . אדער ער איז מחלל שבת ווען פיל יודען זעהען . פון דיא מענטשין נעמט מען ניט קיין קרבנות . פרעגט דיא גמרא וואו עס שטייט בהמה מיינט מען צום שלעכטין . מענטשין וואס זענען אפקורסים רופט מען זייא בהמות . עס שטייט דאך אין פסוק גאט העלפט מענטשין אונ בהמות . האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין דאס מיינט מען מענטשין וואס זענען קלוג אונ זייא מאכען זיך אזוי ווי בהמות . זייא ווילען גאר ניט קלערין נאר וויא גאט טוהט מיט זייא נעמען זייא פאר ליבו . העלפט זייא גאט . זעהן מיר דאך אז בהמות מיינט מען פרומע מענטשין . ענפערט דיא גמרא וואו עס שטייט אדם ובהמה מיינט מען אפרומער מענטש וואס מאכט זיך וויא אבהמה . אונ וואו עס שטייט דער ווארט בהמה אליין מיינט מען דיא אפקורסים וואס זענען נאר גירעכונט וויא בהמות . פרעגט דיא גמרא אונ וואו עס שטייט אדם ובהמה מיינט מען דאס צוא גוטען עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל פאר זייען דיא יודען אפאר זיידונג פון מענטשין אונ אפאר זיידונג פון בהמות . מענטשין מיינט מען תלמידי חכמים . אונ בהמות מיינט מען די גראבע מענטשין . זעהן מיר דאך אז בהמות מיינט מען צום שלעכטין . ענפערט דיא גמרא ווייל דא האט דער פסוק אפ גיטיילט דיא בהמות פון מענטשין . עס שטייט ניט איך וועל פאר זייען זרע אדם ובהמה . נאר עס שטייט זרע אדם וזרע בהמה . הדיבער מיינט דא דער פסוק קלוגע מענטשין בזונדער אונ גראבע מענטשין וואס זייא ווערין גערופען בהמות בזונדער :

**ד** רבי שמעון בן אלעזר איז געשיקט גיווארין פון רבי מאיר ער זאל איהם ברייגען וויין פון דיא כותים . האט אאלטער מאן גיטראפען רבי שמעון אונ ער האט גזאגט צו איהם דעם פסוק דוא זאלסט בעסער אריין שטעקין אמעסער אין דיינע באקען אויב דוא האסט מורא פאר דיין נשמה אונ זאלסט ניט טרינקען דיא וויין פון דיא כותים . איז גיגאנגען רבי שמעון בן אלעזר אונ האט דער ציילט דיא רייד פאר רבי מאיר . האט רבי מאיר גוזר גיוועזן מען זאל ניט טרינקען דיא וויין פון דיא כותים . פאר וואס זאל מען ניט טרינקען דיא וויין פון דיא כותים . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט ווייל מען האט געפונען אויף דעם בארג גריזים אגישטאלט פון אטאהב . אונ זייא האבען געדינט צו איר . אפילו דאס מערסטע כותים האבן גיוואוהנט ווייט פון בארג גריזים . קען דאך זיין אז זייא האבען ניט געדינט צו דיא טאהב . נאר רבי מאיר האלט אז מיר זארגין פאר דעם ביסור . ווייל עס איז דא אביסול כותים וואס האבען

בראש הר גריזים שהיו עובדים אותה ור"מ לטעמיה דחייש למיעוטא וגזר רובא אטו מיעוטא. פשטיה דקרא במאי כתיב בתלמיד היושב לפני רבו דתניא ר' חייא (שם) כי תשב ללחום את מושל בין תבין את אשר לפניך ושמת שכין בלועך וגו' אם יודע תלמיד ברבו שיודע להחזיר לו טעם בין ואם לאו תבין את אשר לפניך ושמת שכין בלועך אם בעל נפש אתה פרוש הימנו:

(שם ע"ב) **העיד** ר' יהושע בן זרוז בן חמיו של ר"מ לפני רבי על ר' מאיר שאכל עלה של ירק בבית שאן והתיר רבי את בית שאן כולה על ידו חברו עליו אחיו ובית אביו אמרו לו מקום שאבותיך ואבות אבותיך נהגו בו איסור אתה תנהוג בו היתר דרש להם מקרא זה (מלכים ב יח) וכתת נחש הנחשת אשר עשה משה כי עד הימים ההם היו בני ישראל מקטרים לו ויקרא לו נחשתן אפשר בא אסא ולא ביערו בא יהושפט ולא ביערו והלא כל ע"ז שבעולם אסא ויהושפט

ונעשו מומרים לע"ז ואע"ג דרוב כותים לאו מהר גריזים הוו ר"מ לטעמיה דחייש למיעוטא וכו': את מושל. גדול בתורה: אם יודע: ברבו שאם ישאלנו ישיב לו טעם: בין. שאל: ואם לאו הבין את אשר לפניך. מעצמך ואל תשאל ותביישנו: ושמת שכין בלועך. בהאי דהאי קרא כתיב כלומר כהחזק עצמך ועצור פיך מלשאול: אם בעל נפש אתה. ומתאוה לשאול ולעמוד על העיקר מאי הקושיא פרוש הימנו:

עלה של ירק. ולא עישר: והתיר רבי. ע"פ עדות זו: את בית שאן כולה. לאכול ירק שלה והירוש שאין בשבלן קס"ד קסבר ר"מ שאין מא"י היא ומעשר דגן בח"ל הוא נוהג מדרבנן הואיל ובארץ דאורייתא אבל מעשר ירק דבארץ גופה מדרבנן לא [illegible] מידי בח"ל דאי מא"י היא אע"ג דר"מ [illegible] כתורבנן הוו הא קיימא לן מעשר דגן דאורייתא [illegible] דרבנן דקדושה ראשונה דעזרא קדשה [illegible] לע"ל [illegible] דקאמר התיר רבי את בית שאן מכלל דבאי [illegible]קומות נוהג כאן: וכתת את

---

יא געדינט צו דיא טאהב טאר מען דאך זייער וויין ניט טרינקען האט ר' רבי מאיר גוזר גיוועזן אז פון אלע כותים זאל מען ניט טרינקען זייער וויין. טאמער וועט מען טרינקען די וויין פון דיא ביסול כותים וואס האבען געדינט צו דיא טאהב אויך. זאגט דיא גמרא דער פראסטער פשט פון פסוק ושמת שכין בלועך אם בעל נפש אתה. וואס מיינט מען. ביי א תלמיד וואס זיצט פאר זיין רבי. ווארום רבי חייא האט גידרשת דעם גאנצען פסוק כי תשב ללחום את מושל ואויב דוא וועסט דיך זעצען לערנען תורה ביי דיין רבין בין תבין את אשר לפניך ואויב דו ווייסט אז דיין רבי קען דיר ענטפערין אויף דיינע אלע קשיות. פרעג איהם וואס דוא דארפסט פרעגין. אונ אויב דוא ווייסט אז דיין רבי וועט ניט קענען צו ענטפערין. זאלסטו איהם ניט פרעגין. טאמער וועט ער ניט וויסען צו ענטפערין וועט ער פאר שעמט ווערין. נאר דוא זאלסט דיך אליין מאטערין ביז דוא וועסט וויסען. ושמת שכין בלועך ודוא זאלסט בעסער טאהן א מעסער אין דיינע באקען איידער דוא זאלסט איהם פרעגין אונ פאר שעמען: אם בעל נפש אתה ואויב דוא קענסט אליין ניט ענטפערין דיינע קשיות. אונ דוא ווילסט זייא אבער וויסען גייא אוועק פון דעם רבי צוא איין אנדערין. צוא אנדערין לערנען פון דעם רבי:

**ה**עיד. רבי יהושע בן זרוז דער זוהן פון רבי מאירס שוועהר האט עדות גזאגט פאר רבי אויף רבי מאיר. אז רבי מאיר האט גיגעסען א בלאט פון גרינג ווארג אומגימעשר' אין דער שטאט בית שאן. האט רבי גזאגט אז אלע מענטשין פון דער שטאט בית שאן מעגין עסין זייערע גרינוארג אונ דיא פרוכטען פון זייערע בוימער אומגימעשרת. ווייל רבי מאיר האט אויך גיגעסען אומגימעשרת. זענען גיקומען צו רבי זיינע ברידער אונ דיא גאנצע משפחה פון זיין פאטער אונ האבען גזאגט צו איהם דער ארט בית שאן וואס דיינע עלטערין אונ דיינע עלטערנס עלטערין האבען גזאגט אז מען טאר ניט עסין דיא גרינווארג אונ ניט דיא פירות פון בית שאן ביז מען זאל זייא מעשרין. זאגסטו אז מען מעג עסין אומגימעשרת: האט רבי צו זייא גידרשת דעם פסוק דער מלך חזקיהו האט צו שטויסען דעם קופערנעם שלאנג וואס משה האט גימאכט ווארום ביז דיא טעג האבען דיא יודען גירייכערט צוא איהם אונ זייא האבען איהם גירופען נחשתן. איז דאך א קשיא פאר וואס האט דער מלך אסא איהם ניט צוא שטויסען. אדער פאר

וואס

ויהושפט ביערום (דף ז) אלא מקום הניחו לו אבותיו להתגדר בו אף אני מקום הניחו לי אבותי להתגדר בו מכאן לת"ח שאמר דבר הלכה שאין מזיחים אותו ואמרי לה אין מזניחים אותו ואמרי לה אין מזחיחין אותו . מ"ד מזיחין דכתיב (שמות כח) ולא יזח החשן ומ"ד מזניחים דכתיב (איכה ג) כי לא יזנח לעולם ה' ומ"ד מזחיחין דתנן משרבו זחוחי הלב רבו מחלוקת בישראל :

ו אין הקב"ה מביא תקלה ע"י בהמתן של צדיקים דרבי פנחס בן יאיר הוה קא אזיל לפדיון שבויים פגע ביה בגינאי נהרא א"ל גינאי חלוק לי מימיך ואעבור בך אמר ליה אתה הולך לעשות רצון קונך ואני הולך לעשות רצון קוני אתה ספק עושה ספק אי אתה עושה ואני ודאי עושה א"ל אם אי אתה חולק גוזרני עליך שלא יעברו

אסא סמתוה. כחזקיה מלך יהודה כתיב : מקום הניחו . כשיבואו בנינו אחרינו אם לא ימצאו מה לתקן במה יגדל שמם : להתגדר : להתגדל : מכאן . שאינו מקבל רבי עדות זו ולמד הימנה אע"פ שדבר תימה הוא שהרי מעולם היו נוהגים בו איסור למדנו שאין מזיחין ת"ח האומר דבר הלכה חדשה לאמר לא שמענו : אין מזיחין . אין מבדילין אותו משמועתו לאמר הזור בך : מזניחין . משקיצין את דבריו : מזחיחין . לאמר גאותך גרמה שלא הטית אוזן לשמוע דבר כהלכתו מפי רבך . ל"א מגביהין ומסלקין אותו מדבריו : זחוחי . לשון גסות שלא דקדק מפי רבו כל צרכו וסמכו על לבם : גינאי . שם הנהר : רצון קוני . כל הנחלים הולכים אל הים במצות המלך : ספק עושה . שמא

---

וואס האט דער מלך יהושפט איהם ניט צו שטויסען . אסא אונ יהושפט האבען דאך אויס גיראטט אלע עבודה זרות פון דיא יודען . נאר דיא עלטערין פון חזקיהו האבען גילאזען איין עבודה זרה ווען קופערנעם שלאנגו אונ האבען איהם ניט גיוואלט צו שטויסען ביז חזקיהו וועט קומען אונ ער וועט איהם צו שטויסען . וועט ער זיך האבען מיט וואס צו בערימען אז ער האט אויך אויס גיראטט אעבודה זרה פון יודען . ביי מיר איז אויך אזוי מיינע עלטערין האבען אויך געוואוסט אז אין בית שאן דארף מען ניט געבין קיין מעשר . נאר זייא האבען גילאזין פאר מיר איך זאל מאבען דיא תקנה . איך זאל מיך קענען גרוים מאבען איך האב גימאכט אתקנה אין בית שאן . פון דאנען זעהן מיר אז אתלמיד חכם זאגט אנייעם דין אפילו דער דין איז אוואונדער אין מזיחים אותו . שיידט מען איהם ניט אפ פון זיינע רייד . מען זאל ניט זאגען צו איהם עס איז ניט וויא דוא זאגסט . אנדערע זאגען אין מזניחים אותו מען פאר מיאוסט ניט זיינע רייד . אנדערע זאגען אין מזחיחין אותו . מען זאגט ניט צו איהם וייל דוא ביסט גרוים ביי זיך האסטו ניט גוט גיהערט פון דיין רבי דעם דין . נאר מיר נעמען אן זיין דין פאר אמת . דער וואס זאגט מזיחין . אפ שיידען : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולא יזח החשן : דער חשן זאל זיך ניט אפ שיידען פון אפוד : אונ דער וואס זאגט מזניחין . פאר מיאוסען : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי לא יזנח לעולם ה' : גאט וועט ניט פאר מיאוסען אויף אייביג . אונ דער וואס זאגט מזחיחין : גרויסקייט . וואראום מיר האבען גילערנט משרבו זחוחי הלב . וויא עס איז גימערט גיווארין תלמידים וואס זענען ביי זיך גרויס גיוועזן . אונ האבען נאר גילערנט פון גרויסקייט וועגין אונ האבען ניט גיוואלט בעדינען זייער רבי . דריבער האבען זייא ניט געוואוסט ריכטיג יעדער דין . פון דעם איז גיווארען פיל קריג ביי יודען . דער האט גזאגט אזוי איז דער דין אונ דער הט גזאגט אזוי איז דער דין :

ו אין : גאט ברייגגט ניט קיין שטרויכלונג דורך דיא בהמות פון אצדיק . ווארום רבי פנחס בן יאיר איז אמאהל גיגאנגען אויס לייזען גיפאנגענע מענטשין : איז ער גיקומען צום טייך גינאי : האט רבי פנחס גיזאגט צום טייך גינאי צו טייל דיינע וואסער אונ מאך אוועג אין מיטען וועל איך גיין דורך דיר : האט דער טייך גיזאגט צו רבי פנחס דוא גייסט טאהן דעם ווילען פון גאט אויס צו לייזען דיא גיפאנגענע . אונ איך גייא טאהן דעם ווילען פון גאט וגאט האט גיהייסען אלע טייכען זאלען גיין אין ים . אויף דיר איז נאך אספק אויב דוא וועסט טאהן דעם ווילען פון גאט אדער ניין . טאמער וועסטו ניט קענען אויס לייזען דיא גיפאנגענע : אונ איך טוה דאך געוויס דעם ווילען פון גאט . האט רבי פנחס גיזאגט צום טייך אויב דוא וועסט ניט צו טיילען דיא וואסער איך זאל קענען דורך גיין . וועל איך אויף דיר גוזר זיין אז אין דיר זאל קיין מאהל

יעברו בך מים לעולם חלק ליה היה ההוא גברא דהוה דארי חיטי לפסחא א"ל חלוק ליה נמי להאי דבמצוה עסיק חלק ליה הוה ההוא טייעא דלוה בהדייהו א"ל חלוק ליה נמי להאי דלא לימא כך עושין לבני לויה חלק ליה אמר רב יוסף כמה נפיש האי גברא ממשה ושתין רבוון דאילו התם חד זמנא והכא תלת זמני ודלמא הכא נמי חדא זמנא אלא כמשה ושתין רבוון. איקלע לההוא אושפיזא רמו ליה שערי להמריה לא אכל (דף ע"ב) הבטינהו לא אכל נקרינהו לא אכל אמר להו דלמא לא מעשרין עשרינהו ואכל אמר עניה זו הולכת לעשון רצון קונה ואתם מאכילין אותה טבלים שמע רבי נפק לאפיה א"ל רצונך סעוד אצלי א"ל הן צהבו פניו של רבי א"ל כמדומה את שמודר הנאה מישראל

לא יחמו לך בפדיון: דבמצוה עסיק. דכתיב ושמרתם את המצות דמתהלת שהינה וכרקדס בעינן שימור לשם מצה: דלוה בהדייהו. נתחבר עמהם בדרך: טייעא. סוחר ערבי: כך עושין. בתמיה: לבני לויה. לבני חבורה שמניהו ובולך: דלמא הכא נמי חדא. זימנא אלא מתיירא היה שלא יעברו המים ויבקשו הפנים והיה מדבר עליהן שיעתק להם הנהר: כמשה ושתין רבבן. שנהלך להם ים סוף: הבטינהו. כנפה חבטינהו למקותם ויניי"ר בלעז וליכא למימר לבון דיסה דמעיקרא היו עומדין בקליפתן דא"כ אמאי לא אכלה מעיקרא כר לא שהייבו במעשר עד שיתמרחו בכרי דכתיב ראשית דגנך וחק בהדיא מאכילים לבהמה לחיות ולעופות עד אחר ימרח דכל אכילת בהמה חשיב אכילה עראי: נקרינהו. בירים מן התבואה והפסולה: שמע רבי. דהוה קאתי ר' פנחס: רצונך סעוד אצלי. יהי רצונך לסעוד אצלי: צהבו פניו. שמח מפני שלא היה רגיל ר' פנחס ליהנות מכל אדם כדלקמן: א"ל. ר' פנחס וגו סנור

---

מאהל ניט זיין קיין וואסער · האט דער טייך צו טיילט דיא וואסער. נעבין רבי פנחס איז גישטאנען אמענטש וואס האט גיטראגין ווייץ אויף פסח. האט רבי פנחס גיזאגט צום טייך צו טייל דיינע וואסער פאר דעם מענטשין אויך· דער מענטש זאל אויך קענען דורך גיין · וייל דער מענטש טוהט אויך אמצוה · האט דער טייך צו טיילט דיא וואסער פאר דעם מענטש אויך. מיט זייא איז גיוועזן אסוחר פון ארביע וואס ער איז גיגאנגען מיט זייא דיא גאנצע וועג · האט רבי פנחס גיזאגט צום טייך צו טייל דיינע וואסער פון זיינעטוועגין אויך · ער זאל אויך קענען דורך גיין · דער סוחר זאל ניט זאגין אזוי טוהט מען צו דיא מענטשין וואס גייען צו זאמען אין וועג · אלע זענען אוועק גיגאנגען און מיך האט מען גילאזין. האט דער טייך צו טיילט די וואסער פאר דעם סוחר אויך און ער איז דורך גיגאנגען · האט רב יוסף גיזאגט דער רבי פנחס איז גרעסער פאר משה רבינו מיט דיא זעכציג רבוא יודען וואס זענען ארוים גיגאנגען פון מצרים. פאר משה מיט דיא זעכציג רבוא האט זיך דער ים גישפאלטין נאר איין מאהל · און דא האט זיך דער וואסער גישפאלטין דרייא מאהל · פרעגט דיא גמרא טאמער דא האט זיך אויך דער וואסער גישפאלטין נאר איין מאהל · נאר ווען דער וואסער איז צו טיילט גיווארין פון רבי פנחס וועגין און ער איז גיוועזן אפין האט רבי פנחס גיזאגט צום וואסער ער זאל ווארטען און בלייבען האפען ביז דער מענטש מיט דיא פסחדיגע ווייץ וועט דורך גיין און ביז דער סוחר וועט דורך גיין · נאר זאג אז רבי פנחס איז גיוועזן גלייך צוא משה מיט דיא זעכציג רבוא יודען. אזוי וויא פאר משה מיט דיא זעכציג רבוא יודען איז צו טיילט גיווארין דער ים סוף · אזוי איז פאר רבי פינחס צוא טיילט גיווארין דער טייך גינאי · דער נאך איז רבי פינחס געקומען אין אגאסט הויז · האט מען גיגעבין גערשטין צום אייזיל פון רבי פינחס. האט דער אייזיל ניט גיוואלט עסין דיא גערשטין · האט מען געזיפט דיא גערשטין · און דער אייזיל האט ניט גיוואלט עסין · און מען האט נאך אמאהל גירייניגט דיא גערשטין · און דער אייזיל האט ניט גיוואלט עסין · האט רבי פינחס גיזאגט טאמער האט מען ניט גיגעבן מעשר פון דיא גערשטין · האט מען גימעשרת דיא גערשטין האט דער אייזיל גיגעסען · האט רבי פינחס גזאגט דער ארעמער אייזיל גייט טאהן דעם ווילען פון גאט און איר גיט איר עסין אונגימעשרתע תבואה · האט רבי גיהערט אז רבי פינחס בן יאיר קומט איז ער ארויס גיגאנגן אנטקעגין איהם : האט רבי גזאגט צו רבי פינחס הראי זאלסטו וועלען עפעס עסין ביי מיר. האט רבי פינחס גזאגט צו רבי יא איך וועל ביי דיר עסין · איז פריילאך גיווארען דער פנים פון רבי · האט רבי פינחס גזאגט צו רבי דוא מיינסט אז איך האב אנדר גיטאהן איך זאל

ביי

מישו אל אני ישראל קדושים הן יש רוצה ואין לו ויש שיש לו ואינו רוצה וכתיב (משלי כג) אל תלחם לחם רע עין ואל תתאו למטעמותיו כי כמו שער בנפשו כן הוא אכול ושתה יאמר לך ולבו בל עמך ואתה רוצה ויש לך השתא מיהא מסרהיבנא דבמלתא דמצוה קא טרחנא כי הדרנא אתינא עיילנא לגבך. כי אתא איתרמי על בההוא פתחא דהוו קיימין ביה כודנייתא חיוורתא אמר מלאך המות בביתו של זה ואני אסעוד אצלו שמע רבי נפק לאפיה א"ל מזבנינא להו א"ל (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול מפקרנא להו מפשת היזיקא עקרנא להו איכא צער בעלי חיים קטילנא להו איכא (דברים כ) בל תשחית הוה קא מבתש ביה טובא גבה טורא בינייהו בכה רבי ואמר מה בחייהן כך במיתתן

פירוש

היית שמודר הנאה מישראל אמי: ישראל קדושים הם. ולהויין ליהנות מהם: אבל יש רוצה. להנות אחרים משלו ואין יכולת בידו וממנו אינו רוצה ליהנות שלא תכביד עליו: ויש שיש. יכולת בידו ואינו רוצה להנות אחרים ואע"פ שאומרים בוא וסעוד אין לבו הפך ואיני נהנה ממנו משום דכתיב אל תלחם לחם רע עין: אל תלחם. אל הסעוד לחם לשון סעודה כדכתיב מדוע לא באתה אל הלחם וכתיב בנשאר מלכא עבד לחם רב: כמו שער. כאילו אתה פותח שער בבטנו. וי"א לשון מדירות כמו והתאניס השוערים: מסרהיבנא. לפין כלה ומהירות כלומר צריך אני למהר ולילך בדבר מצוה ואין פנאי לסעוד: כודנייתא. פרדות של רבי היו: מלאך המות. במקום ישוב אין המקום היה כדלקמן: ולפני עור לא תתן וגו'. דכי היכי דאסורין נך אסורין לאהדורה זהא ליכא למימר דמזבן נהו לעכו"ם דהכן אין מוכרין להם בהמה גסה: מפקרנא להו. אשכחא ביערות לעלמא דהפקר: מפשת היזיקא דתזוק שלא יהו נשכרים ירכו נזיקין: עקרנא. שלא יוכלו לבעט וכל הבהמות ליכא שיכין לחיות לדיסא: עקרנא. מכנב פרכותיהן ועד ין יכולין לילך: מבחש. מפליר ומזכרו בכבועות. מבהש גרסינן בני"ת ולא בכ"ף: גבה טורא בינייהו. וכבדילן: בחייהן כל נדיקים כך. מהן הקב"ה לכו על

בײַ קײן יודען ניט עסין. דיא יודען זענען הײליג אונ פרום. עס איז דא איזד וואס ער וויל געבין עסין צו פרעמדע. נאר ער האט ניט. פון דעם וויל איך געוויס ניט הנאה האבן. ווייל איך וויל איהם ניט אוים ברײנגען קײן געלט. עס איז דא איזד וואס האט געלט נאר ער וויל ניט געבין קײן פרעמדע מענטשין זאלען הנאה האבען פון זיין געלט. אונ אז ער בעט אײנעם ער זאל עסין בײ איהם. מײנט ער ניט מיט זיין גאנצען הארצען. בײא איהם וויל איך אויך ניט עסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט עסין ברויט בײא דעם מענטש וואס האט אשלעכטע אויג ווער פארגינט ניט אונ דוא זאלסט ניט גלוסטען צוא זיינע גוטע עסין. ווארום ער האט שוין פריער ברעכונט וויא פיל דוא וועסט עסין. ניוי טוהט ער. ער זאגט צו דיר עס אונ טרינק. אבער זיין הארץ איז ניט מיט דיר. אין אמת וויל ער דוא זאלסט ניט עסין. אבער דוא ווילסט געבין אונ דוא ביסט רייך וואלט איך בײא דיר גיגעסען נאר איצט איל איך מיך ווייל איך גיי מאכן א מצוה. אז איך וועל גיין צוריק וועל איך ארײן גיין צו דיר. אז רבי פינחס איז געקומען צוריק אונ ער האט גיוואלט ארײן גיין צוא רבי האט זיך גיטראפען אז ער איז ארײן גיגאנגען אין דיא טיר וואס דארט זענען גישטאנען ווײסע אײזלען האט רבי פינחס גיזאגט דער מלאך המות איז דא בײא רבי אין יטוב וועל איך בײא איהם עסין. וויא רבי האט גיהערט איז ער ארוים גיגאנגען אנטקעגין רבי פינחס. האט רבי גיזאגט צוא רבי פינחס איך וועל פאר קויפען דיא אײזלען. האט רבי פינחס גיזאגט אויב דו וועסט יענעם זאגין אז אזוי סער אײזיל איז א מלאך המות. וועט ער דאך ניט קויפען. אונ אויב דוא וועסט איהם ניט זאגין עס שטייט דאך אין פסוק פאר אבלינדען זאלסטו ניט געבין אשטרויכלונג. דאס מײנט מען דו טארסט קײנעם ניט נארען. האט רבי גיזאגט איך וועל זײא ארוים לאזען. זאלען זײא גײן וואו זײא ווילען. אונ ווער עס וועט וועלין זאל זײא נעמען. האט רבי פינחס גיזאגט אז דוא וועסט זײא ארוים לאזין וועלין זײא מאכען פיל שאדען. האט רבי גיזאגט איך וועל אראפ נעמען זײערע קלאהען וועלין זײא ניט קענען שלאגען מיט זײערע פים. האט רבי פינחס גיזאגט וועלין די אײזלען האבען גרוים צער. אונ מען טאר ניט מאכען שמערצין צו א בהמה. האט רבי גיזאגט איך וועל הרגנן דיא אײזלען. האט רבי פינחס גיזאגט מען טאר ניט קאליע מאכען קײן זאך. האט רבי שטארק גיבעטין בײא רבי פינחס ער זאל ארײן גײן צו איהם. אונ רבי פינחס האט ניט גיוואלט. האט זיך אויף גיהויבען א בארג צווישען רבי אונ רבי פינחס. זײ זאלען ניט זעהן אײנער דעם אנדערין.

האט

עאכ"ו דא"ר חמא בר חנינא גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם שנאמר (מ"ב יג) ויהי הם קוברים איש והנה ראו את הגדוד וישליכו את האיש בקבר אלישע וילך ויגע האיש בעצמות אלישע ויחי ויקם על רגליו א"ל רב פפא לאביי ודלמא לקיומי ביה ברכתא דאליהו דכתיב (שם ב) ויהי נא פי שנים ברוחך אלי א"ל אי הכי היינו דתנינא על רגליו עמד ולביתו לא הלך אלא במה איקיים כדא"ר יוחנן שריפא צרעת נעמן שהיא שקולה כמת שנאמר (במדבר יב) אל נא תהי כמת. אריב"ל למה נקרא

על האותן שלא להעביר על דעתן שגרם הדבר שנכנס כפתח הפרדוס שיפרוש ולא יעבור על דעתו כראשונה שאין דרכו לספיד מאל אהרים כדלקמן: עאכ"ו. שהרי במיתתן גדולים יותר מבחייהם כדאמר רבי חמא: קוברים איש. רשע היה ולא ניתן ליקבר אצל צדיקים: ויגע האיש בעצמות אלישע ויחי. ואילו בחייו כשרצה להחיות בן השונמית הוצרך לשום פיו על פיו ועיניו על עיניו לבקש רחמים: ודלמא לקיומי ברכתא דאליהו. דלא כגי שלא תתקיים דכתיב בצדיקים ותגזר אומר ויקם לך ולאו משום אלישע הוא: פי שנים. אליהו החיה בן הצרפית ואלישע בן השונמית וצריך להיות עוד אחד: אי הכי. דלקיומי ברכתא דאליהו: היינו דתניא. בהמיה ואי משום ברכתא דאליהו היה צריך להיות ממש כמו שעשה אותו שבחיה אליהו אלא לאו ש"מ משום אלישע הוא ולא היה צריך לאלישע אלא לסלקו מאצלו ושתייהו עד שנסתלק משם: אל אלא הכי כמת. בצרעת מרים כתיב: למה נקרא שמן. דכודמייתא ימים דכתיב אשר מלא את הימים:

לא

---

האט רבי גיזיינט אונ האט גיזאגט מאדאך ווען דיא צדיקים לעבין טוהט גאט זייער ווילען ורבי פינחס האט ביא זיך גימאכט ער זאל ניט עסין ביא קיין מענטש: מאכט גאט אז אזוי זאל זיין. דריבער האט ער גימראפען אריין צו גיין צו דיא ווייסע איזלען: ער זאל ביי מיר ניט עסין. ווען דיא צדיקים שטארבען טוהט גאט געוויס זייער ווילען. ווארום רבי חמא בר חנינא האט גיזאגט דיא צדיקים נאך זייער שטארבען זענען זייא גרעסער וויא זייא זענען גיווען ווען זייא האבען גילעבט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיווען זייא האבען בגראבין אמענטשין האבען זייא דער זעהן דיא מחנה וואס קומט האבען זייא אוועק גיטאהן דעם טויטען מענטש אין דעם קבר פון אלישע ואונ זייא זענען אנטלאפען אונ דער טויטער קערפער האט אן גערירט דיא ביינער פון אלישע איז דער טויטער לעבעדיג גיווארען אונ איז אויף גישטאנען אונ איז געבליבען שטיין אויף זיינע פיס. זעהן מיר ווען אלישע הט גילעבט אונ ער האט גיוואלט לעבעדיג מאכען אקינד וויא שווער עס איז איהם אן גיקומען די זאך. ער האט גימוזט לייגען זיין מויל אויף דיא מויל פון דעם קינד אונ זיינע אויגען אויף דיא אויגען פון דעם קינד אונ ער האט גימוזט אזוי פיל בעטין צו גאט. אונ דער נאך וויא אלישע איז גישטארבען. מען האט איהם נאר אנגערירט האט מען שוין גילעבט. האט רב פפא גיזאגט צו אביי טאמער איז דער מענטש לעבעדיג גיווארען ווייל דיא ברכה פון אליהו הנביא האט גימוזט מקויים ווערין. וואס אליהו האט גיבענשט אלישען אז זיינע נביאות זאל זיין צוויא מאהל אזוי פיל וויא דיא נביאות פון אליהו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע האט גיזאגט צו אליהו צוויא מאהל אזוי פיל וויא דיינע נביאות איז זאל זיין ביא מיר. אונ אליהו האט לעבעדיג גימאכט איין מת האט אלישע גידארפט לעבעדיג מאכען צוויא מתים. אונ איין מת האט אלישע לעבעדיג גימאכט ווען ער האט גילעבט. דעם אנדערין מת האט ער איצט לעבעדיג גימאכט נאך זיין טויט. אבער דאס איז אליין ניט גיוועזן דורך אלישעם פרומקייט. נאר דורך דיא ברכה פון אליהו. האט אביי גיזאגט צו רב פפא אויב ער איז לעבעדיג גיווארען דורך דיא ברכה פון אליהו האט ער גידארפט לעבעדיג ווערין אין אמת אזוי וויא דער קינד פון אליהו האט גילעבט פיל יאהרען. פאר וואס האבען מיר גילערנט דער מענטש איז נאר אויף גישטאנען וער זאל ניט ליגען לעבין אלישען אבער אהיים איז ער ניט גיגאנגען. נאר געוויס מוז זיין אז ער איז נאר לעבעדיג גיווארען דורך אלישע. אזוי ארשע זאל ניט ליגען נעבין איהם. דריבער איז גינוג גיווען אז ער איז אויף גישטאנען אונ איז אוועק גיגאנגען פון זיין קבר. אבער אהיים איז ער ניט גיגאנגען. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי דען איז מקוים גיווארען דיא ברכה פון אליהו. ענפערט דיא גמרא אזוי וויא רבי יוחנן האט גיזאגט ווס אלישע האט אויס גיהיילט דיא קרעץ פון נעמן דאס איז גלייך וויא ער וואלט אטויטען לעבעדיג

גימאכט

נקרא שמם ימים שאימתן מוטלת על הבריות דא"ר חנינא מימי לא שאלני אדם על מכת פרדה לבנה וחיה והא קא חזינא דחיי אימר והיית והא קא חזינא דמיתסי דחוורן ריש כרעייהו קא אמרינן:

(דברים ד) **אין** עוד מלבדו א"ר חנינא ואפילו כשפים ההיא אתתא דהות קא מהדרא למשקל עפרא מתותי כרעיה דר' חנינא אמר לה שקולי לא מסתייעא מלתיך אין עוד מלבדו כתיב והא"ר יוחנן למה נקרא שמם כשפים שמכחישין פמליא של מעלה שאני ר' חנינא דנפישא זכותיה. וא"ר חנינא אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אא"כ מכריזין עליו מלמעלה שנא' (תהלים לז) מה' מצעדי גבר כוננו (משלי כ) ואדם מה יבין דרכו א"ר אלעזר דם ניקוף מרצה כדם עולה אמר רבא בגודל ימין ובניקוף שני והוא דקאזיל לדבר מצוה,

אמרו

לא שאלני. ר' חנינא רופא היה ומכלה מיהי לא נמסכת יומא בהיגיתו לו: והיה. משמע במת החוכה: והיית. לשון נקבה ומכלה קאי שאין מתרפאת: אין עוד מלבדו. משום ר' חנינא נקט לה: ואפילו כשפים. אינם מלבדו כלומר אלא מדעתו כלומר שאם לא נגזרה גזרה מלפניו אין מריעין לו להרע: מהדרא. מחזרת וטורחת שלא יבין: למשקל עפרא. לעשות בלו כשפים להמיתו: כשפים. מטריקין שמכחישין פמליא של מעלה אלא גזרו על אדם זה למות והוא מת ע"י כשפים: נוקף. נוגף אשוטי"ר בלעז: מכריזין. גזרו עליו מעלה. מכפר: גודל ימין. מפני שהוא נוגף בכח ומלמטר הכהנה: וניקוף שני. קודם שנתרפא

---

גימאכט. וארום אקרעציגער איז גלייך וויא אגעשטארבענער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען מרים איז קרעציג געווארען האט אהרן געזאגט אויף מרים זיא זאל ניט זיין וויא אטויטע רבי יהושע בן לוי זאגט פאר וואס רופט מען דיא ווילדע אייזלען ימים. וייל זייער מורא ליגט אויף אלע מענטשען. ווארום רבי חנינא האט געזאגט ציים איך בין אדאקטאר האט נאך ניט געטראפען אז איינער זאל ביא מיר פרעגען אויף דער מכה וואס ער האט פון אווייסען אייזעל און ער זאל לעבען: פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז מען לעבט יא. ענטפערט דיא גמרא אזוי האט רבי חנינא געזאגט דיא מכה בלייבט ניט לעבין. זיא ווערט ניט געזונד. פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז דיא מכה ווערט אויך געזונד. ענטפערט דיא גמרא דיא מכה וואס אמענטש האט פון אזעלכע אייזלען וואס האבען ווייסע קניא. די מכה ווערט ניט געהיילט:

**ז** אין: עס איז נישטא קיינער אויסער גאט. רבי חנינא זאגט אויב גאט האט גוזר געווען גוטס אויף אמענטשין. קענען איהם אפילו כישוף אויך ניט שלעכטס טאהן. אאשה האט אמאהל געזוכט צו נעמען ערד פון אונטער רבי חנינאס פיס זיא זאל איהם קענען טאהן כישוף. האט רבי חנינא צו איהר געזאגט נעם דיא ערד עס וועט דיר ניט העלפין. ווארום עס שטייט אין פסוק אין עוד מלבדו. עס איז נישטא אויסער גאט. אז גאט האט ניט גוזר געווען שלעכטס אויף איין מענטשין. קענען איהם דיא כישוף ניט שלעכטס טאהן. פרעגט די גמרא רבי יוחנן האט דאך געזאגט פאר וואס רופט מען דאס כשפים. שמכחישין פמליא של מעלה. זייא מאכען פאר ליגנערס דיא אלע שרים פון הימעל. למשל אין הימעל האט מען ניט גוזר געווען אויף דעם מענטש ער זאל שטארבען. און דיא מכשפים קענען מאכען ער זאל יא שטארבען. ענטפערט דיא גמרא מכשפים קענען טאקי ענדערין דיא גזרה פון גאט. נאר ניט רעגין רבי חנינא. וייל רבי חנינא איז גאנץ פרום געווען. האט איהם גאט געהיט פון כשוף אויך. נאך האט רבי חנינא געזאגט אמענטש גיט זיך ניט אקלאפ אין פינגער סיידין מען רופט איהם אויס אין הימעל. דער מענטש זאל זיך אקלאפ טאהן אין פינגער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא טריט פון מענטשין איז אן גיברייט פון גאט און דער מענטש וואס פאר שטייט זיין וועג. דער מענטש וויס גאר ניט וואו ער גייט. נאר פון הימעל ווערט אויף איהם אויס גירופען וואו אהין ער זאל גיין און וואס איהם זאל טרעפען אין דעם וועג. רבי אלעזר זאגט אז אמענטש גיט זיך אקלאפ אפילו אין אפינגער און עס גייט ארויס בלוט. דיא בלוט איז מכפר זיינע עבירות גלייך וויא ער וואלט מקריב געווען אעולה און וואלט געשפריצט דיא בלוט אויף דעם מזבח. רבא זאגט דס איז נאר אז דער קלאפ איז געווען אין דעם גראבען פינגער פון דיא רעכטע האנט. און דאס איז געווען דער אנדערער קלאפ. ער האט זיך שוין איין מאהל אקלאפ געטאהן אויף דעם

ארט

אמרו עליו על ר' פנחס בן יאיר מימיו לא בצע על פרוסה שאינה שלו ומיום שעמד על דעתו לא נהנה מסעודת אביו :

(דף ט) **ח אמר** רב יהודה אמר רב תלמיד חכם צריך שלמד שלשה דברים כתב שחיטה ומילה ורב חנניא בר שלמיה משמיה דרב אמר אף קשר של תפילין וברכת חתנים וציצית :

(דף י ע"ב) **ט בית** אפל אין פותחין בו הלונות לראות את נגעו ה"מ היכא דלא איתחזק אבל היכא דאיתחזק איתחזק :

(דף יג ע"ב) **י אמר** מר שחיטת עכו"ם נבלה וניחוש שמא מין הוא אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה אין מינים באומות והא קא חזינן דאיכא אימא אין רוב אומות מינים סבר לה כי הא דאמר רב חייא בר אבא א"ר יוחנן עכו"ם

כדאמרן : בצע . ברכת המוציא שלא רצה לאכול כזית מכל להריס : כתב . לכתוב שידע לחתום שמו אלו יבא לדין או לעדות : שחיטה . לאמן ידו בכך אפילו בקי בהלכותיה : קשר של תפילין. יש בו אומנות שעשוי כמו אות ד' שיהא נראה כהן שד"י השי"ן חקוקה בקמטי העור כעין שי"ן ורצועה קטנה כפולה ותלויה כעין יו"ד והקשר עשוי כעין דל"ת :

בית אפל . שצריך לפתוח בו חלונות לראות הנגע פוטרים אותו לגמרי כדכתיב כנגע נראה לי בבית לי ולא לאורי שהם עמד במקום אפל וצריך שם להדליק את הנר אינו נגע : דלא איתחזק . כל זמן שלא ראה הכהן את הנגע במראותיו שהיה מקום אפל ואין מראהו ניכר אבל נגע שעומד אחורי הדלת וכבר הכיר שהוא נגע ואין צריך חלון אלא להעמידו בחזקתו פותחין :

אין רוב אומות. מינים הילכך הוו להו מינים מיעוטא ומיעוטא לא חיישינן

---

ארט . אונ עס איז נאך ניט אוים גיהיילט גיווארען . אונ אויף דעם קאפ האט ער זיך גיטאהן נאך אקאפ איז דיא שמערצין גרויס . אונ דעם קאפ האט ער זיך גיטאהן ווען ער איז גינאנגען טאהן אמצוה . אויף דעם זאגען מיר אז דיא בלוט איז מכפר אזוי וויא דיא בלוט פון אעולה . מען האט גזאגט אויף רבי פינחס בן יאיר אזו לאנג ווי ער הט גילעבט הט ער ניט גימאכט אמוציא אויף אשטיקול ברויט וואס ער איז ניט זיינע . אונ פון דעם טאג וום ער איז געקומען צו זיין פאר שטאנד הט ער ניט הנאה גיהאט פון זיין פאטערס עסין :

**ח** אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין אתלמיד חכם דארף לערנען צוא קענען דריי זאכען . שרייבען אונ שעכטען . אונ מל זיין . רב חנניה בר שלמיה האט גזאגט פון רבם וועגין דער תלמיד חכם דארף קענען מאכען אקשר פון תפלין . אונ דארף קענען זאגען אוים ווייניג דיא ברכות וואס מען זאגט אונטער די חופה פאר חתן כלה . אונ דארף קענען איין מאכען ציצית אין אארבע כנפות :

**ט** בית . אז עס איז דא אנגע אין אפינסטערע שטוב . דארף מען ניט עפענען אפענסטער אין שטוב דער כהן זאל זעהן דיא נגע . נאר דיא שטוב בלייבט ריין . דאס איז נאר אז דער כהן האט נאך גאר ניט גיזעהן דיא נגע . אבער אז דער כהן האט שוין גיזעהן דיא נגע . למשל ווען מען האט גיפונט דיא טיר אביין צו גיין אין שטוב . האט ער דער זעהן דיא נגע . נאר ער האט נאך ניט גוט גיזעהן דעם קאלאר פון דיא נגע . מוז מען שוין עפענען פענסטערס דער כהן זאל קענען גוט זעהן דיא נגע . ער זאל קענען זאגען אויב דיא שטוב איז טמא אדער טהור :

**י** אמר . דער תנא האט גזאגט אז אגוי שעכט אבהמה איז דיא בהמה אנבלה . מען טאר זיא ניט עסין אבער מען מעג פון איר הנאה האבען . פרעגט דיא גמרא מען דארף דאך מורא האבען טאמער איז דער גוי אאפיקורוס אונ ער האט גישאכטען דיא בהמה צוא דיא עבודה זרה . טאר מען דאך פון איר קיין הנאה ניט האבען . הט רב נחמן גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין . ביי די פעלקער איז ניטא קיין אפקורסים . פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז ביי די פעלקער איז יא דא אפקורסים . ענפערט דיא גמרא דאס מערסטע פעלקער זענען ניט קיין אפקורסים . דיא אפקורסים וואס זענען צווישען זייא זענען נאר אביסעל . דריבער האבען מיר ניט מורא טאמער איז דער גוי גיוועזען אאפיקורוס . ער האלט אזוי וויא רב חייא בר אבא הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין די גוים וואס זענען אויסער ארץ ישראל דינען ניט עבודה זרה . נאר

וויא

עכו"ם שבח"ל לאו עובדי עבודה זרה הן אלא מנהג אבותיהן בידיהן :

(דף פו) **יא יתיב** רב אחוריה דרבי חייא ורבי חייא קמיה דרבי ויתיב רבי וקאמר מנין לשחיטה שהיא בהלוש שנא' (בראשית כב) ויקח את המאכלת לשחוט א"ל רב לר' חייא מאי קאמר א"ל וי"ו דכתיב אאופהא קאמר והא קרא קאמר קרא זריזותיה דאברהם קמ"ל :

(דף כג) **יב תנא** דבי ר"י כל מקום שנאמר השחתה אינו אלא דבר ערוה וע"ז דבר ערוה דכתיב (בראשית ו) כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ ע"ז דכתיב (דברים ד) פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל :

(דף כד) **יג כתוב** אחד אומר (במדבר ח) מבן חמש ועשרים שנה ומעלה וכתוב אחד אומר (שם ד) מבן שלשים שנה הא כיצד עשרים וחמשה לתלמוד

ושלשים

**פירוש**

**אלי קאמר**. היכי יליף טעמא מהכא : א"ל וי"ו דכתיב אאופתא קאמר . כלו' טעם שאינו נכון **קאמר כמו** שכותב וי"ו על הבקעה וכולה מנותחה **נסיקים** מפני שני הבקעה שהן עבויין תגילין ואינה חלוקה . נ"א אותן תגילין קרי וי"ו ורבי חייא **לטעמיה** דמכשר לעיל שחיטה במחובר : וקפריך . **תלמודא** והא קרא קאמר : זריזותיה דאברהם קמ"ל . שהם וחכר שמא לא ימצא צור אפילו מחובר והביא עמו מאכלת :

**דבר ערוה** . רובע ונרבע : ע"ז . נעבד שהשחתה **לנכמתו** : כי השחית כל בשר . בדור המבול **בסיב זדור** במבול בערוה קלקלו כדכתיב ויקחו **להם נשים גו'** שהיו מקקין לנשי רעיהן ולכל בהמה וחיה :

לתלמוד

זייא טוהען אזו וויא זייערע עלטערין האבען גיטאהן . דריבער אז אגוי שעכט אבהמה מיינט ער ניט צוא דיא עבודה זרה . איז די בהמה נאר אנבלה אונ מען מעג פון איר הנאה האבען :

**יא** יתיב . רב איז גיזעסען אינטער רבי חייא . אונ רבי חייא איז גיזעסען פאר רבי . אונ רבי איז גיזעסען אונ האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז שעכטען מוז מען נאר מיט אזוי אזאך וואס איז ניט צו גיוואקסען צו דיא ערד . ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם האט גענומען דעם מעסער אונ האט גיוואלט שעכטען זיין זוהן . האט רב גזאגט צו רבי חייא וואס זאגט רבי . האט רבי חייא גזאגט דער פסוק וואס רבי האט גזאגט איז אזוי גלייך צוא דעם דין וויא דער וא"ו וואס איז געשריבען אויף אשפאן . איז דאך דער וא"ו ניט גלייך געשריבען וייל דער שפאן איז ניט גלייך . אזוי איז דער פסוק ניט גלייך צו דעם דין . האט רב גיפרעגט דער פסוק זאגט דאך אז אברהם האט גענומען אמעסער צום שעכטען . אז מען זאל מעגין שעכטען מיט וואס מען וויל . דאך דאך דער פסוק ניט זאגען מיט וואס ער האט גיוואלט שעכטען . ענטפערט רבי חייא דער פסוק צייגט אונז וויא שטארק אברהם האט גיוואלט טאהן דיא מצוה : ער האט מורא געהאט טאמער וועט ער אויף דעם בארג המוריה ניט געפינען מיט וואס צוא שעכטען . האט ער מיט גענומען פון דער היים אמעסער . אבער מען מעג שעכטען מיט וואס מען וויל :

**יב** תנא . דבי רבי ישמעאל האט גילערנט וואו עס שטייט אין פסוק דער ווארט השחתה . פאר דארבונג . מיינט מען נאר מזנה זיין אונ עבודה זרה דינען . אז מען מיינט מזנה זיין ווייסען מיר פון דעם פסוק כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ . יעדעס לעבעדיגע זאך האט פאר דארבען זיין נאטור אויף דער וועלט . יעדעס לעבעדיגע זאך האט מזנה גיוועזן מיט אפרעמדן מין למשל דער אקס האט מזנה גיוועזן מיט אפערד . דער מענטש האט מזנה גיוועזן מיט אבהמה . אונ אז מען מיינט עבודה זרה דינען ווייסען מיר פון דעם פסוק פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל טאמער וועט איר פאר דארבען אונ איר וועט מאכען פאר אייך אבילד אונ איר וועט דינען צוא איהם :

**יג** כתיב . אין איין פסוק שטייט אז דער לוי וועט אלט ווערין פינף אונ צוואנציג יאהר זאל ער אריין גיין דינען אין בית המקדש . אונ אין אנדערין פסוק שטייט אז דער לוי וועט אלט ווערין דרייסיג יאהר זאל ער אריין גיין דינען אין בית המקדש . נאר ווען ער ווערט אלט פינף אונ צוואנציג יאהר גייט ער אריין זיך לערנען דיא ארבעט פון בית המקדש . אונ ער לערנט זיך פינף

יאהר

ושלשים לעבודה מכאן לתלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו חמש שנים שוב אינו רואה ר' יוסי אומר ג' שנים שנאמר (דניאל א) ולגדלם שלש שנים וללמדם ספר ולשון כשדים ואידך שאני לשון כשדים דקליל ואידך שאני הלכות עבודה דהקיפין:

(ע"ב) **יד אמרו** עליו על ר' חנינא שהיה בן שמונים שנה והיה עומד על רגלו אחת והולץ מנעלו ונועל מנעלו א"ר חנינא חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי הם עמדו לי בעת זקנותי:

לתלמוד. ללמוד הלכות עבודה: שלא ראה סימן יפה. לומר ובוכה: ר' יוסי אומר בג' שנים. צריך שיהא רואה סימן יפה במשנתו: דהקיפין. להוריד המזבח לפרקו ולנטותו ולהעמיד קרשיו וקרסיו והביר לקרבן כפה וכלי:
מן היבשה. נסיכך יש לו היות בריה והזב: רקק. גרביל"ת שיש בה מים ויבשה: הדע. שמן הרקק נבראו: ועוד שאלו. קונטריקון ההגמון שאל את ר"ג שאלה הרבה והם בנבירות וגם זאת שאלו והבא הייא מבוב גרלת דעופות. כתבו בתוספות ועוד שאלו פירוש קונטריקון ההגמון את ר' יוחנן בן זכאי ולא כמו בפירש בקונטרס את ר"ג ובכל דוכתא דאיכא ועוד שאלו עליה קאי ולתנ"ג דלא מייתי התם כמו בו ביום שבכל התלמוד דהוי ביום שמינו בו את ר' אלעזר בן עזריה נשיא כדאמרינן בפ' תפלת השחר ע"כ: שרץ נפש חיה ועוף.

## השוחט פ"ק שני

(דף כז ע"ב) **א דרש** עובר גלילאה בהמה שנבראת מן היבשה הכשרה בשני סימנים דגים שנבראו מן המים הכשרן בולא בלום עוף שנברא מן הרקק הכשרו בסימן א' אמר רב שמואל קפוטקאה תדע שהרי עופות יש להן קשקשים ברגליהם כדגים. ועוד שאלו כתוב אחד אומר (בראשית א) ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה ועוף יעופף על הארץ אלמא

מכיא

---

יאהר. ביז דרייסיג. אונ אז ער ווערט אלט דרייסיג יאהר. גייט ער אריין צוא דיא ארבעט. פון דאנען וויסען מיר אז א תלמיד האט גילערונט פינף יאהר אונ ער האט ניט גיזעהן קיין ברכה אין זיין לערנען. ער לערנט אונ פאר געסט. וועט ער שוין קיין ברכה ניט האבען פון זיין לערנען קיין מאהל. רבי יוסי זאגט אין דריא יאהר דארף א תלמיד זעהן א ברכה אין זיין לערנען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מען זאל זייא אלעווען דרייא יאהר אונ מען זאל זייא לערנען שרייבען אונ דיא שפראכע פון כשדים. זעהן מיר אז אין דרייא יאהר קען מען זיך אויס לערנען. אונ דער ערשטער תנא זאגט ווייל דיא שפראכע פון כשדים איז גרינג קען מען זיא אויס לערנען אין דריי יאהר. אבער צוא אנדערע לערנונגען מוז מען האבען פינף יאהר. אונ רבי יוסי זאגט ווייל דיא ארבעט פון משכן איז געוועזן שווער דריבער האט מען גידארפט לערנען פינף יאהר אבער אנדערע לערנונגען איז גענוג דריי יאהר:

**יד** אמרו. מען דער ציילט אויף רבי חנינא ווען ער איז אלט גיוועזן אכטציג יאהר איז ער גישטאנען אויף איין פוס אונ האט אויס גיטאהן דעם שוך אונ האט אן גיטאהן דעם שוך. אונ רבי חנינא האט גזאגט דאס וואס מיין מוטער הט מיך גיבאדען איןווארעמע וואסער אונ הט מיך געשמירט מיט בוימאייל אין מיין יוגענד. דאס גיט מיר כח אויף מיין עלטער:

## פרק שני

דרש. עובר גלילאה האט גידרשת א בהמה וואס זיא איז בשאפען גיווארען פון טרוקענע ערד. האט זיא א שטארקען כח. גייט פון איר ניט ארויס דאס לעבין ביז מען שניידט איין אין ביידע סימנים. דעם קנה אונ דעם וושט. פיש וואס זייא זענען בשאפען גיווארען פון וואסער. איז זייער לעבין נאר שוואך. דארף מען זייא גאר ניט שעכטען. אונ אז זייא פיגערין מעג מען זייא אויך עסין. עופות וואס זענען בשאפען גיווארען פון שיטערע בלאטע. דארף מען שעכטין איין סימן. דעם קנה אליין אדער דעם וושט אליין. אונ אז זייא פייגערין טאר מען זייא ניט עסין. רב שמואל קפוטקאה זאגט איך וועל דיר ברייגגען א בעווייזונג אז עופות זענען בשאפען גיווארען פון וואסער מיט בלאטע. ווארום עופות האבען שופען אויף דיא פיס אזוי וויא פיש. נאך האט גיפרעגט דער כומר קונטריקון ביי רבן גמליאל אין איין פסוק שטייט גאט האט גזאגט די וואסער זאל ווידמען אווידמונג פון אלעבעדיגע זאך אונ אעוף זאל פליהען אויף דיא ערד. זעהן מיר אז

עופות

ממיא איברו וכתיב (שם ב) ויצר ה' אלהים מן האדמה כל חית השדה ואת כל עוף השמים אלמא מארעא איברו א"ל מן הרקק נבראו ראה תלמידיו מסתכלים זה בזה אמר להם קשה בעיניכם שדחיתי את אויבי בקש מן המים נבראו ולמה הביאן אל האדם לקרות להם שם וי"א בלשון אחרון אמר לאותו הגמון ובלשון הראשון אמר להם לתלמידיו משום דכתיב על ויצר :

היכא במשנה היינו את הראש בבת אחת פסולה וע"ז פריך בגמרא (דף ל' ע"ב) **ב מה"מ** אמר שמואל דאמר קרא (ירמיה ט) חץ שחוט לשונם מרמה דבר תני דבי רבי ישמעאל אין ושחט אלא ומשך וכן הוא אומר (מ"א י) זהב שחוט ואומר חץ שחוט לשונם מרמה דבר מאי ואומר וכי תימא זהב שחוט שנטווה כחוט הוא ת"ש חץ שחוט לשונם

רבא

אלמא ממיא איברו עופות : ולמה הביאן אל האדם . ר"ג קאמר לה כלומר ולמה נכתבו כאן משום קריאת שם : לקרות להם שם . וה"ק ויצר מן האדמה כל חית השדה ואת כל עוף השמים לראות מה יקרא לו ולאו איצירה קאי : משום דכתיב . ואת כל עוף השמים : על ויצר . דמשמע דאיצירה נמי קאי . ל"א משום דכתיב על כלומר מקרא קמא גופיה משתמע דמן הארץ איתבריאו דכתיב על הארץ דמשמע דמינה איתבריאו וכתיב נמי בקרא בתרא ויצר מן האדמה זה משמעתי ולשון נראה בעיני :

חץ שחוט . מה חץ הולכת במשיכה אף שחיטה במשיכה:
זהב שחוט . משוך שהוא רך ומושכין אותו כעין שעושין טרסי נחשת חוטין שעושין מהן מהטין: שנטווה כחוט . ושחוט כמו כחוט אבל בהם לאו לשון

עופות זענען בשאפען געווארען פון וואסער . אונ אין אנדערן פסוק שטייט נאט האט בשאפען פון דיא ערד אלע חיות פון פעלד אונ אלע עופות וואס פליהען אונטערן הימעל . זעהן מיר דאך אז עופות זענען בשאפען געווארין פון ערד . האט רבן גמליאל גזאגט דיא עופות זענען בשאפען געווארין פון שיטערע בלאטע . וואסער מיט ערד . האט רבן גמליאל גיזעהן אז די תלמידים קוקען איינער אויף דעם אנדערין . האט רבן גמליאל צו זייא גזאגט עס פאר דריסט אייך וואס איך האב אוועק גישטויסען מיין פיינד מיט אשטרוי . דיא עופות זענען בשאפען געווארין נאר פון וואסער . נאר וויל מען האט גיברייננט דיא עופות צוא זאמען מיט דיא חיות צו אדם הראשון ער זאל זייא רופען נעמען . דריבער שטייט אין פסוק דיא עופות נעבין דיא חיות וואס דיא חיות זענען בשאפען געווארין פון ערד . אונ דיא עופות פון וואסער . אונ אזוי מיינט דער פסוק נאט האט בשאפען פון דיא ערד אלע חיות פון פעלד ואונ ער האט זייא גיברייננט צו אדם ער זאל זייא רופען נעמען . אונ דיא עופות וואס פליהען אונטער דעם הימעל והאט ער אויך גיברייננט צו אדם ער זאל זייא רופען נעמען . אנדערע זאגען פאר קערט צום כומר האט רבן גמליאל גזאגט אזוי וויא דער אנדערער לשון . אונ צוא דיא תלמידים האט ער גזאגט ווי דער ערשטער לשון . וויל אין פסוק שטייט אליין צו זאמען נאט האט בשאפען פון דיא ערד אלע חיות פון פעלד אונ אלע עופות פון הימעל . מיינט מען אונ אלע עופות וואס פליהען אונטער דעם הימעל האט ער אויך בשאפען פון ערד . דריבער מוז מען זאגען אז דיא עופות זענען בשאפען געווארען פון שיטערע בלאטע . דס איז וואסער מיט ערד :

**ב** מנא הני מילי . פון וואנען ווייסען מיר אז דער שוחט האקט אראפ דעם קאפ פון א בהמה אדער פון אעוף מיט איין מאהל איז דיא בהמה טריף . האט שמואל גיזאגט וואום עס שטייט אין פסוק חץ שחוט לשונם מרמה דבר . זייער צונג איז וויא אפייל וואס ער ווערט גיצויגען ופון דעם וואס ווארפט איהם ביז צו דעם וואס ער פאלט אויף איהם . זעהן מיר אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען . הדריבער דארף מען ציהען דעם חלף אויף דעם האלדז פון דיא בהמה ווען מען שעכט איר . אונ ניט אראפ האקן מיט איין מאהל . דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט ושחט איז דער טייטש גיצויגען . אונ אזוי שטייט אין פסוק זהב שחוט . גיצויגענע גאלד . נאך זאגט דער פסוק חץ שחוט לשונם . זייער צונג איז וויא אפייל וואס ער ווערט גיצויגען . צו וואס ברייננט דיא גמרא דעם פסוק חץ שחוט . מיר ווייסען דאך שוין פון זהב שחוט אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען . נאר פון זהב שחוט ווארטע מיר גיט וויסען אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען איך וואלט זאגען אז שחוט איז דער טייטש אפאדים . זהב שחוט . גאלד גישפונענע וויא אפאדים . דריבער דארפען מיר אפ לערנען פון

חץ

רבא הוה בדיק להו גירא לר' יונה בר תחליפא ושחט בה עופא בהדי דפרח:

(דף לז ע"ב) ג **כתיב** (יחזקאל ד) ואמר אהה ה' אלהים הנה נפשי לא מטומאה ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי ועד עתה ולא בא בפי בשר פגול. הנה נפשי לא מטומאה שלא הרהרתי ביום לבא לידי טומאה בלילה. ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי שלא אכלתי בשר כוס כוס מעולם. ולא בא בפי בשר פגול שלא אכלתי מבהמה שהורה בא חכם משום ר' נתן אמרו שלא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה:

איתא במשנה השוחט לשם הרים וכו' שחיטתו פסולה וע"ז פריך הגמרא

(דף מ) ד **פסולה** אין זבחי מתים לא ורמינהו השוחט לשם הרים לשם גבעות לשם נהרות לשם מדברות לשם חמה ולבנה לשם כוכבים ומזלות לשם מיכאל שר הגדול לשם שלשול קטן הרי אלו זבחי מתים אמר אביי

מטיכס כוה: כדק להו גירא: מסגימס: הנה נפשי לא מטומאה. יחזקאל קאמר ליה להקב"ה לפי שהיה אומר לו קח לך חטין ושעורים וגו' ועוגת שעורים תאכלנה והיא בגללי צאת האדם וגו': מקרה יום ומקרה לילה לא כתיב בקרא ולא גרסינן ליה: לידי טומאה. קרי: כוס כוס. שחוט שחוט שלא תמות לפי שמסוכנת היא דנבלה ממש ליכא למימר דא"כ מאי רבותיה: שהורה בה חכם. שנולד בה ספק והולך לשאול לחכם להתירו: מתנותיה. הזרוע והלחיים והקבה ואע"פ שהתר היה כהן ובלא הרמה יכול לאכלה: זבחי מתים. ליאסר בהנאה כדין תקרובת ע"ז שאסורה כמת ומת אסור בהנאה דנפקא לן מוסמת שם מרים וגמר שם שם מעגלה ערופה: מיכאל ושלשול קטן. כלומר לשם גדולים שבכל הבריות או לשם קטן שבכולם: שלשול. תולעת: מהני' דאמר לשם הר. הר אינו נעבד ע"ז דכתיב אלהיהם על ההרים ולא ההרים אלהיהם במסכת ע"ז סלגך

---

חיך שחוט. אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען. רבא הט אמאהל גענומען אפייל אונ ער הט גיזעהן אז אין איהם איז ניטא קיין שטשערב האט ער גיגעבען דעם פייל צוא רבי יונה בר תחליפא אונ רבי יונה האט אוואָרף גיטאהן דיא פייל צוא אעוף וואס איז גיפלויגען אונ פליהענדיג האט ער גיטראָפען דיא פייל אין דעם האלדז פון דעם עוף אונ עס האט איהם גישאכטען:

ג כתיב. עס שטייט אין פסוק יחזקאל הנביא הט דער צוילט איך האב גזאגט וויא איז צו מיר מיין נשמה איז ניט פאר אומריינינגט גיוואָרין אנבלה אונ אטרפה האב איך ניט גיגעסען פון מיין יוגענד ביז איצט אונ עס איז ניט געקומען אין מיין מויל פלייש וואס איז פגול. מיין נשמה איז ניט פאר אומריינינגט גיוואָרין מיינט מען איך האב ניט גיטראכט ביי טאג פון ווייבער דריבער בין איך ניט טמא גיוואָרין ביא נאכט פון שכבת זרע. אנבלה אונ אטרפה האב איך ניט גיגעסען פון מיין יוגענד ביז איצט. דאס מיינט מען איך האב ניט גיגעסען פון אזעלכע פלייש וואס מען האט גזאגט שעכט שעכט געשווינד דיא בהמה ווארום זיא וועט באלד פייגערין. אין מיין מויל איז ניט געקומען פלייש וואס איז פגול. דאס מיינט מען איך האב ניט גיגעסען פון אזוי אבהמה וואס מען האט אויף איר גיפרעגט אשאלה ביא ארבם. אפילו דער חכם האט גזאגט כשר. פון רבי נתן זעגין האט מען גזאגט אזוי האט יחזקאל גימיינט איך האב ניט גיגעסין פון אבהמה וואס מען האט פון איר ניט גיגעבען דיא מתנות ואז מען שעכט אבהמה דארף מען געבין פון איר איין פאָרערשטע פוס. אונ דיא באקין. אונ דעם מאגען צום כהן:

ד פסולה. אין דער משנה שטייט אז מען שעכט אבהמה פון וועגין אבארג. איז דיא שחיטה פסול פרעגט דיא גמרא איז דען דיא שחיטה נאר פסול. מען טאר דיא בהמה ניט עסין אבער הנאה האבין מעג מען פון איר. מיר האבין דאך גילערונט אז איינער שעכט פון וועגין דיא הויכע בערג. אדער פון וועגין דיא נידעריגע בערג. אדער פון וועגין דיא טייכין. אדער פון וועגין די מדברות ודי וויסטע ארטער. אדר פון וועגין די זוהן אונ די לבנה. אדר פון וועגין די שטערין אונ דיא מזלות אדער פון וועגין מיכאל וואס ער איז דער גרויסער שר. אדער פון וועגין דאס קלענסטע ווערעמיל. טאר מען ניט הנאה האבין פון דיא גישאכטענע פלייש. ענפערט דיא גמרא אביי זאגט עס איז ניט קיין קשיא. די משנה שמועסט אז ער האט גיזאגט איך

שעכט

**אביי** לא קשיא הא דאמר להר הא דאמר לגדא דהר דיקא נמי דקתני דומיא דמיכאל שר הגדול ש"מ :

# אלו טרפות פרק שלישי

(דף מג) **א תנא** דבי ר' ישמעאל (ויקרא יא) זאת החיה אשר תאכלו מלמד שתפס הקב"ה מכל מין ומין והראה לו למשה וא"ל זאת אכול וזאת לא תאכל :

(דף מג) **ב תניא** ניקבה הקבה ניקבו הדקים טרפה ר' יוסי בר יהודה אומר אף ניקבה הסרה א"ר יצחק בר יוסף א"ר יוחנן מאי אהדרו ליה חברי' לר' **יוסי בר יהודה** (איוב טז) **ישפוך** לארץ מררתי ועדיין איוב קיים א"ל אין מזכירין מעשה **נסים** דאי לא תימא הכי (שם) יפלח כליותי ולא יחמול מי קא חיי אלא ניסא שאני דכתיב (שם ב) רק את נפשו שמור הכא נמי ניסא שאני :

**נשמן** לא מיקרי זבחי מתים ומיהו פסולה מלאכול משום דדמיא לשחיטת ע"ז ומיחלפא בה וכדתנן השוחט לשם הר לשם גידל ונידב שחיטתו פסולה משום דדמי לשוחט קדשים נתון : לגדא דהר. למזלו כממונה על ההרים : דומיא דמיכאל. דלאו מחובר הוא ובעלי חיים אע"ג דלא מיתסרי משום ע"ז בדקי"ל בתמורה מדאסר רחמנא נעבד לגבוה מכלל דלהדיוט שרי מיהו אלהות מקרי כדכתיב הן נזבח את תועבת מצרים וכתיב וראית את השמש ואת הירח ואת הכוכבים כל צבא השמים :

**יפלח כליותי.** הייא לקותא וטרפה : **אין מזכירין מעשה נסים** : לראיה מהם : רק את נפשו שמור. מכה מות הכאו ולכך נצטוה לשמור נפשו **כדאמרינן** בהמוחפין גדול לצרו של שטן יותר משל **איוב** משל להגוי נעבדו שבור ההבית ושמור יינם :

תניא

---

שעכט דיא בהמה פון וועגן דעם בארג. און אבארג איז ניט קיין עבודה זרה . דריבער מעג מען הנאה האבין פון די בהמה . נאר עסין טאר מען זי ניט ווייל עס זעהט אויס אזוי ווי עבודה זרה . אבער אז ער זאגט איך שעכט די בהמה צו דעם מלאך וואס הט צו שאפין אויף די בערג . טאר מען ניט אפילו הנאה האבין פון די פלייש . ווייל דאס הייסט גישאכטין צו די עבודה זרה . איך וועל דיר ווייזען אז עס איז אזוי . ווארום ער לערונט ער האט גישאכטען צום בארג אדער צום מלאך מיכאל . וויא קומט דער בארג צום מלאך מיכאל . נאר מען מיינט ער האט גישאכטען צום מלאך וואס הט צו שאפען אויף די בערג :

## פרק שלישי

**א** תנא . דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא חיה וואס איר מעגט עסין . דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט גענומען איינס פון יעדער מין וואס איז דא אויף דער וועלט און ער האט געוויזען צו משה און הט גזאגט צו איהם דם זאלסטו עסין און דם זאלסטו ניט עסין :

**ב** תניא . מיר האבען גילערונט אז דער מאגען איז גילעכערט גיווארען . אדער דיא קישקעס זענען גילעכערט גיווארין . איז דיא בהמה טריף . רבי יוסי בר יהודה זאגט אז דיא גאל איז גילעכערט גיווארען איז אויך טריף . רבי יצחק בר יוסף הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין וואס האבען דיא חברים גיענטפערט צו רבי יוסי בר יהודה . פון דעם פסוק . איוב הט גזאגט מיין גאל איז אויס גיגאסען גיווארען אויף דיא ערד . פון דעסטוועגין האט איוב נאך גילעבט . זעהן מיר אז אן אגאל קען מען אויך לעבין . האט רבי יוסי גזאגט מען דער מאנט ניט אנס . איוב האט גילעבט אן אגאל איז גיוועזן אנס : אבער אן אנס סיי אמענטש און סיי אבהמה קענען ניט לעבין אן אגאל . ווארום אז דוא וועסט זאגען איוב האט גילעבט מיט דער נאטור . איוב האט גזאגט גאט האט צו שפאלטען מיינע נירען און האט ניט רחמנות . אז דיא נירען זענען צו שפאלטען קען מען דאך געוויס ניט לעבין . נאר ער האט גילעבט דורך אנס . אזוי ווי גאט האט גיבאטען אויף דעם שטן נאר זיין לעבין זאלסטו היטען . אזוי דא בייא די גאל הט ער אויך גילעבט דורך אנס :

תניא

(דף מד ע"ב) **ג תניא** דן את הדין זיכה וחייב טמא וטהר אסר והתיר וכן העדים שהעידו כלם רשאין ליקח אבל אמרו חכמים הרחק מן הכיעור ומן הדומה לו:

**ד אמר** רב חסדא אי זה ת"ח זה הרואה טרפה לעצמו ואמר רב חסדא אי זה (משלי טו) שונא מתנות יחיה זה הרואה טרפה לעצמו. דרש מר זוטרא משמיה דרב חסדא כל מי שקורא ושונה ורואה טרפה לעצמו ומשמש ת"ח עליו הכתוב אומר (תהלים קכח) יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך רב זביד אמר זוכה ונוחל שני עולמות העוה"ז והעוה"ב אשריך בעוה"ז וטוב לך לעוה"ב. ר' אלעזר כי הוו משדרי ליה מבי נשיאה מידי לא שקיל וכי הוו מזמני ליה לא אזיל אמר לא בעי מר דאיחי דכתיב

דן את הדין. על שדה או על טלית בין זה לזה וכן עדים שהעידו על שדה או על טלית שהוא של פלוני:
כולן רשאין ליקח. אותו החפץ: הרחק מן הכיעור. שלא יאמרו בשביל כך זיכהו לזה שימכנו לו בזול:
הרואה טרפה לעצמו. כשנולד ספק טריפות בבהמתו ונראה בו טעם לאיסור וטעם להתיר והוא חס עליה ואוסרה: הרואה טרפה לעצמו. והוא שונא מתנות אחרים הוא שאף על שלו אינו חומד להכריע להיתר: ומשמש ת"ח. לסדר טעמי המשנה ומשניות הכוללות זו את זו והיינו תלמוד: יגיע כפיך כי תאכל. דכיון שעל שלו אינו חומד כ"ש שאינו חומד בשל אחרים לגנוב ולגזול: מזמני ליה. לאכול

---

**ג** תניא. מיר האבען גילערונט אביין וואס הט געמשפט אדין איינעם הט ער גירעכט גימאכט און איינעם האט ער בעשולדיגט. אדער ער הט גזאגט אויף אזאך זיא איז טמא: אדער ער הט גזאגט זיא איז טהור. אדער ער הט אזאך גיאסרת. אדער ער הט אזאך מתיר גוועזן. אדער עדות וואס האבן עדות גזאגט. און האבן איינם גרעכט גמאכט. און איינם אומגרעכט גמאכט. אדער זייא האבן עדות גזאגט אויף אזאך אז זיא איז טמא. אדער אויף אזאך אז זיא איז טהור. אדער זייא האבן עדות גזאגט צו אסרין אזאך אדער צו מתיר זיין. מעגין דיא דיינים אדער דיא עדות קויפען די זאך. אבער די חכמים האבען גזאגט דוא זאלסט דיך דער ווייטערין פון אזאך וואס איז מיאוס צו טאהן. און אפילו פון אזאך וואס זעהט אויס אזוי וויא מיאוס. ולמשל צווייא מענטשין ראובן און שמעון האבען זיך געקריגט אויף אזאך דער זאגט די זאך איז מיינע. דער זאגט דיא זאך איז מיינע. און בית דין האבען גיפסקנת אז דיא זאך גיהער צוא ראובן. אדער צוויי מענטשין האבען גזאגט עדות אז דיא זאך גיהער צו ראובן. אז איינער פון די דיינים אדער פון די עדות וועט קויפען די זאך ביי ראובן: וועט מען זאגען דריבער הט ער גיפסקנת אדער עדות גזאגט אז די זאך גיהער צוא ראובן ער זאל זיא קענען דער נאך פון איהם וואלוויל קויפען. דריבער טאר ניט דער דיין און ניט דער עדות דיא זאך קויפען:

**ד** אמר. רב חסדא האט גזאגט ווער הייסט אתלמיד חכם אויב ער האט גישאכטען זיין אייגענע בהמה און עס איז גיווארען אספק. מען קען זאגען זיא איז טרייף. און מען קען זאגען זיא איז כשר. און פון ספק וועגין מאכט ער זיא טרייף. דער הייסט אתלמיד חכם. נאך הט רב חסדא גזאגט אויף וועלכין מענטש קען מען זאגען ער הט פיינט מתנות. דער וואס מאכט טרייף פון ספק וועגין זיין אייגענע בהמה. מאראך ער גלוסט ניט זיין געלט. וויל ער פרעמדע געלט געווים ניט. מר זוטרא הט גידרשת פון רב חסדאס וועגין דער מענטש וואס לערונט תנ"ך און משניות און ער מאכט טרייף זיין אייגענע בהמה פון ספק וועגין. און ער בעדינט תלמידי חכמים וואס מיינט מען ער לערונט גמרא: אויף איהם זאגט דער פסוק אז דוא וועסט עסין דיא ארבעט פון דיינע הענט וואס דוא וועסט פאר דינען. און וועסט ניט גנבענען און ניט גזלנען וועט דיר וואוהל זיין און גוט זיין. רב זביד זאגט ער איז זוכה און ירשת ביידע וועלטין די וועלט און עולם הבא. עס וועט איהם וואוהל זיין אויף דיא וועלט און גוט זיין אויף יענע וועלט. אז מען פלעגט שיקען פון נשיא אמתנה צו רבי אלעזר. פלעגט ער ניט נעמען. און אז מען פלעגט איהם בעטין ער זאל קומען עסין ביי דעם נשיא. איז ער ניט גיגאנגען. ער האט גזאגט דער נשיא וויל ניט איך זאל לעבין. וואורום עס שטייט אין פסוק דער וואס האט

הנאה : אתיקורי הוא דמתיקרו בי . מתכבדים הם במה שאני נהנה משלהם והנאתם היא ואין זו מתנה : במקום ברכה דישראל . אגב ברכה ישראל דהכי עדיפא ומשמע שמתברכים הם עם ישראל : וגנבי גנבי . משליכים אותן למעלה מכותלי החצר ונופלין לארץ : אמתנייהו . על מתניהם נופלין ואין נסמכין על גבן שיתפרקו האליתות : אהדרינהו.

דכתיב (משלי טו) ושונא מתנות יחיה ר' זירא כי משדרי ליה לא שקיל כי הוו מזמני ליה אזיל אמר אתיקורי הוא דמתקיירו בי :

(דף מט) **ה תניא** (במדבר ו) כה תברכו את בני ישראל ר' ישמעאל אומר למדנו ברכה לישראל מפי כהנים לכהנים עצמן לא למדנו כשהוא אומר ואני אברכם הוי אומר כהנים מברכים לישראל והקב"ה מברך לכהנים ר"ע אומר למדנו ברכה לישראל מפי כהנים מפי גבורה לא למדנו כשהוא אומר ואני אברכם הוי אומר כהנים מברכין לישראל והקב"ה מסכים עליהם אלא ר"ע ברכה לכהנים מנ"ל א"ר נחמן בר יצחק (בראשית יב) ואברכה מברכיך וסימנך ישמעאל כהנא מסייעא כהני דמוקי לה לברכת כהנים במקום ברכה דישראל :

(דף נא) **ו אמר** רב מנשיא הני דברי : גנבי גנבי אין חוששין משום ריסוק אברים מ"ט כי שדו להו אמתנייהו שדו להו כי היכי דלירהטו קמייהו אהדרינהו

ודאי

---

האט פיינט מתנות וועט לעבין . אז מען פרעגט שיקען פון נשיא אמתנה צו רבי זירא . פלעגט ער ניט נעמען . אונ אז מען פלעגט איהם בעטין ער זאל קומען עסין ביי דעם נשיא . פלעגט ער גיין . ווארום רבי זירא האט גזאגט די מענטשין פון נשיא האבען כבוד אז איך עס ביי זייא . מיינען זיי גאר ניט מיר צו געבין אמתנה . נאר זיי מיינען זייער פר גענינען . צו האבען כבוד דורך מיר ווס איך עס ביי זייא :

**ה** תניא . מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק אזוי זאלט איר בענטשין די יודען . רבי ישמעאל זאגט דיא תורה הייסט אז דיא יודען זאלען גיבענשט ווערין פון די כהנים . אונ דיא כהנים פון וועמען וועלין גיבענשט ווערין . אז עס שטייט אין פסוק איך וועל זייא בענטשין . ווייסען מיר אזוי . דיא כהנים בענטשין צוא דיא יודען . אונ גאט בענשט דיא כהנים . רבי עקיבא זאגט אז עס שטייט אין פסוק אזוי זאלט איר בענטשין די יודען . ווייסען מיר אז דיא יודען ווערין גיבענשט פון די כהנים . פון וואנען ווייסען מיר אז די יודען ווערין גיבענשט פון גאט אליין אויך . אז עס שטייט אין פסוק אונ איך וועל זייא בענטשין . ווייסען מיר אזוי . די כהנים בענטשין דיא יודין . אונ גאט גיט צו דיא יודען אזוי וויא דיא כהנים האבען זייא גיבענשט . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי עקיבא אז דיא כהנים ווערין אויך גיבענשט : האט רב נחמן בר יצחק גזאגט עס שטייט אין פסוק די וואס וועלין דיך בענטשין . וועל איך זייא בענטשין . זאגט דיא גמרא זארסט האבען אסימן רבי ישמעאל וואס ער איז אכהן . העלפט ער די כהנים . אונ ער זאגט אז דיא ברכה פון דיא כהנים שטייט נעבין דיא ברכה פון דיא יודען . כה תברכו את בני ישראל אזוי זאלען דיא כהנים בענטשין דיא יודען ואני אברכם ואונ איך גאט וועל בענטשין די כהנים :

**ו** אמר . רב מנשיא האט גזאגט אז גנבים גייען אריין אין אפרעמדין הויף אונ גנבינן שעפסין אונ זייא ווארפען אריבער דיא שעפסין איבער דיא וואנט פון הויף אונ דיא שעפסין פאלען אויף דער ערד . מעג מען זייא שעכטין אונ עסין . אונ מיר האבען ניט מורא טאמער זענען דיא גלידער פון דיא שעפסין אפ גערוקט גיווארין פון זייערע ארטער . ווארום ווען דיא גנבים ווארפען דיא שעפסין זעהן זייא אז דיא שעפסין זאלען בלייבען ליגען אויף זייערע לענדין אונ ניט אויף דעם רוקען . דיא שעפסין זאלען נאך קענען אויף שטיין אונ לויפען . דריבער זענען דיא גלידער פון רוקען אלע געבליבען גאנץ . אבער אז דיא גנבים האבען דיא שעפסין צוריק אריין גיווארפען אין הויף איבער דיא וואנט . האבען מיר מורא טאמער איז אפ גערוקט גיווארין דיא גלידער פון דיא שדרה פון זייערע ארטער . ווארום אז דיא גנבים ווארפען צוריק

אריין

**ודאי** היישינן וה"מ דאהדרינהו מחמת יראה אבל מחמת תשובה תשובה מעלייתא הוא דעבדי :

(דף נד ע"ב) **ז פיסקא** ואלו כשרות בבהמה ניקבה הגרגרת או שנסדקה עד כמה תהסר רשב"ג אומר עד כאיסר האיטלקי אמר זעירי אתון דלא מיתחמי לכון שיעורא שיעוריה כדינרא קורדנאה והוי כפשיטא זוטרתא ומשתכחא ביני פשיטי דפומבדיתא . א"ר חנא פתוראה עילא מינאי הוה קאי בר נפחא ובעא מינאי דינרא קורדנאה לשעורי ביה טריפתא ובעי למיקם מקמיה ולא שבקני אמר לי שב בני שב אין בעלי אומניות רשאין לעמוד מפני ת"ח בשעה שעוסקים במלאכתם ולא והתניא כל בעלי אומניות עומדים מפניהם ושואלין בשלומן ואומרים להם אחינו אנשי מקום פלוני בואכם בשלום א"ר יוחנן מפניהן עומדין מפני ת"ח אין עומדין א"ר יוסי בר אבין בוא וראה כמה חביבה מצוה בשעתה שהרי מפניהן עומדים מפני ת"ח אין

דרך למעלה מן הכותל : ודאי היישינן . דלא ליכשם להו כל כיכי דנפל :

דלא מיתחמי לכון שיעורא . שלא ראיתם איסר האיטלקי מימיכם : דינרא קורדיינא . אותו היו מכירין ומכרי אכרט הוא : כבי הגא פתוראה . שולחני היה והיו לפניו מטבעות הרבה : אין בעלי אומנות . העוסקין במלאכת אחרים וזהו שולחני היה משתכר בכל אחרים למהלה וצריך להזהר ולתת עיניו שם ולהשתדל עם כל העוברים לשאול מה הם צריכים והכי תניא בתוספתא במושיב את חנינו נהגות למתלים שכר הכ היה אומן לא יפסוק באומנותו לפי שאין עיניו על התגות בשעה שעוסק באומנותו : [עומדים מפניהם . אמביאי בכורים קאי במס' בכורים]: מפניהם עומדים. לכבדם כדי שיהו רגילים לבא : חביבה מלוה בשעתה . צריכין אם

---

אַריין דאַרט זייא ניט וויא אַזוי דער שעפּס פאַלט . דאָס איז נאָר אַז זייא האָבען צוריק אַריין גיוואָרפען ווייל זייא האָבען גיזעהן מענטשין גייען האָבען זייא מורא גיהאַט . אָבער אַז זייא האָבען צוריק אַריין גיוואָרפען דעם שעפּס ווייל זייא האָבען חרטה אויף דיא עבירה . אונ זיי טוהען תשובה . טוהען זייא געוויס אַגוטע תשובה . האָבען זיי געוויס גיזעהן אַז דער שעפּס זאָל קומען גאַנץ צוא זיין בעל הבית . אונ זייא האָבען איהם גיוואָרפען ער זאָל פאַלען אויף זיינע לענדין :

ז פיסקא . ואלו . אונ דיא זאַכען זענען ביי אַבהמה כשר . אויב דער גרגרת איז גילעכערט גיוואָרען אָדער צו שפּאָלטען גיוואָרען וויא פיל זאָל פעלין פון גרגרת אונ עס זאָל זיין כשר . רבן שמעון בן גמליאל זאָגט ביז די לאָך זאָל זיין גרויס וויא אַאיטאַליעגישע מטבע וואָס הייסט איסר . אָבער אַז דיא לאָך איז גרעסער איז שוין טריף . זעירי האָט גזאָגט צוא די רבנן ווייל איר האָט קיין מאָהל ניט גיזעהן דיא מטבע וואָס הייסט איסר . ווייסט איר דאָך ניט וויא גרויס דיא לאָך זאָל זיין . זאָג איך אייך אַז אַאיסר איז גרויס וויא אַגילדין פון קורדנאַה . אונ דער גילדין פון קורדנאַה איז גרויס וויא דיא קליינע מטבע וואָס הייסט פשיטא . אונ דאָס ווערט גיפונען צווישען דיא מטבעות פון פומבדיתא וואָס הייסען פשיטא . רבי חנא פתוראה האָט גזאָגט העבער פון מיר איז גישטאַנען בר נפחא אונ ער האָט גיבעטען ביי מיר איך זאָל איהם געבין אַגילדען פון קורדנאַה ער זאָל מיט דעם גילדען מעסטען דיא לאָך פון גרגרת צוא וויסען אויב דיא בהמה איז טריף אָדער כשר . אונ איך האָב מיך גיוואָלט אויף שטעלין פאַר איהם . האָט ער מיך ניט גילאָזען . ער האָט גזאָגט צו מיר זיץ מיין זוהן בעלי מלאכות טאַרין זיך ניט אויף שטעלין פאַר דיא תלמידי חכמים ווען זייא טוהען זייער אַרבעט . פרעגט די גמרא מיר האָבען דאָך גילערונט אַז בעלי מלאכות שטייען אויף פאַר דיא מענטשין וואָס קומען אין ירושלים מיט בכורים . אונ די בעלי מלאכות פרעגין ביי זייא אויב עס איז שלום ביא אייך . אונ דיא בעלי מלאכות זאָגען צו זיי אונזערע ברידער וואָס איר זענט פון יענער שטאָט איר זאָלט קומען מיט שלום . זעהן מיר דאָך וואו עס איז אַמצוה אויף צו שטיין . דאַרפען בעלי מלאכות אויך אויף שטיין . האָט רבי יוחנן גזאָגט פאַר די מענטשין וואָס ברייננען בכורים דאַרפען יאָ בעלי מלאכות אויף שטיין . אָבער פאַר תלמידי חכמים דאַרפען ניט בעלי מלאכות אויף שטיין . רבי יוסי בר אבין זאָגט זעה וויא ליב עס איז אַמצוה אין דער צייט ווען מען דאַרף איר מקיים זיין . וואָרום פאַר די מענטשין וואָס ברייננען בכורים דאַרפען בעלי מלאכות אויף שטיין . אונ פאַר תלמידי

הכמים

אין עומדים מפני דלמא כדי שלא ההא נמצא מכשילן לעתיד לבא :

(דף נו ע"ב) **ה כתיב** (דברים לב) הוא עשך ויכוננך כלמד שברא הקב"ה כוננית באדם שאם נהפך אחד מהם אינו יכול להיות . תניא היה ר"מ אומר הוא עשך ויכוננך כרכא דכולא ביה ממנו כהניו ממנו נביאיו ממנו שריו ממנו מלכיו שנאמר (זכריה י) ממנו פנה ממנו יתד וגו'. ההוא רומאה דחזייה להוא גברא דנפל מאיגרא לארעא פקע כרסיה ונפוק מעייניה אתייה לבריה ושחטיה קמיה (דף נז) באחיזת עינים איגניד ואיתנח עול למעייניה והדריה לכרסיה :

(ע"ב) **ט אמרו** עליו על ר' שמעון בן חלפתא שעסקן בדברים היה וכו' מאי עסקן בדברים

אמר רב. משרשיא דכתיב (משלי ו) לך אל נמלה עצל ראה דרכיה וחכם אשר אין לה קצין שוטר ומושל תכין בקיץ לחמה אמר איזיל איחזי אי ודאי הוא דלית להו מלכא אזל בתקופת תמוז פרסא לגלימיה אקינא דשומשמני נפק

להבנה : מכשילן . שאם לא יהלום להם פנים להוכים ודרך כבוד לא יגיעו לבא מפני הבושה : כוננות. לבין ואת כם שברא להם כבים ליבב עליו והם ירדו מבכיכן טוב אין מתייבין : כרכא דכולא ביה . כרך שהכל בו ועל כנסת ישראל נאמר שכל מושליהן מהם ולא מעם אחר : מעייניה . מעיו : והטיה קמיה . כדי שיהלהם וימשוך מעיו אליו : לבריה . של זה הנופל : באחיזת עינים . ולא נגע בו ולא הזיקו אלא דנדמה לאביו כאילו נשחט לפי שלא היה רוצה ליגע במעים שלא יפסק בהן :

מאי עסקן. למה נקרא שמו עסקן ההלה: אי ודאי ליה להו מלכא. דכתיב אשר אין לה קצין והיינו עסקן דלא בעי למסמך אחימנותא דשלמה . כמגיס הוכבים לו ובוגליס חוס : דשומשמני . נמנים : נפק חד מינייהו . מתוך חורי הקן ולא

---

חכמים דארפען ניט בעלי מלאכות אויף שטיין . פרעגט דיא גמרא פון וואגען ווייסען מיר אז דריבער שטייען אויף דיא בעלי מלאכות פאר דיא מענטשין וואס ברייגען בכורים . ווייל דיא מצוה איז איצט זייער ליב . טאמער האט מען זייא גיגעבען דעם כבוד זייא זאלען וועלין זיך מטריח זיין אלע יאהר צו ברייגען בכורים אין ירושלים . ווארום אז מען וועט זייא ניט געבען גרויס כבוד וועלין זיי ניט וועלין נאך אמאהל קומען אין ירושלים :

**ה** כתיב . עס שטייט אין פסוק הוא עשך ויכוננך. דר פסוק לערונט אונז אז גאט האט בשאפען אין מענטשין צו יעדער זאך אבזונדער ארט וואו דאס זאל ליגען. אויב איין זאך גייט אראפ פון זיין ארט קען דער מענטש ניט לעבין . מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט עס שטייט אין פסוק הוא עשך ויכוננך . דער פסוק שמועסט פון דיא גאנצע יודישע פראמילונג . דאס איז א שטאט וואס אין איהם איז אלץ דא . פון איהם זענען זיינע כהנים . פון אים זענען זיינע נביאים . פון איהם זענען זיינע פירשטען . פון איהם זענען זיינע מלכים . איינער פון רוים האט גיזעהן וויא א מענטש פאלט אראפ פון בוידעם אויף דיא ערד און זיין בויך איז צו שפאלטען גיווארין און זיינע גידערים זענען ארויס גיגאנגען . האט דער רוימער גיברייגנט דעם זוהן פון דעם גיפאלענעם און הט איהם גישאכטען פאר זיינע אויגען . און דאס איז גיוועזען א פאר בלענדונג . דער גיפאלענער זאל מיינען אז מען שעכט זיין זוהן . האט דער גיפאלענער אזוי גישאהן . און וויא ער הט אריין גיצויגען דעם אטעם האט ער אריין גיצויגען צוריק די גידערעם אין בויך . האט דער רוימער איהם צו גענייט דעם בויך . און דער רוימער הט ניט גיוואלט נעמען מיט דיא הענט אריין לייגען דיא גידערעם אין בויך . טאמער וועט ער ניט לייגען ריכטיג אויף דעם ארט . וועט דער מענטש שטארבען :

**ט** אמרו . מען הט גיזאגט אויף רבי שמעון בן חלפתא אז ער איז גיוועזען א עסקן בדברים . וואס מיינט מען א עסקן בדברים . הט רב משרשיא גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק דוא פוילער גיי צו די מילב זעה אירע וועגין ואיר פיהרונג וועסטו דיך קליגען זיא האט ניט אויף זיך קיין האר און קיין קעניג פון רעסטוועגין ברייט זיא פאר אום זומער איר ברויט . האט רבי שמעון גיזאגט איך וועל גיין זעהן אויב עס איז אמת אז די מילבין האבען ניט קיין מלך וואס מיינט מען רבי שמעון איז גיוועזען א עסקן בדברים ער הט זיך ניט פר לאזען אויף בלויזע רייד . נאר ער איז גיגאנגען זעהן יעדער זאך אויב עס איז אמת וויא מען זאגט צו איהם . איז רבי שמעון

גיגאנגען

נפק אתא חד מינייהו אתנח ביה סימנא על אמר להו נפל טולא נפקו ואתו דליא לגלימיה נפל שמשא נפלו עליה וקטלוה אמר ש"מ לית להו מלכא דאי אית להו הרמנא דמלכא לא ליבעו א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי ודלמא מלכא הוה בהדייהו אי נמי הרמנא דמלכא הוו נקיטי א"נ בין מלכא למלכא הוה דכתיב (שופטים יז) בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה אלא סמיך אהימנותא דשלמה :

(דף נח ע"ב) י **אמר** רב לית בקא בר יומא ולית דידבא בת שתא א"ל רב פפא לאביי והא אמרי אינשי שב שני איתרא בקתא סבקא דאמרה ליה חזיתיה לבר מחוזא דסחא בביא וסליק ואיכרך בסדינין ואותיבת עליה ומצת מיניה ולא הודעת לי אמר ליה ולטעמיך

להון והלה הלך : איתנח ביה סימנא . להכירו לידע מה יעשו לו חבריו כשימלא מקן : הרמנא . רשות להרגנו : הרמני הוו נקיטי . שכל המוחא כחכרו יהרגוהו : אי נמי בין מלכא למלכא וכו' . מת המלך ועדיין לא קם אחר ודרך ארץ לעשות איש הישר בעיניו כדכתיב בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה : אהימנותא דשלמה . שנאמן הוא על כך וברוה"ק אמרה : בקא. מין זבוב והיא מוכת כלרעה : דידבא. זבוב: אימרא . לבן כבש נמרוס אמריא נתכרכה לו ומרדה עליו : לבר מחוזא . על שם שהיו בני מחוזא מעונגים ומפנים נאמר משל זה עליהם : ומציה מיניה דמא . מוצצת דמו: מנה . משקל שנים

---

גיגאנגען אין דעם חודש תמוז ווען די היץ איז גרויס ואונ די מילבין האבען פיינט די היין ; הט רבי שמעון בדעקט זיין קלייד אויף אנעסט מיט מילבין . איז איין מילב ארויס גיגאנגען זעהן פר וואס די זוהן איז בדעקט גיווארען . הט רבי שמעון געמאכט אצייכען אויף די מילב ער זאל זיא דער קענען . איז דיא מילב צוריק אריין גיגאנגען אין איר נעסט . אונ האט גזאגט צוא דיא מילבין עס איז דא אשאטען . זענען אלע מילבין ארויס גיגאנגען פון זייער נעסט . הט רבי שמעון אראפ גענומען די קלייד פון דעם נעסט איז גיווארען אזוהן . זענען אלע מילבין ארויף גיפאלען אויף דיא מילב אונ האבען איר גיהרגת ווייל זיא הט גזאגט ליגען אונ הט זייא גינארט : הט רבי שמעון גזאגט איצט זעהט מען אז דיא מילבין האבען ניט קיין מלך . ווארום אז זייא וואלטען גיהאט אמלך . וואלטען זייא גידארפט נעמען ערלויבניס פון מלך צו הרגנן די מילב . הט רב אחא בריה דרבא גזאגט צו רב אשי טאמער איז זייער מלך אויך גיוועזן מיט זייא . אונ ער האט גיהייסען מען זאל די מילב הרגנן . אדער דער מלך הט שוין לאנג גיפסקנת אזוי ארין אז איינער וועט גינארען זיין חבר זאל מען איהם הרגנן . אדער דער מלך איז גישטארבען אונ מען האט נאך ניט אויף גענומען קיין נייעם מלך . דער וויל הט יעדער גיטאהן וואס ער הט גיוואלט . אונ ביי מענטשין געפינען מיר אויך אזוי . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא צייטען איז ניט גיוועזן קיין מלך ביי יודען יעדער מענטש האט גיטאהן וואס איהם איז גיפעלען . אבער עס קען זיין אז דיא מילבין האבען יא אמלך . נאר מיר מוזען גלויבען ווס שלמה המלך האט גזאגט . ער האט געוואוסט יעדער זאך מיט רוח הקודש . אונ שלמה זאגט אז דיא מילבין האבען ניט קיין מלך :

י **אמר** . רב האט גזאגט עס איז ניטא אבקא (דאס איז אזוי אמין פליג) וואס איז אלט אטאג ווייא לעבין ניט קיין גאנצע טאג) ; אונ עס איז ניטא אדידבא (דאס איז אויך אזוי אמין פליג) וואס איז אלט איאהר ווייא לעבין ניט קיין גאנצען יאהר) . האט רב פפא גזאגט צוא אביי מענטשין זאגען דאך זיבען יאהר איז גיוועזן אין בעם דיא בקתא אויף דעם בקא ובקא איז דער זכר בקתא איז דיא נקבה די וייב פון דעם בקא) . זיא האט גזאגט צו איהם דו האסט גיזעהן דער מענטש פון מחוזא הט זיך גיבאדען אין וואסער אונ איז ארויס גיגאנגען פון דעם וואסער אונ האט זיך ארום געוויקלט מיט אלייליך האסטו דיך גיזעצט אויף איהם אונ האסט גיזויגען זיין בלוט . פאר וואס האסטו מיך ניט גירופען איך זאל אויך פון איהם זייגען זיין בלוט . זעהן מיר דאך אז אבקא קען לעבין זיבען יאהר . האט אביי גזאגט צו רב פפא וואס וועסטו זאגען צו די זאך וואס מענטשין זאגען זעכציג פונט אייזין האט מען אויף גיהאנגען אויף דעם שנאביל פון דעם בקא . קען דאס זיין . וויא גרויס איז דען דער גאנצער בקא . נאר

ולטעמיך הא דאמרי אינשי שיתין מני פרולא תלו ליה לבקא בקורנסיה מי איכא איהו גופיה כמה הוי אלא במני דידהו ה"נ בשני דידהו :

(דף נט) **יא אמר** רב יהודה האי מאן דאכל תלתא הקלי חלתית אליבא ריקנא משתלח משכיה א"ר אבהו בדידי הוה עובדא ואכלי חד תקלא חלתיתא ואי לא דיתבי במיא משתלח משכאי וקיימתי בעצמי (קהלת ז) החכמה תחיה בעליה. ההוא בר טביא דאתי לבי ריש גלותא דהוה מפסק כרען בתרייתא בדקיה רב בצומת הגידין ואכשריה סבר למיכל מיניה באומצא א"ל שמואל לא הייש מר לנקורי א"ל מאי תקנתיה ניתביה בתנורא דאיהו בדיק נפשיה אותביה נפל תילתי תילתי קרי שמואל עליה דרב (משלי יב) לא יאונה לצדיק כל און קרי רב עליה דשמואל (דניאל ד) כל רז לא אנס לך :

(ע"ב) **יב ההיא** עיזא כרכוז דהואי בי ריש גלותא דעקור מלא צנא דתרבא מיניה רב אחאי אמר רב שמואל בריה דרבי אבהו אכל מיניה קרי

מנו : נקורנסא. מרטי"ל כלומר סוי וזיר מן בנסיכתו כנדב : במני דידהו. במשקל בלבב של בקא שהוא קל : בשני דידהו. דגעים הם :
אליבא ריקנא. קודם אכילה : משהלה משכיה. נפשט יעורו שבהלתית מחממהו מאוד
ואמתהו קרינה בקורין לשקנסיילבו"ן : דיתבי במיא.
לקרר עצמי : צומת הגידין. במקום הוא במוך להרכובה ברגלים האחרונים : באומצא. אינו נני כל כך כבהגר אלא מולחי מאד ואוכלו כל הדו על הגחלים : לנקורי. שמא נשכה נחש בם והכורס מצים ככנת נפשות : דאיהו בדיק נפשיה. תהליו: תילתי. מתפרק ונפל חתיכות : לא יאונה לצדיק. בנזדמנתי ומנעתיך מלאכול :
(עיזא כרכוז היא ספק היא ספק בהמה ורב שמואל קנל בכוה היא ודאי והלכו מותר) : דעקור

מען מיינט אויף זייער וואג . למשל מען זאל ארויף לייגען איין זאמד אויף דעם שנאביל פון דעם בקא איז דאס ביי איהם אזו שווער וויא מען וואלט ארויף לייגען אויף אמענטשין זעכציג פונט אייזין . דא מיינט מען אויך זייערע זיבען יאהר . אז דער בקא לעבט ניט קיין טאג . איז ביא איהם איין רגע גירעכענט א יאהר . זיבען רגעס הייסט ביא איהם זיבען יאהר :

**יא** אמר . רב יהודה האט גזאגט דער וואס עסט דריי פונט חלתית אין דער פריה ווען ער איז נאך ניכטער . בעקומט ער אזוי אהיץ אז ער וואלט ווערין דיא הויט פון זיך אראפ ציהען . רבי אבהו האט גזאגט ביי מיר איז אמאהל אזוי גיוועזן איך האב נאר גיגעסן איין פונט חלתית האב איך בעקומען אזוי אהיץ ווען איך וואלט ניט גיזעסען אין וואסער זיך אפ צו קיהלען וואלט איך דיא הויט פון מיר אראפ גיצויגען פון היץ . אונ איך האב אויף זיך מקיים גיוועזן דעם פסוק דיא חכמה מאכט לעבעדיג איר בעל הבית . מען האט אמאהל גיבריינגט אגישאכטענעם הערש צום ריש גלותא . האט מען גיזעהן אז דיא אינטערשטע קניה זענען גיוועזן אפ גערישען פון ארט . הט רב גיזעהן אז די אדערין וואס אונטער די קניה זענען גאנץ . הט ער גזאגט אז דער הערש איז כשר . האט רב גיוואלט אפ שניידען ארויס שטיק פלייש פון דעם הערש אונ בראטען אויף קוילען אונ עסין . האט שמואל גזאגט צו רב פאר וואס האסטו ניט מורא טאמער האט אשלאנג . אביס גיטאהן דעם הערש אונ אין איהם איז אריין דער גיפט . איז דאך אסכנה צו עסין דעם הערש . הט רב גזאגט צוא שמואל וואס זאל מען טאהן . האט שמואל גזאגט מען זאל דעם הערש אריין לייגען אין אהויבען . וועט מען שוין אליין וויסען אויב אין איהם איז דא גיפט אדער ניין . האט מען דעם הערש אריין גילייגט אין הויבען . איז דער הערש צו פאלען אויף שטיקער . הט שמואל גיריינט אויף רב צום צדיק טרעפט ניט קיין אומגליק . האט רב גיליינט אויף שמואל אלע סודות ווייסטו . דו האסט גיוואוסט צו מאכען אפראבע אויב אין דעם הערש איז דא גיפט אדער ניין :

**יב** ההיא . מען האט אמאהל גיבריינגט פאר דעם ריש גלותא אזוי אקאזע וואס מען רופט איר עיזא כרכוז . אונ מען האט ניט גיוואוסט וואס זיא איז . אבהמה אדער אחיה . אונ מען האט איר גישאכטען אונ מען האט ארויס גענומען פון איר אפילע קארב חלב . רב אחאי האט

קרי אנפשיה (משלי יח) מפרי פי איש תשבע בטנו שלחו מתם הלכתא כוותיה דרב שמואל בריה דר' אבהו והזהרו ברבינו אחאי שמאיר עיני גולה הוא:

**יג א"ל** קיסר לר' יהושע בן חנניה אלהיכם כאריה מתיל דכתיב (עמוס ג) אריה שאג מי לא יירא מאי רבותא פרשא קטיל אריה א"ל לאו כהאי אריה מתיל אלא כאריה דבי עילאי מתיל א"ל בעינא דמחזית לי ניהליה א"ל לא מצית חזית ליה א"ל איברא חזינא ליה בעא רחמי אתעקר מדוכתיה כי הוה מרחוק ת' פרסי ניהם חד קלא אפילו כל מעברתא ושורא דרומי נפל אדמרחק **שלש** מאות פרסי ניהם קלא אחרינא נתור ככי ושיני דגברא ואף הוא נפל מכורסיה לארעא א"ל במטותא מינך בעי רחמי עליה וליהדר לדוכתיה בעא רחמי עליה ואהדר ליה לאתריה:

**יד א"ל** קיסר לר' יהושע בן חנניה בעינא דאיחזי לאלהיכו א"ל לא מצית חזית ליה א"ל איברא חזינא

מגא נמי דסרכא: לאחר שחיטה כשהוציאו ממעים: מפרי פי איש. בשכר שמשמעתי וקבלתי שהוא מותר בטני שבע ממנו: והזהרו ברבינו אחאי. לנהוג בו כבוד ולדון לפניו בהלכה עד שיהא מותר כן ולא לסתור בפניו מה שהוא אוסר שמאיר עיני גולה הוא: אריה שאג. כך ה' אלהים דבר מי לא ינבא הרי שמשל לו: פרשא קטיל אריה. אדם גבור הורג את הארי: דמחזית ניהליה. לאריה דבי עילאי: איברא. אמת אני רוצה לראותו ועל כרחך צריך אתה להראותו לו: אפילו כל מעברתא. הפילו כל הנשים העוברות:

---

האט געזאגט די חלב טאר מען ניט עסין. ווארום דאס איז אבהמה; און רב שמואל בריה דרבי אבהו האט גיגעסען דיא חלב. ווארום רב שמואל זאגט דאס איז אחיה. און דיא חלב פון אחיה מעג מען עסין. האט רב שמואל אויף זיך גיליינט פון דיא פרוכט פון דעם מענטשינס מויל ווערט זאט זיין בויך. ווייל איך האב גילערנט פון מיין רבי אז דער עיזא כרכוז איז אתיהו דריבער ווער איך זאט מיט דעם חלב. מען האט געשיקט פון ארץ ישראל דער דין איז וויא רב שמואל בריה דרבי אבהו. אז עיזא כרכוז איז אחיה. פון דעסטוועגין זאלט איר געבין כבוד צו רבינו אחאי. איר זאלט ניט מתיר זיין וואס ער אסרת. ווארום רבי אחאי דער לייכט די אויגן פון די אלע יודן וואס זענען פר טריבן פון ארץ ישראל מיט זיין תורה. נאר איר זאלט געבין אלע בעווייזונגען צוא רבי אחאי אז עיזא כרכוז איז אחיה וועט ער אליין חרטה האבען פון זיינע בייד:

**יג אמר**. דער קיסר האט געזאגט צו רבי יהושע בן חנניה אייער גאט איז געגליכען צו אלייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז אלייב שרייט ווער האט ניט מורא. אז גאט רעט ווער זאל ניט נביאות זאגען. און אז גאט איז נאר געגליכען צו אלייב. וואס איז די גרויסקייט פון גאט. א שטארקער מענטש קען הרגנן אלייב; האט רבי יהושע געזאגט צום קיסר ניט צוא דעם לייב איז גאט געגליכען. ער איז געגליכען צו דעם לייב וואס אין הימעל. האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע איך וויל זעהן דעם לייב וואס אין הימעל. האט רבי יהושע געזאגט צום קיסר דו וועסט איהם ניט קענען זעהן. האט דער קיסר געזאגט איך וועל איהם יא קענען זעהן. האט רבי יהושע גיבעטען ביי גאט איז דער לייב וואס אין הימעל אוועק גיגאנגען פון זיין ארט אראפ צו גיין אויף דער וועלט. אז דער לייב איז גיוועזען ווייט פיר הונדערט מייל. האט ער איין ברום גיטאהן. האבען אלע מעוברתה ווייבער אפיל גיווען זייערע קינדער פון שרעק; און די מאהער פון רוים איז איין גיפאלען. אז דער לייב איז שוין נאר ווייט גיווען דרייא הונדערט מייל. האט ער נאך אברום גיטאהן. זענען ארוים גיפאלען אלע ציין פון דיא מענטשען. און דער קיסר איז אויך אראפ גיפאלען פון די שטול אויף די ערד. האט דער קיסר געזאגט צוא רבי יהושע איך בעט דיך דו זאלסט בעטין ביי גאט דער לייב זאל גיין צוריק אויף זיין ארט. און ער זאל שוין ניט קומען. האט רבי יהושע גיבעטין ביי גאט איז דער לייב צוריק גיגאנגען אויף זיין ארט:

**יד אמר**. דער קיסר האט געזאגט צו רבי יהושע בן חנניה איך וויל זעהן אייער גאט. האט רבי יהושע געזאגט צום קיסר דוא וועסט איהם ניט קענען זעהן. האט דער קיסר געזאגט איך

להדרי יומא. עד הרמש: דאיגבית ליה נהמא. אתקין ליה סעודה: לגודא דרביתא. על שפת הנהר שמו רביתא: דרויח עלמא. להתקין שם חילותיו וזהו נהכון למקום שתהא רוח פולשת בו: כנשיה לימא. טאיטו ליה. כנושאי. מכבדי בבית: וזלותאי. מרביצי הבית במים מפני אבק כשולה וכבר שם כלו לאכול כל זה: אי הכי. דנפישי חילותיו כ"כ לא מצינא:

מסתוריתא. דומה לטיי"ש בלעז בלשון אשכנז קלעפערליך: דוללי. אשקניי"ש וכימן זה היה למצורעים: וסתר דוללי. דישקווירי"ר

(דף ס) חזינא ליה אול אוקמיה להדרי יומא בתקופת תמוז א"ל אסתכל ביה א"ל לא מצינא א"ל ומה יומא דהוה משמשי דקיימי קמיה דקב"ה אמרת לא מצינא לאסתכלא ביה שכינה לא כל שכן ותו א"ל קיסר לר' יהושע בן חנניה בעינא דאצבית ליה נהמא לאלהיכו א"ל לא מצית א"ל אמאי נפישי חילוותיה א"ל איברא א"ל פוק צבית לגודא דרביתא דרויח עלמא טרח שיתא ירחי קיטא אתא זיקא כנשיה לימא טרח שיתא ירחי דסיתוא אתא מטרא מבעיה בימא א"ל מאי האי א"ל כנושאי וזלותאי דאתו קמיה אמר ליה אי הכי לא מצינא:

**טו אמרה** ליה בת קיסר לר' יהושע בן חנניה אלהיכון נגרא הוא דכתיב (תהלים קד) המקרה במים עליותיו אימא ליה דנעביד לי חדא מסתוריתא אמר לחיי בעא רחמי עלה ואינגעה אותבה בשוקא דרומי ויהבו לה מסתוריתא דהוו נהיגי דכל דמנגע ברומי יהבו ליה מסתוריתא ויתיב בשוקא וסתר דוללי כי היכי דליחזו אינשי וליבעו רחמי

---

איך ווער איהם יא קענען זעהן · איז גיגאנגען רבי יהושע אונ האט גישטעלט דעם קיסר געגין די זוהן אין חודש תמוז אונ רבי יהושע האט גיזאגט צום קיסר קוק אין דיא זוהן · האט דער קיסר גיזאגט איך קען ניט · האט רבי יהושע גיזאגט צום קיסר מאדאך די זוהן וואס ער איז איינער פון דיא בעדינערס וואס שטייען פאר גאט · זאגסטו דוא קענסט ניט קוקען אין איהם · אויף גאט אליין וועסט דו געוויס ניט קענען קוקען · נאך האט דער קיסר גיזאגט צו רבי יהושע בן חנניה איך וויל מאכען א סעודה פאר אייער גאט · האט רבי יהושע גיזאגט צום קיסר דו וועסט ניט קענען · האט דער קיסר גיזאגט פאר וואס וועל איך ניט קענען · האט רבי יהושע גיזאגט ווייל ער האט זייער פיל חיל · האט דער קיסר גיזאגט צו רבי יהושע בן חנניה איך זאג אז איך וועל אבער יא קענען מאכען א סעודה פאר איהם · האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר גיי צום לידיגען פלאץ וואס נעבען דעם טייך רבותא דארט איז א ברייטער פלאץ וועסטו דארטין פר ברייטען דיא סעודה · האט דר קיסר גיארבעט ביי דער סעודה פאר ברייטען זעקס זומערדיגע חדשים · ווי עס איז שוין גיוועזן אליץ פערטיג איז גיקומען א ווינט אונ האט אליץ אריין גיווארפען אין ים · דער נאך האט דער קיסר גיארבעט ביא דער סעודה פאר ברייטען זעקס ווינטערדיגע חדשים · ווי עס איז שוין גיוועזן אליץ פערטיג איז גיקומען א רעגין אונ האט אליץ דער טרונקען אין ים · האט דער קיסר גיפרעגט ביא רבי יהושע וואס דאס איז · האט רבי יהושע גיזאגט דר ווינט איז גיקומען אפקערין אונ ריין מאכען דעם פלאץ · אונ דער רעגין איז גיקומען צו בשפריצען דעם פלאץ עס זאל ניט זיין קיין שטויב · דאס זענען צוויא בעדינערס וואס זענען גיקומען פאר אוים · האט דער קיסר גיזאגט אויב גאט האט אזעלכע בעדינערס · וועל איך פאר איהם ניט קענען מאכען א סעודה:

**טו אמרה** · דיא טאכטער פון קיסר האט גיזאגט צו רבי יהושע בן חנניה אייער גאט איז א סטאליער · ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גימאכט בוידימס אין וואסער · זאג איהם ער זאל פאר מיר מאכען קלעפערלאך · האט רבי יהושע גיזאגט איך וועל איהם זאגין · האט רבי יהושע גיבעטין ביא גאט איז זיא קרעציג גיווארען · האט מען אידר גיברייננט אין א גאס פון דיא שטאט רוים אונ מען האט אידר אנידערגיזעצט אין גאס אונ מען האט אידר גיגעבין קלעפערלאך אין דיא הענט · ווארום דער פירונג פון דר שטאט רוים איז אזוי גיוועזן · דער וואס איז קרעציג גיווארען האט מען איהם גיגעבין קלעפערליך אין דיא הענט אונ מען האט איהם גיזעצט אין גאס אונ ער האט גיבארשטין פלאקס · מענטשין זאלען איהם זעהן · וועלען זייא

רחמנות

רחמי עליה יומא חד הוה קא חליף התם הות יתבא וסתרה דוללי בשוקא דרומאי אמר לה שפירתא כסתו יהא דיהב ליך אלהי אמרה ליה אימא לאלהיך לשקול כאי דיהב לי אמר לה אלהא דידן מיהבי יהיב משקל לא שקיל :

**טז** א"ר יהודה שור שהקריב אדה"ר קרן אחת היתה לו במצחו שנאמר (תהלים סט) ותיטב לה' משור פר מקרין מפרים מקרין הרתי משמע א"ר נחמן מקרן כתיב. א"ר יהודה שור שהקריב אדם הראשון קרניו קודמות לפרסותיו שנאמר ותיטב לה' משור פר מקרין מפרים מקרין ברישא והדר מפרים. מסייע ליה לר' יהושע בן לוי דא"ר יהושע בן לוי כל מעשה בראשית בקומתן נבראו לדעתן נבראו בצביונם נבראו שנאמר (בראשית ב) ויכלו השמים והארץ וכל צבאם אל תקרי צבאם אלא צביונם :

**יז** דרש ר' חנינא בר פפא (תהלים קד) יהי כבוד ה' לעולם ישמח ה' במעשיו פסוק זה שר

גליה ריש"ט פלאקס: משקל לא שקיל. בטובה משתהנה : שור שהקריב אדם הראשון, כדאמרינן בפני אידין במס' ע"ז : מקרין מפרים. אשור של אדם הראשון קאי : קרניו קודמין לפרסותיו. שכל שוורין פרסותיהן נולדות עמהן וקרניהם גדלים לאחר זמן אבל של מעשה בראשית בקומתן נבראו ובקרניהם וכשיצא מן הארץ ראשו יצא תחלה נמצא שקדמו קרנותיו לפרסותיו : בקומתן נבראו. ולפיכך קדמו קרניו שהרי עמו יצאו ויצאו תחלה והיינו שור פר ביום שהי' שור היה גדול כפר : שור בן יומו קרוי שור כדכתיב שור כי יולד פר קרי"ל בן שלש: מקרין תרתי משמע. שכן שהם שוורים: לדעתם. שהודיעם שיבראו והם נתרצו : בצביונם. בדמות שבחרו להם :

---

רחמנות אויף איהם האבען . אונ וועלען בעטען פאר גאט ער זאל גיזונד ווערין . איין טאג איז רבי יהושע גיגאנגען דורך דיא גאס וואס דעם קיסרס טאכטער איז דארט גיזעסין . האט ער גיזעהן וויא זיא זיצט אין דיא גאס פון רוים אונ בערשט פלאקס . האט רבי יהושע צו איהר גיזאגט שיינע קלעפערלאך האט דיר מיין גאט גיגעבין . האט זיא גיזאגט צו איהם זאג דיין גאט ער זאל צוריק נעמען וואס ער האט מיר גיגעבין . האט רבי יהושע צו איהר גיזאגט אונזער גאט גיט נאר . אבער צוריק נעמט ער ניט :

**טז** אמר . רב יהודה האט גיזאגט דער אקס וואס אדם הראשון האט איהם מקריב גיוועזן פאר אקרבן . האט ער גיהאט איין הארין אויף דעם שטערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל גט זיין צו גאט מיין תפלה בעסער וויא דער אקס מקרין מפרים וואס אדם הראשון האט איהם מקריב גיוועזן : פרעגט דיא גמרא מקרין איז דאך דר טייטש צוויי הערנער . זאגט רב נחמן גיזאגט עס שטייט מקרן . אן איו"ד . מיינט מען איין הארין . אונ מפרים צוויי קלאהען . רב יהודה האט גיזאגט דער אקס וואס אדם הראשון האט איהם מקריב גיוועזן פאר אקרבן זענען זיינע הערנער גיוועזן אויף דער וועלט פריער פאר זיינע קלאהען וארע אקסין אז זיא ווערין גיבארין . קומען פריער דיא קלאהען . דער נאך וואקסין דיא הערנער . אבער דר אקס פון אדם הראשון איז ארויס פון דער ערד אגרויסער אקס . פריער האט ער ארויס גישטעקט פון דיא ערד דיא הערנער מיט דעם קאפ דער נאך דיא פיס מיט דיא קלאהען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיין תפלה זאל גוט זיין צו גאט בעסער וויא דער אקס מקרין מפרים וואס אדם הראשון האט איהם מקריב גיוועזן . פריער מקרין האט ער גיהאט דיא הערנער דער נאך מפרים האט ער גיהאט דיא קלאהען . זאגט דיא גמרא פון דאנען ווערט זיין אבעווייזונג צו רבי יהושע וואס ער זאגט אלע זאכען וואס זענען בשאפען גיווארען אין דיא ערשטע זעקס טעג זענען בשאפען גיווארען אין די הייך וויא אגרויסע בהמה אדער אחיה אדער אעוף דארף בשאפען ווערין ודריבער איז ביי דעם אקס גיקומען אויף דער וועלט די הערנר פריער ווי די קלאהען . אונ מען האט זייא גיפרעגט אויב זייא ווילען בשאפען ווערין . האבען זייא גיזאגט יא . אונ אין דעם גישטאלט וואס זייא זענען בשאפען גיווארען . האבען זייא אוים געקריבען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויכלו השמים והארץ וכל צבאם . זאלסט ניט ליינען צבאם . נאר צביונם . זייער גישטאלט וואס זיי האבען אוים דער וויילט :

**יז** דרש . רבי חנינא בר פפא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט זאל

בר כבולא. מלאך הממונה: באילנות. נאמר למינהו עושה פרי למינו הכל בזרעים לא נאמר בלוחתם למינו אלא בגידולתם נאמר מזריע זרע למינהו: שאין דרכם לצאת בערבוביא. שהרי גדולים הן ועושים מרובים ואין ראויין ליגדל רצופים ותכופים כי אם מפוזרים: אמר הקב"ה למינהו. שיצא כל אילן בעצמו ברחוק מחבירו שיהא לו ריוח: אנו. שהרים אנו ודרכנו לצאת רכופים ומעורבבים ואם אין אנו מכרין לצאת כל עשב לבד הרי אין אנו ניכרים זה מזה עאכ"ו: ישמח ה' במעשיו. שהן זהירין במאמריו: טרם יהיה בארץ. עדיין לא היה בארץ: ועמדו על פתח הקרקע. מתאוים למי גשמים כדכתיב כי לא המטיר עד שנברא אדם שבשמי: ביזרני. זרעים: היינו דרב אסי. שהקב"ה מתאוה לתפלתם של צדיקים: שיש לה ב' גבין: ולכן נקראת בפסוק [illegible]:

שר העולם אמרו בשעה שאמר הקב"ה (בראשית א) למינו באילנות נשאו דשאים ק"ו בעצמן אם רצונו של הקב"ה בערבוביא למה אמר למינו באילנות ועוד ק"ו ומה אילנות שאין דרכן לצאת בערבוביא אמר הקב"ה למינו אנו עאכ"ו מיד כל אחד ואחד יצא למינהו פתח שר העולם ואמר יהי כבוד ה' לעולם ישמח ה' במעשיו:

(ע"ב) **רבי** שמעון בן פזי רמי כתיב (בראשית א) ויעש אלהים את שני המאורות הגדולים וגו' (המאמר הזה כתוב בארוך בפ"ק דשבועות):

**יח רב** אסי רמי כתיב (בראשית א) ותוצא הארץ דשא בתלת בשבתא וכתיב (שם ב) וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ במעלי שבתא מלמד שיצאו דשאים ועמדו על פתח קרקע עד שבא אדם הראשון ובקש עליהם רחמים וירדו גשמים וצמחו ללמדך שהקב"ה מתאוה להפלתן של צדוקים. רב נחמן בר פפא הויא ליה ההוא גינתא שדי ביה ביזרני ולא צמח בעא רחמי אתא מטרא וצמח אמר היינו דרב אסי:

**יט אמר** רב חנן בר רב (דברים יד) השסועה בריה בפני עצמה היא שיש לה ב' גבין ושני שדראות

---

זאל זיין אויף אייביג. גאט זאל זיך פרייען מיט די זאכען וואס ער האט געמאכט. דעם פסוק האט דער שר פון דער וועלט געזאגט. ווען גאט האט געזאגט אז דיא ביימער זאלען ארויס וואקסען יעדער בוים צו זיין מין. האבען די גראזין גילערענט אקל וחומר אויף זיך אליין אויב גאט וויל אז אלץ זאל וואקסען אויס געמישט. פאר וואס האט ער געזאגט ביי די ביימער אז יעדער מין בוים זאל וואקסען בזונדער. אונ עס איז נאך אקל וחומר. מאדאך ביימער וואס זייא קענען ניט זיין געדיכט איין בוים נעבין דעם אנדערין. נאר עס מוז זיין ווייט איין בוים פון אנדערין. דיא צווייגען זאלען זיך קענען פאר שפרייטען. אונ ווען גאט וועלט ניט זאגען יעדער בוים זאל זיין בזונדער. וואלט אויך געוועזן יעדער בוים בזונדער. פון דעסטוועגין האט גאט געזאגט למינו. יעדער בוים זאל וואקסען בזונדער. מיר גראזין וואס אונזער שטייגער איז צו וואקסען געדיכט איינס נעבין דאס אנדערע אונ צוא מישט. געוויס אז מיר דארפען ארויס גיין יעדער מין גראז בזונדער. איז באלד אזוי געוועזן יעדער גראז איז ארויס געוואקסען בזונדער: האט דער שר פון דער וועלט געזאגט דער כבוד פון גאט זאל זיין אויף אייביג. גאט זאל זיך פרייען מיט דיא אלע זאכען וואס ער האט בשאפען. אלע היטען זיין געבאט:

**יח** רב אסי האט גיפרעגט ביי דעם דריטען טאג אין וואך (דינסטאג) שטייט אין פסוק דיא ערד האט אויס גיצויגען גראז. אונ ביי דעם זעקסטין טאג אין וואך (פרייטאג) שטייט אין פסוק אונ דיא אלע גראז פון פעלד זענען נאך ניט געוועזן אויף דער וועלט. נאר דער פסוק לערנט אונז דיא גראז איז געוואקסען אין דיא ערד דעם דריטען טאג נאר זייא זענען גישטאנען ביי די העפענונג פון דיא ערד ביז פרייטאג וואס אדם הראשון איז געקומען אונ ער האט גיבעטין אלץ זאל ארויס שפראצען. איז גיגאנגען רעגין אונ דיא גראז מיט אלע ביימער האבען ארויס גישפראצט פון דיא ערד. די תורה לערנט אונז אז גאט וויל די צדיקים זאלען בעטין ביי איהם אלץ וואס זייא דארפען. ער האט ליב צוא הערין זייער גיבעט. רב נחמן בר פפא האט גיהאט א גארטען. האט ער אריין גילייגט קערנער אין דער ערד אונ עס האט ניט ארויס גישפראצט. האט ער גיבעטין צו גאט איז גיקומען רעגין אונ עס האט גישפראצט. האט רב נחמן געזאגט דאס איז וואס רב אסי האט געזאגט אז גאט וויל הערין די תפלה פון די צדיקים:

**יט** אמר. רב חנן בר רב האט געזאגט דער שסועה איז אבזונדער בשעפעניש זיא האט צווייא

שדראות וכי משה רבינו קניגי היה או בליסטרי היה מכאן תשובה לאומרים אין תורה מן השמים א"ל רב הסדא לרב תחליפא בר אבינא זיל כתוב קניגי ובליסטרי באגרתיך ופירשה :

(יהושע יג) **ב חמשת** סרני פלשתים העזתי והאשדודי האשקלוני הגתי והעקרוני והעוים אמר חמשה וחשיב שיתא א"ר יונתן אדוניקי שלהן חמשה א"ל רב הסדא לרב תחליפא בר אבינא כתוב אדוניקי באגדתיך ופירשה ופליגא דרב דאמר רב עוים מתימן באו תניא נמי הכי עוים מתימן באו ולמה נקרא שמן עוים שעוותו את מקומן . ד"א עוים שאוו לאלהות הרבה . ד"א עוים שכל הרואה אותם אוחזתו עוית אמר רב יוסף ואית להו שית סרי דרי שיני לכל חד וחד . אמר רבי שמעון בן לקיש הרבה מקראות שראויין לישרף (כספרי צדוקים) והן הן גופי תורה (דברים ב) והעוים היושבים בחצרים עד עזה מאי נפקא לן מינה מדאשבעיה אבימלך

וכי משה רבינו קניגי היה . לד מוס בקניגין : או בליסטרי . מורה בקשת לחיות וקורין אותו ברינבו"ר ומנין היה בקי בחיות הללו שאין אדם בקי בהם : כתוב קניגי ובליסטרי . אגדה זו כתוב שיש בה תיבות יפות ול' נח : ופירשה . מאי קיגי ובליסטרי באגדתיך ומשום דנקט כתוב באגדתיך נקט נמי לאידך קרא דסרני פלשתים : אדוניקי שלהם . חשובים שלהם חמשה : מתימן . בן אליפז בן עשו באו והוו כאינהו פלשתים ויצאו ממקומן ובאו לגור ביניהם ולהכי לא חשיב ו' סרני פלשתים : שעוו את מקומן . יצאו משם ונעשים שמרב : עוית . רתת וחלחלה בלע"ז קרנס"א : שיתסר דרי שיני . שורות של שינים : הרבה מקראות . יש שדומה לקוראיהן שהם ראויין ליסרף שלא היה לו לכתבן שאין להם צורך בתורה וגנאי הוא לכתבן עם הקדושה : והן הן גופי תורה . טעמים גדולים תלויין בהם והשתא קא חשיב ואזיל להו עד סוף שמעתא : חצרים עד עזה . א"י : מאי נפקא לן

---

צוויא רוקענס אונ צווי שדרות . פרעגט דיא גמרא איז דען משה גיוועזן אקניגי אדער אבליסטרי . פלעגט דען משה שטענדיג פאנגען חיות אין וואלד וואס ער הט אזוי געוואוסט יעדער חיה אונ יעדער בהמה אונ יעדער פויגעל וואס קיין מענטש וויים ניט . נאר פון דאנען זעהן מיר אז די תורה איז גיגעבן גיווארען פון הימעל . אונ משה אליין האט טאקי ניט געוואוסט נאר גאט האט אים אלץ געוויזען אונ גזאגט . רב חסדא האט גזאגט צוא רב תחליפא בר אבינא דוא זאלסט שרייבען אין דיין אגדה קניגי אונ בליסטרי . נאר דו זאלסט פאר טייטשין וואס דיא צווייא ווערטער קניגי אונ בליסטרי זענען ודער וואס פאנגט חיות מיט אביקס . הייסט קניגי . אונ דער וואס פאנגט מיט פיילען . הייסט בליסטרי :

**ב** חמשת . דיא פינף פירשטען פון פלשתים זענען גיוועזן העזתי האשדודי האשקלוני הגתי העקרוני העוים . פרעגט די גמרא דוא זאגסט פינף פירשטען זענען דא אין די פלשתים . אונ דוא רעכונסט זעקס . האט רבי יונתן גזאגט אדוניקי שלהן חמשה . דיא גרויסע פירשטען זענען גיוועזן נאר פינף אונ דער זעקסטער פירשט איז גיוועזן אקליינער . רב חסדא האט גזאגט צוא רב תחליפא בר אבינא דוא זאלסט שרייבען אין דיין אגדה דעםווארט אדוניקי . נאר דוא זאלסט דעם ווארט פאר טייטשין ואדוניקי איז דער טייטש אגרויסער פירשט . אונ רבי יונתן וואס ער זאגט אז עוים זענען פלשתים קריגט אויף רב . ווארום רב זאגט עוים זענען פון תימן גיקומען אונ האבען זיך בזעצט צווישען פלשתים . מיר האבען אויך אזוי גילערנט עוים זענען גיקומען פון תימן . פר וואס רופט מען זייא עוים . ווייל זייא האבען פאר קרימט זייער ארט . זייא זענען אוועק גינאנגען פון זייער ארט אין אפרעמדין ארט . אדער מען רופט זייא עוים ווייל זייא האבען גיגלובט צוא פיל גאטער . אדער מען האט זייא גירופען עוים ווייל דער מענטש וואס האט זייא גיזעהן האט איהם אן גענומען אציטערניש . רב יוסף זאגט יעדער מענטש פון דיא עוים האט גיהאט זעכצעהן ציילען ציינער . רבי שמעון בן לקיש זאגט פיל פסוקים זענען דא אין דער תורה וואס מען מיינט אז מען דארף זייא גאר ניט אונ מען מעג זיי פאר ברענען . ווארום עס איז גאר ניט שיין זייא זאלען שטיין אין דער תורה . אונ אין אמת זענען זייא זייער נייטיג אין דער תורה . ווארים פון דיא פסוקים ווייסען מיר גרויסע זאכען . עס שטייט אין פסוק אונ דיא עוים וואס זענען גיזעסען אין חצרים ביז עזה . צוא וואס דארפען מיר דאס וויסען . ווייל אבימלך הט בשווארין צו אברהם אויב דוא וועסט זיין פאלש צוא מיר

אונ

אבימלך לאברהם (בראשית כא) אם תשקור לי ולניני ולנכדי אמר הקב"ה ליתו כפתורים ליפקו מעוים דהיינו פלשתים וליתו ישראל ליפקו מכפתורים כיוצא בדבר אתה אומר (במדבר כא) כי חשבון עיר סיחון מלך האמורי הוא והוא נלחם במלך מואב הראשון וגו' מאי נ"מ דאמר להן הקב"ה לישראל (דברים ב) אל תצר את מואב אמר הקב"ה ליתי סיחון ליפוק ממואב וליתי ישראל וליפקו מסיחון והיינו דאמר רב פפא עמון ומואב טיהרו בסיחון. (שם ג) צידונים יקראו לחרמון שריון תנא שניר ושריון מהרי ארץ ישראל הם מלמד שכל אחד וא' מאוה"ע הלך ובנה לו כרך גדול לעצמו והעלה לו על שם הרי א"י ללמדך שאפילו הרי א"י חביבין על אוה"ע כיוצא (בראשית מז) ואת העם העביר אותו לערים מאי נ"מ דלא ליקרו לאחוה גלוותא:

מינה. אי נמי מקומן של אלו היה אלא מקום חוים ואלו כמשמע: ולניני ולנכדי. ועדיין לא עברו הדורות: כפתורים. לאו מפלשתים ניניהו: ניתו וליפקו. ארעא מפלשתים: ליתו ישראל וליפקו מיניהו. וקסבר רים לקים עוים מפלשתים היו ולמ"ד מהימן היו לכך מלתא נמי איצטרך משום דהוכיחו שלא להתגרות בבני עשו אמר רחמנא ניתו כפתורים וליפקו מעוים ומיתו ישראל וניפקו מינייהו וכו': והוא נלחם במלך מואב הראשון. למה לי לאשמעינן אלא משום דכתיב אל תצר את וגו' וכו': צידונים יקראו וגו'. למה לי: תנא שניר ושריון הרי א"י הן. וחרמון קרוב לצידונים ואמורי ובנו עליו כרכים זה קרא לו שריון וזה קרא לו שניר: העביר אותו לערים. מאי אשמעינן: כי היכי דלא ליקרו. מצרים לאחיו לאחר זמן גולים לכך הגלם:

(דף סג) **כא אמר** רב יהודה (ויקרא יא) שלך זה השולה דגים מן הים (שם) דוכיפת שהודו כפות

זה השולה דגים מן הים. איזהו הוא בקיאי ביה וצוללו עורב המים: שהודו כפות. כרבלתו עבה

---

און צוא מיין זוהן און צוא מיין אייניקול. דריבער וואלט אברהם ניט גיקענט אוועק נעמען די לאנד פון דיא פלשתים ווארום עס איז נאך ניט אריבער קיין דריי דורות: האט גאט גזאגט זאלען קומען דיא כפתורים און זאלען אוועק נעמען דיא לאנד פון דיא עוים. דאס זענען דיא פלשתים: וועלין קומען דיא יודען און וועלין אוועק נעמען דיא לאנד פון דיא כפתורים. נאך אזוי אגלייכען איז גיוועזען. עס שטייט אין פסוק ווארום חשבון איז דיא שטאט פון סיחון וואס ער איז דער קעניג פון אמורי. און סיחון האט גיהאט מלחמה מיט דעם ערשטין מלך פון מואב. צוא וואס דער ציילט אונז דער פסוק. ווארום גאט האט גזאגט צוא דיא יודען דו זאלסט ניט בעראגערין אויף מואב צוא נעמען זייער לאנד. האט גאט גזאגט זאל קומען סיחון און זאל אוועק נעמען דיא לאנד פון מואב. דער נאך וועלין קומען דיא יודען און וועלין אוועק נעמען דיא לאנד פון סיחון. און דאס איז וואס רב פפא האט גזאגט עמון און מואב זענען מותר יווארין צוא דיא יודען דורך סיחון. עס שטייט אין פסוק צידונים פלעגין רופען אויף חרמון שריון. מיר האבען גילערנט שניר און שריון זענען בערג פון ארץ ישראל. און דער פסוק דער ציילט אונז אז יעדער מלך פון דיא פעלקער האט גיבאהט פאר זיך א גרויסע שטאט און ער האט גיגעבען א נאמען דיא שטאט וויא א בארג פון ארץ ישראל ואון אויף דעם ארט חרמון האבען דיא צדונים גיבאהט א שטאט און האבען דיא שטאט גירופען שריון. און די אמורים האבען דארט גיבאהט א שטאט און האבען דיא שטאט גירופען שניר. וויל אין ארץ ישראל איז דא צוויא בערג איינער הייסט שניר און דער אנדערער הייסט שריון. צוא לערנען אונז אז אפילו דיא בערג פון ארץ ישראל איז גיוועזען גיליבט ביי דיא פעלקער. נאך אזוי אגלייכען. עס שטייט אין פסוק ביי יוסף אז ער הט גיטאהשט דיא מענטשין פון די שטאט זענען זיי גיגאנגען אין איין אנדער שטאט. און דיא מענטשין פון דיא אנדערע שטאט זענען גיקומען אין דיא שטאט צו וואס הט דם יוסף גיטאהן: וייל ער הט געוואוסט אז זיינע ברידער וועלין קומען אין מצרים הט ער ניט גיוואלט מען זאל זיי רופען איר זענט פרעמדע. דריבער הט ער גימאכט אז אלע מצרים זאלען זיין פרעמדע אין מצרים:

**כא** אמר. רב יהודה האט גיזאגט דער פויגעל שלך פאנגט פיש פון ים. ער פליהט איבער דעם וואסער און אז ער דער זעהט א פיש שווימט. חאפט ער איהם מיט זיין שנאביל און עסט איהם. דער ווילדער האן הייסט דוכיפת. וייל הודו כפות. מיר האבען אויך אזוי גילערנט

נפות תניא נמי הכי דוכיפת שהודו כפות וזהו שהביא שמיר לבה"מ. ר' יוחנן כי הוה חזי שלך אמר (תהלים לו) משפטיך תהום רבה כי הוה חזי נמלה אמר (שם) צדקתך כהררי אל. א"ר יהודה (ויקרא יא) רחם זו שרקרק ולמה נקרא שמה רחם א"ר יוחנן כיון שבאה רחם באו רחמים לעולם אמר רב ביבי בר אביי והוא דיתיב אמידי ועביד שרקרק וגמירי דאי יתיב אארעא ושריק אתי משיחא שנאמר (זכריה י) אשרקה להם ואקבצם א"ל רב אדא בר רב שימי למר בר רב אידאי והא ההוא דיתיב בי כרבא ושרק ואתא גלל אפסקיה למוחיה א"ל ההוא בידא הוה:

(שם ע"ב) **תניא** רבי אומר גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שבהמה טמאה מרובה מן הטהורה לפיכך מנה הכתוב בטהורה וגלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעופות טהורים מרובים על הטמאים לפיכך מנה הכתוב בטמאים מאי קמ"ל

ודומה כמי שכפולה לתוך הראש וכפיפה זו והוא עוף גדול כתרנגול וקורין לו פוהו"ן בלע"ז: שהביא שמיר למקדש. דהא נגר טורא מתרגמינן ליה והוא תרנגולא ברא ובגיטין בפ' מי שאחזו מפרש מאי עביד ביה דמנגר ביה טורי: צדקתך כהררי אל. דאפילו נמלה אית ליה מזונות בגדולה: ומשפטיך הף בתהום רבה. שזמנה שלך לנפש ולעשות נקמתך בדגת הים להמית המזומנים למות לבני גורי. נ"א נמלה שזה אמר צדקתך כהררי אל במזונותיהם מזומנין להם בלא טורח וגם מי שאתה נשפט אתה דנו עד התהום רבה כגון שלך שטורח לנקום בם מזונותיו: רחמים. מטר: אמידי. על גוש דבר: שרקרק. כאוזות מנפלך נשמע כאומר שרקרק: דאי יתיב. ואינו עומד אלא יושב ומנפנף סימן בשורה הוא: ארעא. שאין דרכו כן: בי כרבא. חרישה: גללא. אבן גלל מן המרום: ביירא. כמו בדאה בדאי ובדקן לפיכך לקה:

מנה הכתוב בטהורה. אלו לבני יונ'. מפני דרך קצרה ואין לך עוד טהורה ובעופות אין לך עוד טמאה: מאי קמ"ל. הא ודאי סביעא דאי הוו עפי טוב מני לא:

---

גילערנט פאר וואס רופט מען דעם ווידעהאן דוכיפת. וויל הודו כפות. זיין שיינקייט איז גראב. דאס מיינט מען דער רויטער קאם וואס אויף זיין קאפ איז גראב און עס זעהט אויס וויא טאפיל. און דער דוכיפת האט געבריינגט דעם שמיר צום בית המקדש אזוי ווי עס שטייט אין מסכת גטין פרק מי שאחזו. אז רבי יוחנן האט געזעהן דעם פייגעל שלך. האט ער געזאגט דעם פסוק משפטיך תהום רבה. דער משפט פון גאט איז אפילו אין גרויסען אב גרונד. דיא פיש וואס זענען אין אבגרונד פון ים און אויף זייא ווערט אגזרה זייא זאלען שטארבען. שיקט גאט צריין צו זייא דעם פויגעל שלך און ער עסט זייא אויף. אז ער האט נאר געזעהן אמילב האט ער געזאגט דעם פסוק צדקתך כהררי אל. די פרומקייט פון גאט זענען וויא דיא גרעסטע בערג. גאט פאר זארגט מיט שפייז די קלענסטע בשעפעניש וואס איז אמילבן אזוי וויא ער פארזארגט דיא גרעסטע בשעפעניש וואס איז גרויס וויא דער גרעסטער בארג. רב יהודה זאגט רחם איז דער פויגעל שרקרק. פאר וואס רופט מען איהם רחם. זאגט רבי יוחנן וויא דער פויגעל רחם קומט ווייס מען שוין אז רחמים קומט אויף דער וועלט. דאס מיינט מען רעגין וועט קומען. רב ביבי בר אביי זאגט דער סימן איז נאר אז דער פויגעל רחם שטייט ניט אויף די ערד נאר ער זיצט אויף עפעס און ער שרייט שרקרק דאס איז אסימן אז רעגין וועט קומען. און מיר האבען גילערנט אז דער רחם וועט זיצען אויף די ערד און וועט שרייען שרקרק וועט קומען משיח. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אשרקה להם ואקבצם. אז די קראה וועט שרייען שרק. וועל איך דיא יודען פאר זאמלען פון גלות. רב אדא בר רב שימי האט געזאגט צו מר בר רב אידאי אקראה איז דאך אמאהל געזעסין אויף אגיאקערטע פעלד און האט געשריגען שרק. איז גיקומען אשטיין פון הימעל און האט איהם גישפאלטען זיין מוח. האט מר געענטפערט דיא קראה איז געווען אליגנער דריבער איז זיא גיהרגת געווארען:

**כב** תניא. מיר האבען גילערנט וויל גאט ווייס אז דיא בהמות וואס מען טאר ניט עסען זענען מער וויא דיא בהמות וואס מען מעג עסען. דריבער האט גאט געציילט אין דער תורה דיא בהמות וואס מען מעג עסען. און וויל גאט ווייס אז דיא עופות וואס מען מעג עסען זענען מער וויא דיא עופות וואס מען טאר נישט עסן. דריבער האט גאט געציילט אין דער תורה דיא עופות וואס מען טאר ניט עסען. וואס דער ציילט אונז דיא תורה. אזוי וויא רב הונא

האט

ה"ג יש לו אצבע יתירה וזפק וקרקבנו נקלף בידוע שהוא טהור. ואריבא סמיך דקאמר כל עוף הדורס טמא ואם אינו דורס ויש לו עוד ג' סימנים דהוו להו ד' בידוע שהוא טהור: את רגליו. אצבעותיו. הקולט מן האויר. שכשזורקין לו מאכל קונסו לתוך פיו ומקבלו מן האויר: ציפרתא. פליגין כיון שהיא עוררת וזה טמא: קולט ואוכל. שאינו מניחו לארץ עד שלא יבלענו: שכן. כמו שוכן: ונדמה. להם כמראיתו:

קמ"ל כדרב הונא אמר רב ואמרי לה אמר רב הונא אמר רב משום ר"מ לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה: (דף סה) **כג** (**פיסקא**) אבל אמרו חכמים כל עוף הדורס טמא תניא רבן גמליאל אומר דורס ואוכל בידוע שהוא טמא יש לו אצבע יתירה וזפק וקרקבנו נקלף בידוע שהוא טהור ר' אליעזר בר צדוק אומר מותחין לו חוט של משיחה אם חולק את רגליו ב' לכאן וב' לכאן טמא ג' לכאן ואחת לכאן טהור ר"ש בן אלעזר אומר כל עוף הקולט מן האויר טמא ציפרתא נמי מיקלט קלטה אמר אביי קולט ואוכל קאמרינן אחרים אומרים שכן עם טמאים טמא עם טהורים טהור כמאן כרבי אליעזר דתניא רבי אליעזר אומר לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו אפילו תימא רבנן שכן ונדמה קאמרינן:

תניא

---

האט געזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין רב הונא האט געזאגט אז רב האט געזאגט פון רבי מאירס וועגין אייביג זאל אמענטש לערנען מיט זיין תלמיד מיט ווייניג רייד:

**כג** פיסקא. אבל. אבער די חכמים האבען געזאגט דער עוף וואס חאפט עופות אונ עסט זייא לעבעדיג. טאר מען ניט עסין דעם עוף: מיר האבען געלערנט רבן גמליאל זאגט דער עוף וואס חאפט עופות אונ עסט זייא לעבעדיג. טאר מען ניט עסין דעם עוף. אבער אז ער עסט ניט לעבעדיגע עופות. אונ ער האט אינטען אבזונדער פינגער. אונ בייא דעם האלדז האט ער אביטיל וואס אינווייניג ליגט דאס עסין. אונ דיא בייטיל וואס אין דעם פופעק ווערט אפ געצויגען בזונדער פון דעם פופעק. דעם עוף מעג מען עסין. רבי אליעזר בן צדוק זאגט מען ציהט אויס אפאדים אויף דער ערד אונ מען לאזט דעם עוף גיין איבער דעם פאדים. אויב ער צו טיילט דיא פינגער פון זיינע פיס. צווייא פינגער אויף דער זייט פאדים אונ צווייא פינגער אויף דער זייט פאדים. טאר מען איהם ניט עסין. אונ אויב ער שטעלט דרייא פינגער אויף דר זייט פאדים. אונ איין פינגער אויף דער זייט פאדים. מעג מען איהם עסין. רבי שמעון בן אליעזר זאגט אז מען ווארפט עסין צו אעוף ווארט ניט דער עוף ביז דאס עסין וועט ליגען אויף דער ערד. נאר ער חאפט פון דער לופט אונ עסט. דעם עוף טאר מען ניט עסין. פרעגט דיא גמרא דער עוף ציפרתא חאפט דאך אויך דאס עסין פון דער לופט. פון דעסטוועגין מעג מען עסין דעם עוף ציפרתא. האט אביי געזאגט אזוי מיינט מען. דער עוף וואס חאפט דאס עסין פון דער לופט אונ וויא ער האט דאס עסין אין מויל לייגט ער דאס עסין אויף דער ערד אונ עסט פון דער ערד. אזוי וויא דער ציפרתא טוהט. מעג מען איהם עסין. אונ דער עוף וואס חאפט דאס עסין פון דער לופט אונ שלינגט באלד אראפ אונ לייגט ניט די עסן אויף דר ערד. דער עוף איז טמא. אנדערע זאגין דער עוף וואס זיצט אלע מאהל צווישען דיא עופות וואס מען טאר זייא ניט עסין. טאר מען איהם אויך ניט עסין. אונ דער עוף וואס זיצט אלע מאהל צווישען דיא עופות וואס מען מעג זיי עסין. מעג מען איהם אויך עסין. אזוי וויא רבי אליעזר האט געזאגט: ווארום מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט ניט אומזיסט איז געגאנגען דער זרזיר צום עורב. נאר חייל ער איז זיין מין. זעהן מיר אז אטמא גייט צוא אטמא אונ אטהור גייט צו אטהור. אונ דיא רבנן זאגין עס דארף זיין צווייא זאכען. ער זאל רוהען צווישען זייא. אונ זאל זיין גלייך צו זייא. דער עוף וואס זיצט צווישען דיא עופות וואס זענען טמא אונ ער זעהט אויס אזוי וויא דיא עופות טמאים. איז ער אויך טמא. אונ דער עוף וואס זיצט צווישען דיא עופות וואס זענען טהור אונ ער זעהט אויס אזוי וויא דיא עופות טהורים. איז ער אויך טהור גלייך מיט זייא.

תניאו

דף סו ע"ב) **כד תניא** ר' יוסי בן דורמסקית אומר לויתן דג טהור הוא שנא' (איוב מא) גאוה אפיקי מגנים וגו' אפיקי מגנים אלו קשקשים שבו (שם) תחתיו חדודי חרש אלו סנפירין שפורח בהם :

## בהמה המקשה פרק רביעי

(דף עז ע"ב) **א תניא** אילן שמשיר פירותיו סוקרו בסיקרא וטוענו באבנים בשלמא טוענו באבנים כי היכי (דף עח) דליכחוש חיליה אלא סוקרו בסיקרא אמאי כי היכי דליהזיוה אינשי וליבעו רחמי עליוה כדתניא (ויקרא יג) וטמא טמא יקרא צריך להודיע צערו לרבים ורבים מבקשים עליו רחמים וכן כי שאירע בו דבר צריך להודיעו ברבים ורבים מבקשים עליו רחמים אמר רבינא כמאן תלינא קובסא בדיקלא כמאן כי האי תנא .

## אותו ואת בנו פרק חמישי

(דף פג) **א משנה** יום אחד האמור באותו ואת בנו היום הולך אחר הלילה את זו דרש ר"ש

דג טהור הוא. בהרי יש לו סנפיר וקשקשת ברמפיש: אפיקי מגנים. חוזק מגינים: הגו קשקשים המגורים וסגורים נו כל חק: תחתיו חד די חרש. הדודי של חרסים: הגו סנפירין. בחדודין ומהלכין כהרכים ונהם הוא נוקע הה במים נהודם בנה שטכנוהו בפריהתו ויפשטיה דקלא נהין מורי החהין הדודי חרש במקימן זכנורי שמש. והין כפסק הם הוא דג טמא דמיהך יהלכוהו בלדיקים לע"ג אלא כפסק אם הוא דג טהור או עוף טהור הגדל במים כמו בר אווזא וק"ל מבכש"א :

דליכחוש חיליה. במרוב כוחנו הוא משיך: דליהזיוה אינשי. סימן הוא במשיר פירותיו: וטמא טמא יקרא. נוטק והומר טמא כוה: קובסא. אשכול המריר וסימן הוא במשיר פירותיו: כי האי תנא. לבקש עליו רבים רחמים:

היום הולך אחר הלילה. כהט בהם מבחשבב לא ישחוט הבא כל הלילה וכל יום כמחרת אבל בחט האם ביום בישחט הבה בלילה דאין הלילה הולך אחר היום: את זו דרש. מבוא דנעגים והדשים

---

**כד** תניא. מיר האבען גילערנט רבי יוסי בן דורמסקית זאגט דער לויתן איז אפיש וואס מען מעג איהם עסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאוה אפיקי מגנים תחתיו חדודי חרש: אפיקי מגנים מיינט מען דיא שופען. ווייל די שופען בדעקין דעם פיש. אזוי וויא דער פאנצער בדעקט דעם מענטשן. תחתיו חדודי חרש מיינט מען די פלוספעדערין וואס ער שווימט מיט זיי. ווייל די פלוספעדערין זענען שארף אזוי וויא אשארבין :

## פרק רביעי

**א** תניא. מיר האבען גילערנט אבוים וואס פון איהם פאלט אראפ זיינע פירות פאר דר צייט. זאל מען אויף איהם צייכענען מיט פארב אונ מען זאל ארום לייגען שטיינער. זאגט דיא גמרא ארום לייגען שטיינער איז ריכטיג. דער בוים זאל מאגער ווערין. ווארום עס קען זיין ווייל ער איז פעט דריבער פאלען אראפ די פירות. נאר צו וואס זאל מען איהם בשמירען מיט פארב. מענטשין זאלען זעהן דעם שאדין וואס דער בעל הבית האט פון דעם בוים. וועלין זייא בעטין ביי גאט פון דיינעטוועגין. אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק וטמא טמא יקרא. דער בכא זאל רופען אז ער איז טמא. ער זאל דער ציילען זיין צער פאר פיל מענטשין. וועלין פיל מענטשין בעטין פון זיינעטוועגין. אונ אזוי יעדער מענטש וואס איהם האט גיטראפען אאומגליק. זאל ער דערציילען זיין צער פאר פיל מענטשין. וועלין פיל מענטשין בעטין פון זיינעטוועגין. רבינא זאגט וויא וועמ טוהען מיר וואס מיר הייגען אצווייג מיטלען אויף אבוים וואס פון איהם פאלען אראפ דיא פירות פאר דער צייט. דאס איז וויא דר תנא: מענטשין זאלען זעהן דעם שאדין פון דעם בעל הבית. וועלין זיי בעטין פון זיינעטוועגין :

## פרק חמישי

**א** משנה. אין דר תורה שטייט אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד. אמוטער ואבהמה אנקבה זאל מען ניט שעכטין מיט איהר קאלב ביידע אין איין טאג. אונ אפאטער ואבהמה אין

זכר

כתיב אותו ואת בנו היינו דמדבר לההיא דכתיב לעיל: מעשה בראשית. ויהי ערב ויהי בקר בריש ערב והדר בקר:
לא יאכל בשר. תדיר בלא יעני: מבקרך. אם יש לו בעדרו יקח ואם לאו לא יקנה בשוק: כל בקרו. אם אין לו אלא שור אחד יזבחנו: ללפסו. לקדירתו לשון אילפס: משקל ליטרא ירק. אבל בשר לא יאכל: דגים. הוו בזול במקומו יותר מן הבשר: ישפתו. כשמותים קדרה על הכירה קרי שפיתה: ואינך איתא. אלו כהברים שאמרנו ליטרא דגים וליטרא בשר איתה יתבלוה אם לא בכל יום: לתוש. ולהפסיק במזונות קלים: אלא ממבחתת

ר"ש בן זומא נאמר במעשה בראשית (בראשית א) יום אחד ונאמר באותו ואת בנו (ויקרא כב) יום אחד מה יום אחד האמור במעשה בראשית היום הולך אחר הלילה אף יום אחד האמור באותו ואת בנו היום הולך אחר הלילה:

## כסוי הדם פרק ששי

(דף פד) א ת"ר (דברים יב) כי ירחיב ה' אלהיך את גבולך וגו' למדה תורה דרך ארץ שלא יאכל אדם בשר אלא לתאבון יכול יקח אדם מן השוק ויאכל ת"ל (שם) וזבחת מבקרך ומצאנך יכול יזבח כל בקרו ויאכל כל צאנו ויאכל ת"ל מבקרך ולא כל בקרך מצאנך ולא כל צאנך מכאן אמר ראב"ע מי שיש לו מנה יקח ללפסו ליטרא ירק עשרה מנה יקח ללפסו ליטרא דגים חמשים מנה יקח ללפסו ליטרא בשר מאה מנה ישפתו לו קדרה בכל יום ואינך אימת מערב שבת לע"ש. אמר רב צריכין

---

זכרן זאל מען אויך ניט שעכטן מיט זיין קאלב ביידע אין איין טאג. זאגט דיא משנה ביא דעם דין גייט דער טאג נאך דיא פריערדיגע נאכט. אויב מען האט געשאכטן דעם פאטער אדער דיא מוטער ביי נאכט. טאר מען ניט שעכטן דעם קאלב די גאנצע נאכט און ניט מארגן דעם גאנצען טאג ביז מארגן ביי נאכט. אבער אז מען האט געשאכטן דעם פאטער אדער די מוטער ביי טאג פארין נאכט. מעג מען שעכטן די קאלב ביי נאכט אז עס ווערט פינסטער. ווארום דיא נאכט געהער שוין צו איין אנדער טאג: רבי שמעון בן זומא האט גידרשת ביא מעשה בראשית שטייט יום אחד און ביי אותו ואת בנו שטייט אויך יום אחד. אזוי ווי דער יום אחד וואס שטייט ביי מעשה בראשית. גייט דער טאג נאך די פריערדיגע נאכט. אזוי דער יום אחד וואס שטייט ביי אותו ואת בנו. גייט אויך דער טאג נאך די פריערדיגע נאכט.

## פרק ששי

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט דיר דער ברייטערין דיין גרענעץ (דוא וועסט וואהנען ווייט פון ירושלים) און דיך וועט גלוסטען צוא עסין פלייש. מעגסטו עסין פלייש. זאגט דיא גמרא דיא תורה לערנט אונז אז א מענטש זאל ניט עסין פלייש נאר אז עס וועט איהם גלוסטען צו עסין פלייש ווארום עס קען זיין אז ער וועט ניט עסין וועט ער קראנק ווערין. איך וואלט מיינען ער זאל קויפען פלייש פון גאס און זאל עסין. שטייט אין פסוק דוא זאלסט שעכטן פון דיינע רינדער און פון דיינע שעפסין. אז ער האט אייגענע בהמות זאל ער שעכטן און עסין פלייש. אבער אז ער האט ניט קיין אייגענע בהמות. זאל ער ניט קויפען פלייש פון גאס. איך וואלט מיינען ער זאל שעכטן זיינע אלע רינדר און שעפסין צו עסין. שטייט אין פסוק פון דיינע רינדער. אבער ניט אלע רינדער. פון דיינע שעפסין. אבער ניט אלע שעפסין. אז ער האט נאר איין בהמה זאל ער זיא ניט שעכטן צום עסין. פון דאנען האט רבי אליעזר בן עזריה גיזאגט דער מענטש וואס האט זיין איינגנס הונדערט גילדען. זאל ער קויפען צו קאכין אין טאפ אפונט גרין ווארג (ערד פרוכטען). אז ער האט זיין איינגנס טויזענד גילדען. זאל ער קויפען צו קאכין אין טאפ אפונט פיש (אין דעם ארט פון רבי אליעזר בן עזריה איז גיוועזן פיש וועלוועלער וויא פלייש). אז ער האט זיין איינגנס פינף טויזענד גילדען. זאל ער קויפען צו קאכין אין טאפ אפונט פלייש. אז ער האט זיין איינגנס צעהן טויזענד גילדען. זאל ער קאכין פלייש אלע טאג. און דיא אנדערע מענטשין ווען זאלען קאכען פלייש. אלע ערב שבת זאלען זייא קאכען פלייש אויף שבת. רב זאגט מיר דארפען

מאי:

צריכין אנו לחוש לדברי זקן א"ר יוחנן אבא כמשפחת בריאים הוה אבל כגון אנו מי שיש לו פרוטה בתוך כיסו יריצנה לחנוני א"ר נחמן כגון אנו לוין ואוכלין. (משלי כז) כבשים ללבושך כגז כבשים יהי מלבושך. ומחיר שדה עתודים לעולם ימכור אדם שדה ויקח עתודים ואל ימכור אדם עתודים ויקח שדה. ודי חלב עזים דיו לאדם שיתפרנס מחלב גדיים וטלאים שבתוך ביתו. ללחמך ללחם ביתך לחמך קודם ללחם ביתך. וחיים לנערותיך אמר מר זוטרא בריה דרב נחמן תן חיים לנערותיך. מכאן למדה תורה דרך ארץ שלא ילמד אדם את בנו בבשר ויין:

ב א"ר יוחנן (ע"ב) הרוצה שיתעשר יעסוק בבהמה דקה אמר רב חסדא מ"ד (דברים ז) ועשתרות צאנך שמעשרות את בעליהן. וא"ר יוחנן כסא דחרשין ולא כסא דפושרין וה"מ בכלי מתכות אבל בכלי חרס לית לן בה ובכלי מתכות נמי לא אמרן אלא דלא שדי בהו ציביא אבל שדי בהו ציביא לית לן בה וכי לא שדי

ברו

בריאים. רבי יוחנן קרי לרב אבא: כגון אנו. שאין אנו בריאים: מי שאין לו אלא פרוטה ירוצנה לחנוני. ולא יכנף עצמו בעיטי וילמוך לבריות יותר: אמר רב נחמן כגון אנו. רב נחמן אחר דורו של רבי יוחנן היה והתמיד בעולם היה משתנה והולך ולא היה בריא כאותן שבימי ר' יוחנן ולפיכך הוא אומר כגון אנו דאפי' אין לנו הפרוטה עלינו ללוה ולאכול: כבשים ללבושך. מקרא הוא בספר משלי קצה לך לצאן והלא לך הגיזין ללבוש: ויקח עתודים. שאז יש לו מהם חלב לפרנסה וגיזין ללבוש: דיו לאדם. הכי משמע די חלב עזים יהא לך בהלבם ולא תשחיט והאכלם: תן חיים לנערותיך. לבני ביתך למד דרכי חיים להתחזק במזונות קלים:

ככא דחרשין ולא ככא דפושרין. טוב לשתות כוס של מכשפות ולא לשתות כוס של מים פושרים שרעים הם לגוף: ליבי. פרכי עשבים ותבלין:

טאהן וויא דער אלטער רבי אליעזר זאגט. רבי יוחנן זאגט רב איז גיוועזן גיבארין פון אגיזונטע משפחה. אונ ער אליין איז אויך גיוועזן אגיזונטער מענטש. האט ער גיקענט לעבין אן פלייש. אבער מיר וואס מיר זענען שוואכע מענטשין דער וואס האט אגראשין אין בייטיל זאל ער לויפען אין קראם אונ קויפען פלייש אונ עסין. רב נחמן זאגט אזעלכע שוואכע מענטשין וויא מיר זענען מעגין מיר בארגין געלט אונ קויפען פלייש צום עסין:

שלמה המלך האט גיזאגט דוא זאלסט קויפען שעפסין צו דיין קליידונג. פון דיא גישארענע וואל פון דיא שעפסין זאל זיין דיין קליידונג. אונ דיא פאר טאהשונג פון דיין פעלד זאל זיין שעפסין: דאס מיינט מען אייביג זאל אמענטש פאר קויפען אפעלד אונ זאל קויפען שעפסין: אונ ער זאל ניט פאר קויפען שעפסין אונ קויפען אפעלד. אין פסוק שטייט עס איז גינוג דיא מילך פון דיא ציגען. עס איז גינוג פאר אמענטשין ער זאל זיך דער נערין פון דיא מילך פון זיינע קאזעס אונ פון זיינע שעפסין וואס ער האט אין שטוב. דריבער זאל ער זייא ניט שעכטין צום עסין. עס שטייט אין פסוק צוא דיין ברויט צוא דעם ברויט פון דיין שטוב. דיין ברויט איז פריער וויא דער ברויט פון דיין שטוב. פריער זאלסטו שפייזען זיך דער נאך זאלסטו שפייזען דיא מענטשין פון דיין שטוב. עס שטייט אין פסוק והיים לנערותיך. מר זוטרא בריה דרב נחמן זאגט דוא זאלסט געבין לעבין צוא דיינע שטוב מענטשין. דוא זאלסט זייא ווייזען דעם וועג פון לעבין. מען זאל זיך גענינען מיט פראסטע עסין. פון דאנען לערונט אונז דיא תורה אז אמענטש זאל ניט געוויינען זיינע קינדער מיט פלייש אונ וויין:

ב אמר: רבי יוחנן זאגט אז איינער וויל רייך ווערין זאל ער האנדלען מיט יונגע בהמות (שעפסין קאזעס). רב חסדא זאגט ועשתרות צאנך מיינט מען זייא מאכען רייך זייערע בעלי בתים. נאך האט רבי יוחנן גיזאגט מען זאל בעסער טרינקען אגלאז וואסער בעצויבערטע מיט כישוף אונ מען זאל ניט טרינקען אגלאז וואסערווארעמע. דאס איז נאר אז דיא וואסער איז אין אאייזערנע כלי. אבער אז דיא וואסער איז אין אערדענע כלי. מעג מען טרינקען די וואסער. אונ ווען זאל מען ניט טרינקען דיא ווארעמע וואסער וואס אין אאייזערנע כלי. אז אין די וואסער ליגט גאר ניט. אבער אז אין די וואסער ליגט טיי אדער אנדערע גראזין. מעג מען טרינקען די וואסער. אונ ווען זאל מען ניט טרינקען די ווארעמע וואסער וואס אין אאייזערנע כלי

אויב

בהו ציביא נמי לא אמרן אלא דלא ציץ אבל ציץ לית לן בה. וא"ר יוחנן מי שהניח לו אביו מעות ורוצה לאבדן ילבש כלי פשתן וישתמש בכלי זכוכית וישכור פועלים ואל ישב עמהם. ילבש כלי פשתן בביתנא רומיתא וישתמש בכלי זכוכית בזוגיתא חיורתא וישכור פועלים ואל ישב עמהם בתורי דנפיש פסידייהו. דרש רב עוירא זמנין אמר לה משמיה דרב אמי וזמנין אמר לה משמיה דרב אסי מ"ד (תהלים קיב) טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט לעולם יאכל אדם וישתה פחות ממה שיש לו וילבש ויתכסה במה שיש לו ויכבד אשתו ובניו יותר ממה שיש לו שהם תלויין בו והוא תלוי במי שאמר והיה העולם:

(דף פה ע"ב) ג רבי חייא נפל ליה יאניבא בביתניה וכו' (דף פו) ומי נפל ליה יאניבא בביתניה והאמר רבין בר אבא ואמרי לה ר' אבון בר שבא משעלו בני הגולה פסקו הזיקים והזועות והרוחות והרעמים ולא החמיץ יינם ולא לקה פשתנם ונתנו

לין. הרהית: מי שהניח לו אביו מעות: כלומר מי שלא טרחן בממון וקל בעיניו נאבדו זהו איבודו: ילבש כלי פשתן. שהם יקרים ולפי דרכם עשוי שהטובים אלא מאכל ממון ויזהר אדם מהם: ביתנא רומיתא. יקר הוא: בתורי. ישכור אדם פועלים וישכור להם שוורים שלו לחרוש והם יקחום בשוריהם ויסקבום (ל' חבורה) ביערות ובכרמים ובמלאכה לא העלה לכלום שאינן הוצבין לכך: טוב איש חונן: דלים ומלוה איתם וטוב המכלכל דבריו במשפט לפי היכולת הוא עומד על צרכיו ולא בכל תאות לבו: פחות ממה שיש לו. שהוא נוכרי יכולה וילבש ויתכסה לפי יכולתו שלא יתבייש: ויכבד אשתו. יותר מלפי היכולת:

יאניבא. תולעת האוכלת פשתן: בני הגולה. לאו הכא כנסת הגדולה קאמר אלא בהנך דורות אחרונים קאמר שהתחילו ללקות בני א"י ביינם ובפשתם מפני שנתקלקלו הדורות ומשעלו מבני בבל לכאן שהיו חסידים פסקו כאן הזועות: והנך חכמים עיניהם בר' חייא ובניו. שנזכרהם באחה סוכה את ר' חייא ובניו מבבל עלו כדאמרינן בשלהי פ"ק דסוכה: זיקים וזועות ורעמים ורוחות. מפרש בברכות בברותא כולן קללה: זועות. כאורן מזדעזעת: רוחות. זעפא אסטורבוי"ל: כדרב

---

אויב אין די וואסער איז ניטא קיין גראז: נאר אז די וואסער האט ניט גיקאכט. אבער אז די וואסער האט גיקאכט מעג מען טרינקען דיא וואסער. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דער מענטש וואס זיין פאטער האט איהם גילאזין געלט אירושה. אונ ער וויל זיא פאר לירען. זאל ער גיין גיקליידט אין ליינוואנדענע קליידער. אונ ער זאל ניצען מיט גלעזערנע כלים. אונ ער זאל דינגען ארבעטער אונ ער זאל ניט זיצען נעבין זיא. וועלכע ליינוואנדענע קליידער מיינט מען. דיא ליינוואנד פון רוים. וואס זיא זענען גאנץ טייער. וועלכע גלעזערנע כלים מיינט מען. ווייסע גלאז. צו וועלכע ארבעט זאל ער דינגען דיא ארבעטער אונ זאל ניט זיצען נעבין זיא. ווען דיא ארבעטער ארבעטין מיט אקסען אין די ווין גערטנער. איז דער שאדען זייער גרויס. איין מאהל זיא צוא ברעכין דיא ווין שטאקין. אונ דאס אנדערע דיא בהמות אליין ווערין צעריסען. רב עוירא האט גידרשת אמאהל האט ער דאס גזאגט פון רב אמים וועגין. אונ אמאהל האט ער דס גזאגט פון רב אסים וועגין. עס שטייט אין פסוק עס איז גוט צוא דעם מענטש וואס טוט שיינקען צדקה צו ארעמע לייט. אונ ער טוט פאר בארגען געלט צו ארעמע לייט. אונ זיינע בדערפעניש וואס ער דארף פאר זיך אונ זיינע שטוב מענטשין ווערט גיפירט זייער קארג נאר וואס מען דארף גייטיג. אבער ניט וואס עס גלוסט: אייביג זאל א מענטש עסין אונ טרינקען וויינגער וויא זיין פאר מעגין. אונ קליידונג זאל ער האבען אזוי וויא זיין פאר מעגין. אונ צוא זיין ווייב אונ קינדער זאל ער מאכען קליידונג מער וויא זיין פאר מעגין. ווארום זיי קוקען דאך נאר אויף איהם. אונ ער קוקט אויף גאט. אזוי וויא ער וועט שפייזען זיין ווייב אונ קינדער. אזוי וועט גאט אים צו שיקען זיין פרנסה:

ג רבי חייא האט גיהאט פלאקס. איז אריין גיפאלען דר ווארעם וואס הייסט יאניבא אין זיינע פלאקס אונ האט זייא שאדין גימאכט. פרעגט דיא גמרא איז דען אריין גיפאלען א ווארעם אין דיא פלאקס פון רבי חייא. רבין בר אבא האט דאך גזאגט. אנדערע זאגען רבי אבין בר שבא האט גזאגט ווען עס זענען גיקומען די צדיקים פון בבל אין ארץ ישראל. האט אויף גיהערט צוא זיין אין ארץ ישראל בליצען אונ ערד ציטערנעש אונ שטורעם ווינטען אונ דונערין אונ דיא וויינען זענען ניט זויער גיווארין אונ קיין ווארעם איז ניט אריין גיפאלען אין זייערע פלאקס

האבען

ויתנו חכמים עיניהם בר' חייא ובניו כי מהני זכותייהו אעלמא אדידהו לא כדרב יהודה אמר רב דאמר ר"י אמר רב בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת:

(דף פז) **ד תניא** (ויקרא יז) ושפך וכסה מי ששפך הוא יכסה מעשה באחד ששחט וקדם חברו וכסה וחייבו ר"ג ליתן לו עשרה זהובים. איבעיא להו שכר מצוה או שכר ברכה למאי נ"מ לברכת המזון אי אמרת שכר מצוה אחת היא ואי אמרת שכר ברכה הוין ארבעין מאי ת"ש דא"ל ההוא צדוקי לרבי מי שיצר הרים לא ברא רוח ומי שברא רוח לא יצר הרים דכתיב (עמוס ד) כי הנה יוצר הרים ובורא רוח א"ל שוטה שפיל לסיפיה דקרא ה' צבאות שמו א"ל נקוט לי זמנא תלתא יומי ומהדרנא לך תיובתא יתיב רבי ג' תעניתא כי הוה קא בעי מיברא א"ל צדוקי קאי אבבא אמר ויתנו

יהודה. דאמר זכותא דצדיקי לאחריני מהניא ולא לדידהו כהאי עלמא: חנינא בני. הוא ר' חנינא בן דוסא ובימיו היה קול זה יוצא: דיו בקב חרובין. מתפרנס בצער ובצמצום:

ליתן לו. מפני שהפסידו שכר ולקמן בעי שכר מצוה מצוה או שכר הברכה: ברכת המזון. ד' ברכות הן והויא מ' זהובים ולאי בתר מצוה אזלת כוליה חדא מצוה היא: ה' צבאות שמו. אלמא חד הוא דבראינהו: נקוט לי זימנא. קבע לי זמן: כי הוה בעי רבי מיכלא. כשהיה רבי רוצה לסעוד: אמרו ליה. בני ביתיה ההוא צדוקי שקבעת לו זמן קאי אבבא: אמר. רבי על עצמו המקרא הזה:

---

האבען די חכמים געגעבין זייערע אויגען אויף רבי חייא מיט זיינע קינדער. אז דורך זייער זכות איז דאס ארץ גיווארין. ענטפערט דיא גמרא דער זכות פון רבי חייא מיט זיינע קינדער הט נאר גיהאלפען צו דער וועלט. פאר אנדערע מענטשין זייא זאלין ניט שאדין האבין. אבער פאר זייא אליין האט זייער זכות ניט גיהאלפען. דריבער האט רבי חייא יא שאדין גיהאט זיינע פלאקס. אזוי וויא רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין. אלע טאג גייט ארוים אקול פון הימעל אונ זאגט די גאנצע וועלט ווערט גישפייזט אין דעם זכות פון מיין זוהן חנינא. אונ מיין זוהן חנינא איז אזוי ארעם אז ער האט גינוג אמאס באקסארין פון איין פרייטאג ביז צום אנדערין פרייטאג. זעהן מיר אז דער זכות פון דיא צדיקים איז נאר פאר דער וועלט. אבער ניט פאר זיך אליין:

ד תניא: מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק ער זאל פאר גיסען דיא בלוט אונ צוא דעקין. ווער עס האט פאר גאסען דיא בלוט דער זאל צו דעקין. דער פסוק מיינט דער שוחט וואס האט גישאכטען דעם עוף ער זאל צוא דעקין דיא בלוט. עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט גישאכטען אעוף. איז גיקומען זיין חבר אונ האט בדעקט דיא בלוט. הט רבן גמליאל גיפסקת דער חבר זאל געבין צום שוחט צעהן גילדין. האבען דיא תלמידים ניט גיוואוסט פאר וואס גיט ער דיא צעהן גילדין. ווייל ער האט ביי איהם דיא מצוה אוועק גינומען. אדער ווייל ער האט ביי אים דיא ברכה אוועק גינומען. דאס דארף מען וויסען געגין בענטשין. אז מען האט מכבד גיוועזן איינם ער זאל בענטשין נאך דעם עסין. הט איין אנדערער גיחאפט אונ האט גיבענשט. וויא פיל זאל ער בצאהלען. אז דוא וועסט זאגין ער צאהלט פאר דיא מצוה. דאס בענטשין איז איין מצוה. דארף ער נאר בצאהלען צעהן גילדין. אבער אז דוא וועסט זאגין אז ער צאהלט פאר דיא ברכה. ברכות פון בענטשין זענען דאך פיר. דארף ער בצאהלען פערציג גילדין. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר ענטפערין. אאפקורוס האט אמאהל גזאגט צו רבי דער וואס האט בשאפען דיא בערג האט ניט בשאפען דעם ווינט. אונ דער וואס האט בשאפען דעם ווינט האט ניט בשאפען דיא בערג. ווארום עס שטייט אין פסוק כי הנה יוצר הרים ובורא רוח. בייא דיא בערג שטייט יוצר. אונ ביי דעם ווינט שטייט בורא. ווייל דער גאט פון דיא בערג הייסט יוצר אונ דער גאט פון ווינט הייסט בורא. האט רבי גזאגט צום אפקורוס דוא שוטה זעה דעם סוף פון פסוק. ה' צבאות שמו. דער נאמען פון גאט איז ה' צבאות. ווייל ער האט בשאפען אלע זאכין וואס עס איז דא אויף דעם הימעל אונ אויף די ערד. האט דער אפקורוס גזאגט צו רבי גיב מיר צייט דרייא טעג וועל איך

זיהמ בבורותי ראש. בשעודתי ניהמ מה לסיך לברכה דנא איהו הוה אלא צדוקי היה הבה לבשרו על הרהבון שעלה גגג ומת: מ' זהובים. שכר ד' ברכות שענה אחריהן אמן: לאותה משפחה כל מבכר:

היה הולך. הרץ ניס בהליכה מלמהת: דינר זהב. לקמיה יליף ועפרות זהב לו:

[כמאה ניכה. כמצוה זו דגלתו כסוי נמי הוו מיעט כי כבר אכל כאפר פרה הליכה הנאה במטהרו מט תההו דאי לאו אפר אין לו טהרה עולמית]: עפ סוטה. מטיל שלום בין איש לאשתו וקתה ומג עה זרע:

(תהלים כט) ויהנו בברותי ראש וגו' אמר ליה רבי מבשר טובות אני לך לא מצא אויבך תשובה ונפל מן הגג ומת א"ל רצונך שתסעוד אצלי אמר ליה הן לאחר שאכלו ושתו א"ל כוס של ברכה אתה שותה או ארבעים זהובים אתה נוטל א"ל כוס של ברכה אני שותה יצאה בת קול ואמרה כוס של ברכה שוה ארבעין זהובים א"ר יצחק עדיין ישנה לאותה משפחה בין גדולי רומי וקוראין אותה משפחת בר לויאנוס:

(דף פח ע"ב) **ה היה** מהלך במדבר ואין לו עפר לכסות שוחק דינר זהב וככה היה מהלך בספינה ואין לו עפר לכסות שורף טליתו וככה בשלמא שורף טליתו ומססה אשכחן אפר דאיקרי עפר אלא מדינרי זהב מנ"ל אמר ר' זירא (איוב כח) ועפרות זהב לו:

**אמר** רבא בשכר שאמר אברהם אבינו (בראשית יח) ואנכי עפר ואפר זכו בניו לב' מצות אפר פרה ועפר סוטה וליחשיב נמי עפר כסוי הדם התם הכשר מצוה איכא הנאה ליכא

ואמר

---

איך דיר ענטפערין. האט רבי גיפאסט דיא דריי טעג. וויא רבי האט גיוואלט גיין עסין. האט מען גזאגט צו איהם דער אפקורוס שטייט בייא דיא טיר. האט רבי גזאגט דעם פסוק ויתנו בברותי ראש. מען האט גיגעבען אין מיין עסין גאל. ווארום רבי האט גיטראכט אז דער אפקורוס וועט איהם מצער זיין איצט ביי זיין עסין. דער נאך האט מען גיזעהן אז עס איז נאר איין אנדער אפקורוס. האט דער אפקורוס גזאגט צו רבי איך בין דיר גיקומען זאגען אגוטע זאך דיין פיינד האט ניט גיפונען וואס דיר צוא ענטפערין איז ער אראפ גיפאלען פון דאך אונ איז גיהרגת גיווארין. האט רבי גזאגט צום אפקורוס אויב דוא ווילסט עס ביי מיר. האט דער אפקורוס גזאגט יא איך וועל עסין. דער נאך וויא זייא האבען אפ גיגעסען אונ אפ גיטרונקען ואונ וויל דער צדוקי האט גידארפט בענטשין. ווארום דער דין איז דער גאסט בענשט. דריבער) האט רבי גיפרעגט דעם צדוקי וואס ער וויל בעסער. ער זאל בענטשין אויף אכוס אונ נאך דעם בענטשין זאל ער טרינקען דעם כוס פון בענטשין. אדער רבי זאל בענטשין אונ ער וועט איהם געבין פערציג גילדין פאר דיא פיר ברכות. האט דער צדוקי גזאגט איך וויל בענטשין אויף אכוס אונ וועל טרינקען דעם כוס נאך דעם בענטשין. איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט דער כוס פון בענטשין איז ווערט פערציג גילדין. רבי יצחק האט גזאגט דיא משפחה פון דעם אפקורוס וואס האט גיבענטשט ביי רבי איז נאך דא. אונ זייא ווערין גירעכינט צווישען דיא גרעסטע פון רוים. אונ מען רופט זייא דיא משפחה פון בר לויאנוס:

**ה** היה. ווען איינער איז גיגאנגען אין דער מדבר אונ ער האט גישאכטען אעוף אונ ער האט ניט מיט וואס צוא בדעקין דיא בלוט. זאל ער צוא שטויסען אגאלדענעם גילדען אונ זאל מיט דעם גאלד בדעקין דיא בלוט. אויב ער איז גיגאנגען אין אשיף אונ הט גישאכטען אעוף אונ ער האט ניט קיין ערד צו בדעקין דיא בלוט. זאל ער פאר ברענען זיין קלייד אונ מיט דיא אש זאל ער בדעקין דיא בלוט. פרעגט דיא גמרא צו פאר ברענען זיין קלייד אונ מיט דיא אש בדעקין דיא בלוט איז רעכט. ווארום מיר געפינען אז אש ווערט גירופען ערד. אבער פון וואנען ווייסען מיר אז מיט גאלד מעג מען בדעקין דיא בלוט. אין דער תורה שטייט דאך אז מיט ערד זאל מען בדעקין דיא בלוט. האט רבי זירא גזאגט גאלד ווערט גירופען ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועפרות זהב לו. ער האט גאלד שטויב:

אמר

(דף פט) **ואמר** רבא בשכר שאמר אברהם (שם יד) אם מחוט ועד שרוך נעל זכו בניו לב' מצות לחוט של תכלת ורצועה של תפילין בשלמא רצועה של תפלין כתיב (דברים כח) וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ותניא ר"א הגדול אומר אלו תפלין שבראש אלא חוט של תכלת מאי היא דתניא ר"מ אומר מה נשתנה תכלת מכל הצבעונין מפני שתכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע דומה לאבן ספיר ואבן ספיר דומה לכה"כ דכתיב (שמות כד) ויראו את אלהי ישראל ותחת רגליו וגו' וכתיב (יחזקאל א) כמראה אבן ספיר דמות כסא. א"ר אבא קשה גזל הנאכל שאפילו צדיקים גמורים אינן יכולין להחזירו שנאמר (בראשית יד) בלעדי רק אשר אכלו הנערים:

אם מחוט ועד שרוך. שלא רצה ליהנות מן הגזל: שרוך. רצועה: חוט של תכלת. לציצית: רצועה של תפילין. לקשור: בשלמא רצועה של תפילין איכא כבוד. דכתיב ויראו ממך: אלו תפילין שבראש. אות הן לכל כי שם ה' נקרא עליך: מאי היא. מאי כבוד איכא: מה נשתנה תכלת. שהוזקקתו תורה לציצית: שהתכלת דומה לים. שהחלזון מן הים הוא עולה אחת לע' שנה ותכלית דמו דומה לים וים אנו רואין שדומה לרקיע ורקיע דומה לספיר וספיר לכסא הכבוד דכתיב ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר והוא כעצם השמים אלמא שמים דומין לספיר וספיר הוא כסא הכבוד דכתיב כמראה אבן ספיר דמות כסא וכשהקב"ה מסתכל בכסא הכבוד שלו מכיר במליו זו שהיא כנגד כל המצות: הנאכל. הגזול והוכל קשה הוא לעשות תשובה:

אמר

---

ז אמר. רבא האט גזאגט ווייל אברהם אבינו האט גזאגט איך בין ערד אונ אש. דריבער האבען זיינע קינדער זוכה גיוועזן צו צוויי מצות. צו דיא אש פון דיא פרה אדומה. אונ צו דיא ערד פון דיא סוטה: פרעגט דיא גמרא זאל מען רעכענען דיא מצוה צוא דעקין דיא בלוט מיט ערד. ענטפערט דיא גמרא ביי דיא צוויי מצות איז דא הנאה. אונ אמצוה. אז מען שפריצט אויף אטמא דיא וואסער מיט אש פון דיא פרה אדומה. איז אמציה אונ ער האט הנאה ער ווערט טהור. אונ אז מען גיט טרינקען דיא סוטה דיא וואסער מיט דיא ערד איז אויך אמצוה אונ מען האט הנאה. אויב די אשה איז ניט טמא גיווארין וועט זיין שלום ביא איר מיט איר מאן. אבער ביי דעם בדעקין דם בלוט מיט ערד איז נאר אמצוה. אבער ניט הנאה. ווארום אפילו מען בדעקט ניט דאס בלוט מעג מען אויך דעם עוף עסין:

ז ואמר. נאך האט רבא גזאגט ווייל אברהם אבינו האט גזאגט צום מלך פון סדום איך וויל ביא דיר ניט נעמען ניט אפאדים אונ ניט אשנירול פון אשוך. דריבער האבען זיינע קינדער זוכה גיוועזן צוא צווייא מצות. צוא דעם פאדים תכלת וואס אין דיא ציצית. אונ צוא דיא רצועות פון תפלין. פרעגט דיא גמרא פון דיא רצועות פון תפלין האבען דיא יודען הנאה. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער פון דער וועלט וועלין זעהן אז דער נאמען פון גאט ווערט אויף דיר גירופען וועלין זייא פאר דיר מורא האבען. אונ מיר האבען גילערונט רבי אליעזר הגדול זאגט דאס מיינט מען דיא תפלין וואס אויף דעם קאפ: אבער וואס פר הנאה האבען דיא יודען פון דעם פאדים תכלת. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט פאר וואס איז גיענדערט דיא פארב תכלת מער פון אלע פארבען. ווס דיא תורה האט גזאגט אז אין דיא ציצית זאל זיין איין פאדעם גיפארבט תכלת: נאר ווייל די פארב תכלת איז גלייך צו דיא וואסער פון ים. אונ דיא וואסער פון ים איז גלייך צום הימעל. אונ דער הימעל איז גלייך צום שטיין ספיר. אונ דער שטיין ספיר איז גלייך צום כסא הכבוד. אזו וויא עס שטייט אין פסוק זיא האבען גיזעהן דעם גאט פון דיא יודען אונ אונטער זיינע פיס איז גיוועזן וויא דיא ווייסקייט פון ספיר. אונ עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דער קאלאר פון שטיין ספיר אזוי איז דער קאלאר פון כסא הכבוד. אונ אז גאט קוקט אויף דעם כסא הכבוד גידיינקט ער דיא מצוה ציצית וואס דיא יודען זענען מקיים. ער זאל אויף זיי רחמנות האבען. רבי אבא זאגט אז מען האט גיגזלת אונ אויף גיגעסען איז שווער אויף דעם צו טאהן תשובה. אונ אפילו אמתה צדיקים קענען דאס ניט צוריק געבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט גזאגט צום מלך פון סדום נאר וואס דיא יונגען האבען גיגעסן קען איך דיר ניט צוריק געבין:

אמר

באפרכסת. טורמוי"א: לא מרבכם. לפי שאין אתם מרבין עצמכם אלא ממעטין לפיכך חשק בכם כי אתם המעט ממעיטין עצמכם בעמכם: נמרוד. מלך בדור הפלגה הוא ולכך נקרא שמו נמרוד שהמריד כל העולם במלכותו על הקב"ה: מושב אלהים ישבתי. שבנה לו ז' רקיעים של נחשת ועלה וישב עליהם: תולה ארץ. על זכות אותן שמחשבו לבלימה:

**ואמר** ר' יוחנן משום ר' אלעזר בר' שמעון כל מקום שאתה מוצא דבריו של ר' אליעזר בנו של יוסי הגלילי בהגדה עשה אזנך כאפרכסת (דברים ז) לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בכם וגו' אמר להם הקב"ה לישראל חושקני בכם שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה אתם ממעטין עצמכם לפני נתתי גדולה לאברהם אמר לפני (בראשית יח) ואנכי עפר ואפר למשה ואהרן אמרו (שמות טז) ונחנו מה לדוד אמר (תהלים כב) ואנכי תולעת ולא איש אבל אוה"ע אינם כן נתתי גדולה לנמרוד אמר (בראשית יא) הבה נבנה לנו עיר לפרעה אמר (שמות ה) מי ה' לסנחריב אמר (מ"ב יח) מי בכל אלהי הארצות וגו' לנבוכדנצר אמר (ישעיה יד) אעלה על במתי עב גו' לחירם מלך צור אמר (יחזקאל כח) מושב אלהים ישבתי בלב ימים. אמר רבא ואי תימא ר' יוחנן גדול הנאמר במשה ואהרן יותר ממה שנאמר באברהם דאלו באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר ואלו במשה ואהרן כתיב ונחנו מה. ואמר רבא ואיתימא רבי יוחנן אין העולם מתקיים אלא בשביל משה ואהרן כתיב הכא ונחנו מה וכתיב התם (איוב כו) תולה ארץ על בלימה:

---

**ח** אמר. רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון׳ס וועגין ווען דו וועסט געפינען דיא רייד פון רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אין אגדתא ודרשות פון פסוקים. זאלסטו מאכען דיינע אויערין אזוי וויא א זיפ. זיינע רייד זאלען אריין גיין אין דיינע אויערין. עס שטייט אין פסוק ניט ווייל איר זענט מער פון אלע פעלקער האט גאט גיגלוסט אין אייך ווארום איר זענט ווייניג. גאט האט גזאגט צו דיא יודען איך גלוסט אין אייך ווייל ווען אפילו איך גיב אייך גרויסקייט. מאכט איר אייך קליין פאר מיר. איך האב גיגעבין גרויסקייט צוא אברהם. הט ער גזאגט פאר מיר איך בין ערד אונ אש. איך האב גיגעבין גרויסקייט צוא משה מיט אהרן. האבען זייא גזאגט וואס זענען מיר. מיר זענען גאר נישט. איך האב גיגעבען גרויסקייט צוא דוד. האט ער גזאגט איך בין אווארעם ניט אמענטש. אבער דיא פעלקער זענען ניט אזוי. איך האב גיגעבין גרויסקייט צוא נמרוד. הט ער גזאגט מיר ווערין באהען אשטאט מיט אטארעם ביז צום הימעל. איך האב גיגעבין גרויסקייט צו פרעה. הט ער גזאגט ווער איז גאט וואס איך זאל איהם פאלגין. איך האב גיגעבען גרויסקייט צוא סנחריב. האט ער גזאגט ווער זענען דען אלע גאטער פון דיא לענדער. האבען זייא דען גיקענט רעטין די לענדער פון מיינע הענט. וועט גאט אויך ניט קענען רעטין ירושלים פון מיינע הענט. איך האב גיגעבען גרויסקייט צוא נבוכדנצר. האט ער גזאגט איך וועל ארויף גיין צוא דיא וואלקנס איך וועל זיין גלייך צוא גאט. איך האב גיגעבען גרויסקייט צוא חירם דער קעניג פון צור. האט ער גזאגט איך זו על אויך זיצען אזוי וויא גאט ואונ ער האט גימאכט זיבען קופערנע הימלען אונ ער איז גיזעסען אויף דעם זיבעטין הימעל. איבער דעם ים. אונ ער האט גזאגט ער איז גאט. רבא האט גזאגט. אנדערע זאגען רבי יוחנן האט גזאגט די נידעריגקייט וואס משה אונ אהרן האבען אויף זיך גזאגט. איז מער וויא דיא נידעריגקייט וואס אברהם האט אויף זיך גזאגט. אברהם האט אויף זיך גזאגט איך בין ערד אונ אש. וואס דס איז עפעס ווערט. אונ משה מיט אהרן האבען אויף זיך גזאגט מיר זענען גאר ניט. אפילו ערד אונ אש אויך ניט. נאך האט רבא גזאגט אונ אנדערע זאגען רבי יוחנן האט גזאגט. דיא וועלט שטייט נאר אין דעם זכות פון משה מיט אהרן. ווארום דא שטייט משה מיט אהרן האבען גזאגט ונחנו מה. מיר זענען גאר נישט. אונ דארט שטייט דיא ערד איינגט על בלימה. אויף גאר נישט. דאס מיינט מען דיא ערד איינגט אויף דעם זכות פון משה מיט אהרן וואס זיי האבען גזאגט מיר זענען גאר נישט:

אמר

**ר אמר** רבי אילעא אין העולם מתקיים אלא בשביל מי שבולם את עצמו בשעת מריבה שנאמר (איוב כו) תולה ארץ על בלימה ר' אבהו אמר מי שמשים עצמו כמי שאינו שנאמר (דברים לג) ומתחת זרועות עולם. א"ר יצחק מ"ד (תהלים נח) האמנם אלם צדק תדברון מישרים תשפטו בני אדם מה אומנותו של אדם בעה"ז ישים עצמו כאלם יכול אף לדברי תורה ת"ל צדק תדברון יכול יגים דעתו ת"ל מישרים תשפטו בני אדם:

בולם עצמו. סוגר את פיו ודומה לו בבלורה פיו כנוב ורגליו מבולמות: ומתחת. מי בנדרך תחת הכל הוא זרועות עולם: כאלמים אלו. אף מוה יפה כוח כאלם הכל נדק יהיינו דברי תורה והוו הדברון: מישרים. במישור אינן הלכה במותה לידרם:

כגב מאת כור. דבן כל לבור גדול במלקין לו מן הלדדק קרי הפוח וכן גבי יקב נמכרה ע"ז דורכין עם הכלי גנת ואף ע"ג בטלל כידו ונוכן להפוח: גוזמא. מילתא בעלמא ולאו דוקא דמעולם לא הגיע לג' מאות כור: בסקו את התמיד. כשבאין לגורטו מסקן אותו והוא נות להפשיט: גוזמא. דכוס של זהב לאו דוקא: לבון הבאי. לבון הדיוט שאין מדקדק בדבריו ואלא כפיו דבר שאינו ולא ביכוין לבקר אלא לא דק:

## גיד הנשה פרק שביעי

(דף צ ע"ב) **א תנן** התם תפוח היה באמצע המזבח פעמים היה עליו כשלש מאות כור אמר רבא גוזמא. השקו את התמיד בכוס של זהב אמר רבא גוזמא. א"ר אמי דברה תורה לשון הבאי דברו נביאים לשון הבאי דברו חכמים לשון הבאי.

---

**ט** אמר. רבי אילעא האט געזאגט דיא וועלט שטייט נאר אין דעם זכות פון דעם מענטשין וואס מאכט צו זיין מויל ווען מען קריגט מיט איהם אונ ער ענפערט ניט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא ערד איינגט על בלימה. אויף דעם מענטש וואס מאכט צוא זיין מויל ווען מען קריגט מיט איהם אונ ער ענטפערט ניט. רבי אבהו זאגט דער מענטש וואס איז בייא זיך וויא נאר ניכט. אויף זיין זכות שטייט דיא וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומתחת זרועות עולם וואס איז אונטער אלע מענטשין. ער איז נידעריג בייא זיך זרועות עולם ער האלט אויף מיט זיינע הענט דיא וועלט. רבי יצחק האט געזאגט עס שטייט אין פסוק האמנם אלם צדק תדברון מישרים תשפטו בני אדם. וואס זאל זיין דיא ארבעט פון מענטשין אויף דער וועלט. ער זאל זיך מאכען וויא שטום והאמנם איז דער טייטש ארבעט. אונ אלם איז דער טייטש שטום. ער זאל נאר וויניג ריידען. וואלט איך מיינען ער זאל תורה אויך ניט ריידן. שטייט אין פסוק צדק תדברון. תורה זאלט איר ריידען. איך וואלט מיינען אז ער זאר מעגין זיין גרוים ביי זיך. שטייט אין פסוק מישרים תשפטו בני אדם. מיט גלייכקייט זאלט איר משפטן אלע מענטשין. אלע מענטשין זאהן ביי דיר זיין גלייך מיט דיר:

## פרק שביעי

**א** תנן. מיר האבען גילערונט דיא אש איז גיוועז אין מיטען מזבח אקייליכדיגער בארג אזוי וויא אעפיל. אמאהל איז גיוועז אין דעם בארג דריי הונדערט כור אש ואבור איז אגאנץ גרויסע מאס פון דרייסיג סאה. רבא זאגט דריי הונדערט כור אש איז אין דעם בארג קיין מאהל ניכט גיוועז. נאר דיא משנה זאגט אגוזמא. עס איז גיוועז זייער פיל אש. האבט די משנה אן גרויסען צאהל פון דרייא הונדערט כור. נאך שטייט אין דער משנה מען האט גיגעבען דעם שעפס פון קרבן תמיד צוא טרינקען פון אגאלדענעם בעכער. רבא זאגט דער שעפס האט קיין מאהל ניט גיטרונקען פון אגאלדענעם בעכער. נאר דיא משנה זאגט אגוזמא עס איז גיוועזן אשיינער בעכער וואס ער האט אויס גיזעהן אזוי וויא גאלד. רבי אמי זאגט מיר געפינען אז דיא תורה רעט אזוי וויא מענטשין ריידען. וואס זייא זאגען אמאהל אייך אזאך צו פיל. אונ די נביאים רעדין אויך אמאל אויף אזאך צו פיל. אונ אזו אויך די חכמים. אז די חכמים רעדין אמאהל אויף אזאך צוא פיל ווייסען מיר שוין. וואס זייא האבען גיזאגט אז אין דעם בארג אש איז גיוועזן דרייא הונדערט כור. אונ דער תמיד האט גיטרונקען פון אגאלדענעם בעכער. וואו

רעט

דברו חכמים לשון הבאי הא דאמרן . דברה תורה לשון הבאי (דברים א) ערים גדולות ובצורות בשמים . דברו נביאים לשון הבאי (מ"א א) ותבקע הארץ בקולם . א"ר יצחק בר נחמני אמר שמואל בג' מקומות דברו חכמים לשון הבאי ואלו הן תפוח גפן ופרוכת. תפוח הא דאמרן . גפן דתנן גפן של זהב היתה עומדת על פתחו של היכל ומודלת ע"ג כלונסות וכל מי שהיה מתנדב גרגיר או אשכול מביא ותולה בה א"ר אלעזר ברבי צדוק מעשה היה ונמנו עליו ג' מאות כהנים לפנותה . פרוכת דתנן רשב"ג אומר משום רבי שמעון הסגן פרוכת עביה טפח ועל ע"ב נירים נארגת ועל כל נימא ונימא כ"ד חוטין ארכה ארבעים באמה ורחבה עשרים באמה ומשתונים ושתי רבוא נעשית ושתים עושים בשנה וג' מאות כהנים מטבילין אותה :

רבי

בשמים . אלמא לאו דוקא וכן ותבקע הארץ דאמריה דמלאה מקול ההמון כאילו היא נבקעת אשטורדי"ר בלעז : בג' מקומות וכו' . אבל כוס של זהב דתמיד דוקא הוא דלאו עיוות במקום עבירות : גפן . כמין גפן היא עשויה ממודלה על הכלונסות : ג' כהנים . גוזמא : נירין . ליצ"ן : כ"ד חוטין . מקראי ילפינן במסכת יומא פרק בא לו כ"ג שהוטב כפול כ"ד : ארכה מ' ורחבה כ' . ארכה לגובה של פתח אולם ורחבה לרחבו שפתח האולם גבהו מ' ורחבו כ' ופרוכת פרוסה נגדו לצניעות בעלמא כך במפתי . ונ"ל באף פרוכת הדביר כך מדתה רחבה לרחבו של היכל בהוא כ' אמה וגבהה לגבהו מן כעליה ועד הרצפה : ומשתונים ושתים רבוא . הוסיף ל"ה ריבות נגרות העבוקות כה : ובלא מלוה כהנים מטבילין אותה . כשנית נטמאה והיינו לשון הבאי דלא בעי כולי האי :

רעט אמאהל דיא תורה אויף אזאך צו פיל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא שטעט זענען גרויס אונ פעסט ביז צום הימעל . זענען דען דיא שטעט גרויס ביז צום הימער . וואו רעדין דיא נביאים אויף אזאך צוא פיל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערד איז צוא שפאלטען געווארען פון זייער געשרייא . איז דען דיא ערד צוא שפאלטען געווארין פון זייער שרייען . נאר עס איז צו פיל פאר גרעסערט די זאך אז דער מענטש זאל וויסען אז דאס געשרייא איז געוועזען זייער גרויס . אונ די שטעט זענען געוועזען זייער גרויס . אונ דער בעכער איז געוועזען זייער שיין . אונ די אש איז געוועזען זייער פיל . רבי יצחק בר נחמני זאגט פון שמואלס וועגין אין דריי ערטער האבען דיא חכמים גירעט אויף אזאך צוא פיל . דאס זענען דיא דריי זאכען . אויף די אש פון מזבח . אונ אויף דעם ווינשטאק . אונ אויף דעם פרוכת . דיא אש פון מזבח שטייט שוין פריער ואונ רבי יצחק האלט אז דער שעפס פון קרבן תמיד האט טאקי גיטרונקען פון אגאלדענעם בעכערן . מיט דעם ווינשטאק האבען מיר אזוי גילערענט . אגאלדענער ווינשטאק איז גישטאנען ביי די טיר פון היכל . אונ ער איז געוועזען אונטער גילעגט מיט שטעקבאך ער זאל זיך ניט אראפ בייגען צוא דיא ערד . אונ וועלכער מענטש וואס האט גיגעבין אנדבה צום בית המקדש גאלד גימאכט וויא אוויינטרויב . אדער וויא אצווייגיל ווינטרויבען . האט ער דאס אויף ניהאנגען אויף דעם ווין שטאק . רבי אלעזר ברבי צדוק זאגט עס האט אמאהל גיטראפען מען האט גידארפט דעם ווינשטאק צוא נעמען פון ארט . האבען גימוזט צוא גיין דרייא הונדערט כהנים זייא זאלען קענען נעמען דעם ווינשטאק פון ארט . אזוי שווער איז ער געוועזן . אונ דאס איז אגוזמא . דער וויין שטאק איז טאקי געוועזן גאנץ שווער . מען האט גידארפט צוא איהם פיל כהנים . אבער ניט דריי הונדערט . מיט דעם פרוכת האבען מיר אזוי גילערענט . רבן שמעון בן גמליאל זאגט פון רבי שמעון בן הסגן וועגין דער פרוכת איז געוועזן גראב אטפח וויא דיא גרעב פון דיא האנט) . אונ ער איז געוועבט געווארין אויף צווייא אונ זיבעציג נירים (נירים זענען די שיצען וואס דיא לאנגע פעדים ווערין דורך זייא גיצויגען) . אונ יעדער פאדעם איז געוועזן גיפלאכטען פון פיר אונ צוואנציג פעדים . דיא לייגג פון פרוכת איז געוועזן פערציג איילען . אונ דיא ברייט איז געוועזן צוואנציג איילען . אונ פון צווייא אונ אכטציג מאהל צעהן טויזענד פעדים איז גימאכט געווארען דער פרוכת . אונ יעדער יאהר האט מען געמאכט צווייא פרוכתין . אונ אז דער פרוכת איז טמא געווארין אונ מען האט איהם גידארפט טובל זיין אין אמקוה . האבען איהם גיטראגען דריי הונדערט כהנים . אונ דאס איז אגוזמא . דער פרוכת איז טאקי געוועזן גאנץ שווער . מען הט גידארפט צוא איהם פיל כהנים . אבער ניט דריי הונדערט :

רבי

(דף לב.) ברבי יהושע בן לוי אמר כתיב (בראשית לב) בהאבקו עמו כאדם שחובק עם חבירו וידו מגעת לכף ימינו של חבירו ר' שמואל בר נחמני אמר כעכו"ם נדמה לו דאמר מר ישראל שנטפל לו עכו"ם בדרך טופלו לימינו רב שמואל בר אחא קמיה דרב פפא משמיה דרבא בר עולא אמר כת"ח נדמה לו דאמר מר המהלך לימין רבו הרי זה בור ורבנן מאחוריה אתא נשייה בתרווייהו. ורבנן האי בהאבקו עמו מאי דרשי ביה מיבעי ליה לכאידך דריב"ל דאמר ריב"ל מלמד שהעלו אבק ברגליהם עד כסא הכבוד כתיב הכא בהאבקו עמו וכתיב התם (נחום א) וענן אבק רגליו:

ג ואמר ר' יהושע בן לוי למה נקרא שמו גיד הנשה שנשה ממקומו ועלה וכן הוא אומר (ירמיה נא) נשתה

(בהאבקו עמו. מחלוקת בין רבנן ור' יהודה לענין גיד הנשה דרבנן סברי נוהג בירך של ימין ובשל שמאל ור' יהודה סבר אינו נוהג אלא בשל ימין ואתא ר' יהושע ב"ל לתת טעם לדברי ר' יהודה ואמר בהאבקו עמו משמע): כאדם שחובק את חבירו. מלפניו וידו הימנית מגעת לכף ירך ימנית של חבירו מאחוריו: כעכו"ם נדמה לו. כסבור היה יעקב שהוא עכו"ם וטפלו לימינו כדי שיהא מזומן לאחוז אם יקום עליו ובירך הסמוכה לו נגע: טופלו לימינו. מחברו לימינו: כת"ח נדמה לו. וחלק לו יעקב כבוד כאילו הוא רבו וטפלו לימינו כדי שיהא יעקב לשמאל המלאך: ה"ז בור. אין בו חכמה ודרך ארץ: ורבנן. פליגי אדרבי יהודה ואסרי בתרווייהו קסברי מאחוריו אתא ונשייה בתרווייהו הכהו בשתיהן עד שנשו ממקומן ועלו: האי בהאבקו מאי דרשי ביה. ל"ל למיכתב כלל אי לאו למימרא דבדרך האבקין נגע בו: נשה

ב רבי יהושע בן לוי זאגט עס שטייט אין פסוק בהאבקו עמו. דער מלאך האט ארום גענומען יעקב אבינו אזוי וויא א מענטש וואס בגעגינט זיין חבר אפנים געגין אפנים אונ ער נעמט ארום זיין חבר אונ מיט זיין רעכטע האנט רירט ער אן זיין רעכטע זייט פון זיין חבר. דורך אינטען. אזוי האט דער מלאך אן גערירט דיא רעכטע זייט פון יעקב אבינו: רבי שמואל בר נחמני זאגט דער מלאך האט אויס געזעהן ביא יעקב אזוי וויא א גוי. אונ דער תנא האט גזאגט אז א יוד גייט אין וועג אונ א גוי קומט צו איהם אונ ער וויל גיין מיט איהם צו זאמען. זאל דער יוד נעמען דעם גוי ביא זיין רעכטע זייט. דריבער האט יעקב גענומען דעם מלאך ביי זיין רעכטע זייט. אונ וויא דער מלאך איז גישטאנען נעבין דיא רעכטע זייט פון יעקב. האט ער מיט זיין לינקע האנט אן גערירט דיא רעכטע זייט פון יעקב. רב שמואל בר אחא איז גיזעסען פאר רב פפא אונ האט גזאגט פון רבא בר עולא וועגין דער מלאך האט אויס גיזעהן ביא יעקב אזוי וויא א תלמיד חכם. אונ דער תנא האט גזאגט דער וואס גייט ביי דיא רעכטע זייט פון זיין רבי איז ער א עם הארץ. דריבער האט יעקב זיך גישטעלט ביא דיא לינקע זייט פון מלאך. איז דאך דער מלאך גישטאנען ביי די רעכטע זייט פון יעקב. האט דער מלאך מיט זיין לינקע האנט אן גערירט דיא רעכטע זייט פון יעקב ואזוי האלט רבי יהודה. דריבער איז נאר אסור דער גיד הנשה פון דיא רעכטע זייט. אונ די רבנן זאגען דער מלאך איז געקומען צו יעקב פון אינטען אונ מיט זיינע ביידע הענט האט ער אן גערירט ביידע זייטען פון יעקב ביז ביידע אדערין ודער אדער פון דער זייט אונ דער אדער פון דער זייט זענען אפ גירוקט גיווארין פון זייערע ארטער ודריבער זענען אסור ביידע גיד הנשה. פרעגט דיא גמרא וואס דרשנן דיא רבנן מיט דעם בהאבקו עמו: ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא דיא אנדערע זאך וואס רבי יהושע בן לוי האט גזאגט. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גזאגט ווען דער מלאך האט זיך גיראנגעלט מיט יעקב האבען זייא גימאכט אזוי א שטויב מיט זייערע פים אז דער שטויב איז ארויף גיגאנגען ביז צום כסא הכבוד. ווארום דא שטייט בהאבקו עמו אונ דארט שטייט וענן אבק רגליו. דיא שטויב פון זיינע פים איז אזוי וויא א וואלקין. איז בהאבקו עמו אויך דער טייטש די שטויב וואס דער מלאך האט גימאכט מיט יעקב:

ג ואמר. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט פאר וואס רופט מען דעם אדער גיד הנשה. וויל נשה איז דער טייטש אפ גישפרונגען. דער אדער איז אפ גישפרונגען פון זיין ארט. אונ אזוי שטייט אין פסוק נשתה גבורתם היו לנשים. עס איז אפ גישפרונגען זייער שטארקייט

נשתה גבורתם היו לנשים. אמר ר' יוסי בר חנינא מ"ד (ישעיה ט) דבר שלח אדני ביעקב ונפל בישראל דבר שלח ה' ביעקב זה גיד הנשה ונפל בישראל שפשט איסורו בכל ישראל. וא"ר יוסי בר חנינא מ"ד (בראשית מג) וטבוח טבח והכן פרע להם בית השחיטה והכן טול גיד הנשה בפניהם כמ"ד גיד הנשה נאסר לבני נח. (שם לב) ויותר יעקב לבדו אמר ר' אלעזר שנשתייר על פכין קטנים מכאן לצדיקים שחביב עליהם ממונם יותר מגופן וכל כך למה לפי שאין פושטין ידיהם בגזל. (שם) ויאבק איש עמו עד עלות השחר א"ר יצחק מכאן לת"ח שלא יצא יחידי בלילה ר' אבא בר כהנא אמר מהכא (ע"ג) (רות ג) הנה הוא זורה את גרן השעורים הלילה ר' אבהו אמר מהכא (בראשית כב) וישכם אברהם בבקר ויחבוש וגו' ורבנן אמרי מהכא (שם לז) לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן וגו' רב אמר מהכא (שם לב) ויזרח לו השמש:

כה ממקומו. קפץ: נשתה גבורתם. קפלה גבורתם: היו לנשים. הלכים כנשים: דבר. הקללה ביעקב נפל בישראל נפל בכל ישראל: פרע להם בית השחיטה. שלא יאמרו בשר נחירה אנו אוכלים לפי שבני יעקב נוהגי מצות היו דאע"פ שלא ניתנה תורה מקובלין היו מאבותיהם: כמ"ד. כמתניתין: גיד הנשה נאסר להם. בעודן בני נח: שנשתייר על פכין קטנים. דכל כלים החשובים ומקנה כבר העבירו את נחל יבק כדכתיב לעיל ויקח ויעבר את אשר לו והוא נשאר על פכים קטנים שלא הספיק להעבירם והשכם לו: ועד שמרו עד עלות השחר. ש"מ לא ניתנה רשות למזיק להזיק ביום לפיכך לא הלך במרה: מכאן לת"ח כו'. שהרי יעקב נשאר יחידי והוזק: הנה הוא זורה. וני"ר בלעז וכתיב ויהי בחצות וגו' אמרה לה דעי שאחר שיגמור לזרות לא ילך לביתו לפי שגורו הוא לת"ח ללכת בלילה ויבחב בגורן: וישכם בבקר. ולא קודם היום ואע"ג דלאו יחידי הוה וכ"ש יחידי: לך נא ראה. בעוד שאדם יכול לראות:

---

שטארקייט זייא זענען געווארין שוואך אזוי וויא ווייבער. רבי יוסי בר חנינא זאגט וואס מיינט דער פסוק אזאך האט גאט געשיקט אין יעקב אונ עס איז גיפאלען אין דיא יודען. אזאך האט גאט געשיקט אין יעקב דאס מיינט מען וואס זיין אדער איז אפ געשפרונגען פון ארט דורך דעם מלאך. אונ עס איז גיפאלען אין דיא יודען דאס מיינט מען וואס דער איסור האט זיך פאר שפרייט צווישען אלע יודען. אלע יודען טארען ניט עסין דעם אדער. נאך האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט עס שטייט אין פסוק יוסף האט גזאגט צוא דעם בדינער פון זיין שטוב וטבוח טבח. דוא זאלסט שעכטין אשעכטונג. אזוי האט יוסף גזאגט דוא זאלסט נוט עפענען דיא געשאכטענע האלדז. אלע זאלען זעהן אז עס איז גישאכטען. ניט גישטאכען. יוסף האט גזאגט צום בעדינער דוא זאלסט אן ברייטען. נעם ארויס דעם גיד הנשה פאר זייערע אויגען. אזוי ווי דער וואס זאגט אז דיא קינדער פון נח דאס מיינט מען דיא יודען איידער דיא תורה איז גיגעבען געווארין האבען אויך ניט גיטארט עסין דעם גיד הנשה. עס שטייט אין פסוק יעקב איז געבליבען אליין. רבי אלעזר זאגט ער איז געבליבען פון וועגין קליינע קריגלאך וואס ער האט פאר געסין צו נעמען: פון דאנען זעהן מיר אז בייא צדיקים איז זייער געלט בייא זייא טייערער וויא זייער גוף. פאר וואס איז דאס. ווייל זייא גזלנן ניט. עס שטייט אין פסוק אמענטש האט איהם ארום גינומען ביז דער מארגינשטערין איז אויף גיגאנגען: רבי יצחק זאגט פון דאנען זעהן מיר אז אתלמיד חכם דארף ניט גיין אליין בייא נאכט. רבי אבא בר כהנא זאגט פון דאנען ווייסען מיר: נעמי האט גזאגט צוא רות דיא נאכט וועט מען שופלעווען דעם שייער גערשטין. וועט בועז זיין אגאנצע נאכט אין שייער אונ דארט וועט ער שלאפען. אונ ער וועט ניט גיין ביי נאכט אהיים. ווארום אתלמיד חכם טאר ניט גיין אליין ביי נאכט. רבי אבהו זאגט פון דעם פסוק וו יסען מיר. אברהם איז אויף גישטאנען אין דער פריא גיין צו דער עקדה: אונ ער איז ניט גיגאנגען ביי נאכט אפילו מיט זיינע יונגען: טאר מען דאך אליין געווים ניט גיין ביי נאכט. דיא רבנן זאגען פון דעם פסוק ווייסען מיר. יעקב האט גזאגט צו יוסף גיי נאר זעה דעם פרידען פון דיינע ברידער אונ דעם פרידען פון דיא שעפסין. האט יעקב גזאגט צו יוסף גיי נאר זעה. דאס מיינט מען ער זאל גיין ביי טאג ווען מען קען זעהן: ניט בייא נאכט. רב זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר. ויזרח לו השמש דיא זוהן האט גישיינט צו יעקב ווען ער איז דורך גיגאנגען דיא שטאט פניאל. אבער ביי נאכט איז ער ניט גיגאנגען:

אמר

ד א"ר עקיבא שאלתי את ר"ג ואת ר' יהושע באיטליז של אימאום שהלכו ליקח בהמה למשתה בנו של ר"ג כתיב (בראשית לב) ויזרח לו השמש וכי שמש לו לבד זרחה והלא לכל העולם זרחה א"ר יצחק שמש הבאה בעבורו זרחה בעבורו דכתיב (שם כח) ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה וכתיב ויפגע במקום כי מטא לחרן אמר אפשר עברתי על מקום שהתפללו בו אבותי ואני לא התפללתי בו כד יהב דעתיה למיהדר קפצה ליה ארעא מיד ויפגע במקום כד צלי בעא למיהדר אמר הקב"ה צדיק זה בא לבית מלוני ויפטר בלא לינה מיד בא השמש. כתיב (שם) ויקח מאבני המקום וכתיב (שם) ויקח את האבן א"ר יצחק מלמד שנתקבצו כל אותן אבנים למקום אחד וכל אחד ואחד אמר עלי יניח צדיק זה ראשו תנא וכולן נבלעו באחד. (שם) ויחלם והנה סלם מוצב ארצה תנא כמה רחבו של סלם ה' אלפים פרסאות דכתיב (שם) והנה

איטליז. שוק שמוכרין בו בשר: אימאוס. שם מקום: כמה הכתה בעבורו שקעה בעבורו. קודם זמנה ומפרש ואזיל למה שקעה: כתיב וילך חרנה. דמשמע דמטא לחרן והדר כתיב ויפגע במקום דהיינו בית אל דאכתי לא מטא לחרן: שהתפללו בו אבותי. האי בית אל לאו הסמוך לעי הוא אלא ירושלים ועל שם יהיה בית אלהים קראו בית אל והוא הר המוריה שהתפלל בו אברהם והוא שדה שהתפלל בו יצחק דכתיב לשוח בשדה דהכי אמרינן בסוטה אל הר ה' אל בית אלהי יעקב מאי שנא יעקב אלא לא כאברהם שקראו הר דכתיב בהר ה' ולא כיצחק שקראו שדה דכתיב לשוח בשדה אלא כיעקב שקראו בית: קפצה. לשון לא תקפוץ את ידך נתקצרה ונתקמטה לו: ויפגע במקום. כאדם הפוגע בחברו שבא כנגדו ודרשינן ליה נמי לשון תפלה כדכתיב אל תפגע בי: מיד בא השמש. כדכתיב וילן שם כי בא השמש למה ליה למיכתב כי בא השמש אלא ללמדנו ששקעה קודם זמנה: מאבני. משמע טובא וכתיב ויקח את האבן: נבלעו באחד. נעשו אבן אחד: עולים. משמע כי

---

ד אמר. רבי עקיבא האט גיזאגט איך האב גיפרעגט ביי רבן גמליאל אונ ביי רבי יהושע ווען זייא זענען גיוועזן אין דיא יאטקע פון אימאום. זייא זענען גיקומען קויפען א בהמה צו דער סעודה וואס ער האט זוהן פון רבן גמליאל האט גידארפט מאכין. האב איך ביי זיי גיפרעגט עס שטייט אין פסוק די זוהן האט גישיינט צו איהם וצו יעקבו. האט דען דיא זוהן גישיינט נאר צו יעקב זיא האט דאך גישיינט צו דער גאנצער וועלט. האט רבי יצחק גיזאגט אזוי מיינט דער פסוק. דיא זוהן וואס איז אמאהל אונטער גיגאנגען פון זיינעטוועגין. איז איצט אויף גישיינט פון זיינעט וועגין. ווארום עס שטייט אין פסוק יעקב איז ארוים גיגאנגען פון באר שבע אונ איז גיגאנגען צו חרן. זעהט אוים ער איז שוין גיוועזן אין חרן. דער נאך שטייט ער האט בגעגינט דעם ארט ובית אל וואס דאס איז פריער פאר חרן. נאר אזוי איז גיוועזן. וויא יעקב איז גיקומען אין חרן. האט ער גיזאגט טאמער בין איך אריבער גיגאנגען דעם ארט וו מיינע עלטערין האבען דארט תפלה גיטאהן. אונ איך האב דארט ניט תפלה גיטאהן. האט ער זיך אומגיקערט גיין צוריק צו דעם ארט בית אל ער זאל דארט תפלה טאהן. איז דיא ערד פון בית אל גישפרונגען צו איהם אנטקעגין האט ער באלד בגעגינט דעם ארט. וויא ער האט אפגידאווינט. האט ער גיוואלט גיין צוריק אין חרן. האט גאט גיזאגט דער צדיק איז גיקומען אין מיין נאסט הויז ואויף דעם ארט פון בית המקדש אונ ער זאל אוועק גיין אומגינעכטיגט. איז באלד אונטער גיגאנגען דיא זוהן פאר דיא צייט אונ ער האט גימוזט דארט נעכטיגען. עס שטייט אין איין פסוק ער האט גינומען פון דיא שטיינער פון דעם ארט אונ האט גילייגט אינטער זיין קאפ. זעהט אוים ער האט גינומען פיל שטיינער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט ער האט גינומען דעם שטיין וואס ער האט גילייגט אונטער זיין קאפ ואיז נאר גיוועזן איין שטיין. זאגט רבי יצחק דער פסוק לערונט אונז אז אלע שטיינער האבען זיך פארזאמלט אויף איין ארט. אונ יעדער שטיין האט גיזאגט אויף מיר זאל לייגין דער צדיק זיין קאפ. אונ מיר האבען גילערונט אז פון אלע שטיינער איז גיווארן איין שטיין. זענען שוין ריכטיג ביידע פסוקים. גינומען האט יעקב פיל שטיינער. נאר פון זייא אלע איז גיווארען איין שטיין. עס שטייט אין פסוק עס האט איהם גיחלומת א לייטער שטייט אויף דיא ערד אונ דער שפיץ פון דעם לייטער איז אן גילעהנט אין הימעל. מיר האבען גילערונט דיא ברייט פון דעם לייטער איז גיוועזן אכט טויזענד מייל. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מלאכים פון גאט זענען ארויף גיגאנגען אונ

אראפ

ודנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו עולים שנים ויורדים שנים וכי פגעו בהדי הדדי הוו להו ד׳ וכתיב ביה במלאך (דניאל י) וגויתו כתרשיש וגמירי דתרשיש תרי אלפי פרסי הוי. תנא עולים ומסתכלין בדיוקנו של מעלה ויורדים ומסתכלים בדיוקנו של מטה ובעו לסכוניה מיד (בראשית כח) והנה ה׳ נצב עליו. אמר ר״ש בן לקיש אלמלא מקרא כתוב א״א לאמרו כאדם שמניף על בנו. (שם) הארץ אשר אתה שוכב עליה וגו׳ מאי רבותיה א״ר יצחק מלמד שקפלה הקב״ה לכל א״י והניחה תחת יעקב אבינו שתהא נוחה ליכבש לבניו:

בהדי ולא זה אחר זה וכן יורדים: וכי פגעי בהדדי כיון לכו ארבעה. צריך רוחב הסולם להחזיק ארבעתם: וגויתו כתרשיש. בדניאל: דתרשיש. ים ששמו תרשיש כדמתרגם כתרשיש כרום ימא מהלא כיס וכתיב אניה באה תרשיש: בדיוקנו של מעלה. כלומר אדם שבד׳ חיות בדמות יעקב: בעו לסכוניה. מתמת קנאה: נצב עליו. לאמרו: שמניף על בנו. במניפה להצילו מן השרב: מאי רבותיה. ד׳ אמות מבטיחו לתת לבניו: שתהא נוחה ליכבש לבניו. כד׳ אמות:
קוביוסטוס. גונב נפשות: שלש כתות. הדשים מיום אל יום: אחר ג׳ תיבות. שמע

(שם לב) **ה ויאמר** שלחני כי עלה השחר א״ל גנב אתה או קוביוסטוס אתה שמתירא אתה מן השחר א״ל מלאך אני ומיום שנבראתי לא הגיע זמני לומר שירה עד עכשיו מסייע ליה לרב חננאל אמר רב דאמר רב חננאל אמר רב שלש כיתות של מה״ש אומרות שירה בכל יום אחת אומרת קדוש ואחת אומרת קדוש ואחת אומרת קדוש ה׳ צבאות

---

אראפ גיגאנגען אויף דעם לייטער. ארויף גיגאנגען זענען צוויא מלאכים. אונ אראפ גיגאנגען זענען אויך צוויא מלאכים. אונ אז דיא פיר מלאכים האבען זיך בגעגינט אין מיטען לייטער. זענען גישטאנען אין דיא ברייט פון לייטער פיר מלאכים. אונ עס שטייט ביי אמלאך אז די ברייט פון זיין קערפער איז וויא דער ים תרשיש. אונ מיר האבען גילערנט אז דער ים תרשיש איז צוויא טויזענד מייל. איז דיא ברייט פון אמלאך צווי טויזענד מייל. אז אויף דעם לייטער זענען גישטאנען פיר מלאכים אין די ברייט. איז דאך דער לייטער ברייט גיוועזן אכט טויזענד מייל. מיר האבען גילערנט דיא מלאכים זענען ארויף גיגאנגען אין הימעל אונ האבען גיקוקט אויף דעם פנים פון דעם מענטש וואס איז אין כסא הכבוד. אונ זייא זענען אראפ גיגאנגען אויף דער ערד אונ זייא האבען גיקוקט אויף דעם פנים פון יעקב. האבען זייא גיזעהן אז דער פנים פון יעקב איז אין כסא הכבוד. האבען זיי מקנא גיוועזן אונ האבען גיוואלט הרגנן דעם יעקב איז באלד אראפ גיקומען גאט אונ האט זיך גישטעלט נעבין יעקב צו היטען איהם. רבי שמעון בן לקיש זאגט ווען דער פסוק וואלט ניט שטיין וואלטין מיר דאס ניט גיקענט זאגין. גאט איז גישטאנען נעבין יעקב אזוי וויא אפאטער שטייט נעבין זיין זוהן אונ בלאזט אויף איהם מיט אפאכער דיא היץ זאל ניט שטערין זיין שלאף. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו יעקב די ערד וואס דוא ליגסט אויף איהר וועל איך געבין צו דיר אונ צו דיינע קינדער. פרעגט דיא גמרא וואס איז דיא טובה. וויא גרויס איז דען דיא שטיקול ערד וואס אמענטש ליגט אויף איהר. האט רבי יצחק גיזאגט דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט איינגעוויקולט גאנץ ארץ ישראל אונ האט זיא גילייגט אונטער יעקב אבינו. אונ ער האט גיזאגט צו איהם אזוי וויא עס איז גרינג איין צו נעמען פיר איילין ערד. אזוי וועט זיין גרינג ביא דיינע קינדער איין צו נעמען גאנץ ארץ ישראל:

**ה** ויאמר. דער מלאך האט גיזאגט צוא יעקב שיק מיך אוועק ווארום דער מארגען שטערין איז שוין אויף גיגאנגען. האט יעקב גיזאגט צום מלאך ביזט דוא דען אגנב וואס גנבעת געלט. אדער אקוביוסטוס וואס גנבעת מענטשין. וואס דו האסט מורא פאר דעם מארגענשטערין. האט דער מלאך גיזאגט צוא יעקב איך בין אמלאך. אונ פון דעם טאג וואס איך בין בשאפען גיווארען ביז היינט איז נאך ניט גיוועזן מיין צייט צוא זאגין שירה. אונ איצט דארף איך גיין זאגען שירה. דאס וועט זיין אזוי וויא רב חננאל האט גיזאגט פון רבס וועגין אז די מלאכים זאגען ניט אלע טאג שירה. נאר דרייא מחנות. איין מחנה זאגט קדוש. די אנדערע מחנה

צבאות. מיתיבי חביבין ישראל לפני הקב"ה יותר ממלאכי השרת שישראל אומרים שירה בכל שעה ומלאכי השרת אין אומרים שירה אלא פעם אחת ביום ואמרי לה פעם אחת בשבת ואמרי לה פעם אחת בחדש ואמרי לה פעם אחת בשנה ואמרי לה פעם אחת בשבוע ואמרי לה פעם אחת ביובל ואמרי לה פעם אחת בעולם וישראל מזכירין את השם אחר שתי תיבות שנאמר (דברים ו) שמע ישראל ה' וגו' ומלאכי השרת אין מזכירין את השם אלא לאחר ג' תיבות כדכתיב (ישעיה ו) קדוש קדוש קדוש ה' צבאות ואין מלאכי השרת אומרים שירה למעלה עד שיאמרו ישראל למטה שנאמר (איוב לח) ברן יחד כוכבי בקר והדר ויריעו כל בני אלהים אלא אחת אומרת קדוש ואחת אומרת קדוש קדוש ואחת אומרת קדוש קדוש קדוש ה' צבאות והאיכא ברוך (דף נג) ברוך אופנים הוא דאמרי ליה ואבע"א כיון דאתיהב רשותא אתיהב. (הושע יב) וישר אל מלאך ויוכל בכה ויתחנן לו איני יודע מי נעשה שר למי כשהוא אומר (בראשית לב) כי שרית

ישראל ה' וגו' ומלאכים אין מזכירין את השם בשירתם עד לאחר ג' תיבות קדוש קדוש קדוש ה': כוכבי בקר. ישראל המשולים לכוכבים. קתני מיהת אחר שלש תיבות ולא אמרת קדוש ה': והאיכא ברוך. דהוזכר אחר ב' תיבות כדכתיב ברוך כבוד ה': ואבעי. ברוך אופנים הוא דאמרי ליה. שהם מכסא הכבוד עצמו וכי אמרינן אנן במלאכים: כיון דאתיהב רשותא. לאזכיר דכבר הזכירוהו בקדוש אחר ג' תיבות של שבח: אתיהב. רשותא לאדכוריה לאדיה: וישר אל מלאך. מקרא הוא בתרי עשר: ויוכל. איני יודע על איזה מהם הוא אומר ויוכל בלאהו ונעשה שר את יעקב למלאך וה"ק וישר יעקב אל מלאך ויוכל יעקב או ה"ק וישר אל יעקב מלאך כלומר נשתרר נעשה שר המלאך ויוכל המלאך ולאהו כשהוא אומר כי שרית ותוכל הוי אומר יעקב גלאהו למלאך: שרית עם אלהים. נשיא במלאך ישראל שמשולים הם ונקראים אלהים עד שכאילו יצא דבר בעיניהם ושם אלהים כאן הנגלה:

---

זאגט אויך קדוש. דיא דריטע מחנה זאגט קדוש קדוש קדוש יי צבאות. פרעגט דיא גמרא מיר האבען געלערנט דיא יודען זענען ביי גאט ליבער וויא דיא מלאכים. דיא יודען זאגען שירה ווען זיא וויללען. אונ דיא מלאכים זאגען שירה נאר איין מאהל אין טאג. אנדערע זאגען איין מאהל אין וואך. אנדערע זאגען איין מאהל אין חודש. אנדערע זאגען איין מאהל אין יאהר. אנדערע זאגען איין מאהל אין זיבען יאהר. אנדערע זאגען איין מאהל אין פופציג יאהר. אנדערע זאגען איין מאהל ציית דיא וועלט שטייט. אונ דיא יודען דער מאנען דעם נאמען פון גאט נאך צוויי ווערטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמע ישראל יי. אונ דיא מלאכים מוזען דער מאנען דעם נאמען פון גאט נאך דרייא ווערטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קדוש קדוש קדוש יי צבאות: אונ דיא מלאכים טארין ניט זאגין שירה אין הימעל. ביז דיא יודען זאגין פריער שירה אונטען אויף דיא ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פריער זינגען צו זאמען דיא שטערין פון דער פריא דאס מיינט מען דיא יודען וואס זייא זענען געגליכען צו דיא שטערין. דער נאך טוהען שאלען אלע קינדער פון גאט דאס מיינט מען דיא מלאכים. זעהן מיר דאך אז מלאכים טארין ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט ביז נאך דרייא ווערטער. אונ רב זאגט איין מחנה מלאכים זאגען קדוש ה' צבאות דער מאנען זייא דאך דעם נאמען פון גאט נאך אייןווארט. ענטפערט די גמרא אזוי האט רב געזאגט איין מחנה זאגט קדוש. דיא אנדערע מחנה זאגט קדוש קדוש. די דריטע מחנה זאגט קדוש קדוש קדוש ה' צבאות. פרעגט דיא גמרא מען זאגט דאך אין הימעל ברוך כבוד ה'. דער מאנט מען דאך דעם נאמען פון גאט נאך צוויי ווערטער. ענטפערט דיא גמרא דיא אופנים זאגען ברוך כבוד ה'. אבער ניט מלאכים. אונ דיא אופנים מעגין וויל זייא זענען פון כסא הכבוד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר ענטפערין אז מען האט שוין דעם טאג דער מאנט דעם נאמען פון גאט נאך דרייא ווערטער. מעג מען שוין דעם טאג דער מאנען נאך צוויי ווערטער אויך:

עס שטייט אין פסוק וישר אל מלאך ויוכל. ער האט געהערשט צום מלאך אונ ער האט איהם ביי געקומען. ווייס איך ניט ווער האט ביי געקומען וועמען. אויב יעקב האט בייא געקומען דעם מלאך אונ ער איז געווארין אשר אויף דעם מלאך. אדער דער מלאך האט ביי געקומען דעם יעקב אונ ער איז געווארין אשר אויף יעקב. אז עס שטייט אין פסוק כי שרית עם אלהים ותוכל.

דער

שרית עם אלהים הוי אומר יעקב נעשה שר למלאך בכה ויתחנן לו איני יודע מי בכה למי כשהוא אומר ויאמר שלחני הוי אומר מלאך בכה ליעקב. כי שרית עם אלהים ועם אנשים אמר רבה רמז רמז לו שעתידין שני שרים לצאת ממנו ראש גולה שבבבל ונשיא שבא"י מכאן רמז לו גלות:

ובגפן. ישראל נמשלו לגפן דכתיב גפן ממצרים תסיע: שרי גאים. עשירים וקצינים למלכות: אלו ג' שרי גוים. מלמדים: עלהה

(בראשית מ) ובגפן שלשה שריגים א"ר חייא בר אבא אמר רב אלו שלשה שרי גאים היוצאין מישראל בכל דור ודור פעמים שב' כאן ואחד בא"י פעמים שב' בא"י וא' כאן יהבו רבנן עינייהו ברבנא עוקבא ורבנא נחמיה בני ברתיה דרב רבא אמר אלו ג' שרי גוים שמלמדין זכות על ישראל בכל דור ודור. תניא ר' אליעזר אומר גפן זה העולם ג' שריגים זה אברהם יצחק ויעקב (שם) והיא כפורחת עלתה נצה אלו האמהות הבשילו אשכלותיה ענבים אלו השבטים א"ל ר' יהושע וכי מראין לו לאדם מה שהיה והלא אין מראין לו לאדם אלא מה שעתיד להיות אלא גפן זה תורה ג' שריגים אלו משה ואהרן ומרים והיא כפורחת עלתה נצה אלו סנהדרין הבשילו אשכלותיה ענבים אלו הצדיקים שבכל

---

דער מלאך האט גזאגט צו יעקב דוא האסט דיך געקריגט מיט דעם מלאך ווער זאל זיין אשר אונ דוא האסט בייגיקומען. זעהן מיר אז יעקב איז גיווארין אשר אויף דעם מלאך:

עס שטייט אין פסוק ער האט גיוויינט אונ ער האט גיבעטין בייא איהם. ווייסען מיר נים ווער האט גיוויינט צוא וועמען. אז עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק. ווייסען מיר אז דער מלאך האט גיוויינט פאר יעקב אונ ער האט גיבעטין בייא איהם ער זאל איהם אפ לאזין:

עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו יעקב ווארום דוא ביסט גיווארין אשר מיט דעם מלאך אונ מיט מענטשין. רבה זאגט דער מלאך האט געוויזען צוא יעקב אז פון איהם וועלין זיין צוויא פירשטען. דער גרעסטער פון דיא פאר טריבענע יודען וואס אין בבל. אונ דער נשיא וואס אין ארץ ישראל. דא הט דער מלאך געוויזען צו יעקב אז דיא יודען וועלין פר טריבען ווערין פון ארץ ישראל אין גלות:

ובגפן. אין פסוק שטייט דער שר המשקים האט גזאגט צו יוסף אין חלום האב איך גיזעהן א ווינשטאק אונ אין ווין שטאק זענען גיוועזן דריי צווייגען. רבי חייא בר אבא הט גזאגט פון רבס וועגין דאס מיינט מען דיא דריי גרויסע לייט וואס זענען דא בייא יודען אין יעדער דור. אמאהל זענען צוויי אין חוץ לארץ אונ איינער אין ארץ ישראל. אמאהל זענען צוויא אין ארץ ישראל אונ איינער אין חוץ לארץ. האבען דיא רבנן גיגעבן זייערע אויגען אויף רבנא עוקבא אונ אויף רבנא נחמיה דיא קינדער פון רבס טאכטער אז זייא זענען דיא גרויסע לייט פון דעם דור. רבא זאגט די דריי צווייגען זענען די דריי שרים ומלאכים פון דיא פעלקער וואס זייא זאגען גוטס אויף יודען פאר גאט אין יעדער דור:

מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט דער ווינשטאק מיינט מען דיא וועלט. דיא דרייא צווייגען מיינט מען אברהם יצחק יעקב. זיא הט געבלידט עס איז אויף גיגאנגען אשפראצונג: דאס זענען דיא מוטערס. שרה רבקה רחל לאה. אויף דיא צווייגען זענען פארטיג גיווארין ווין טרויבען. דאס מיינט מען דיא שבטים. האט רבי יהושע גזאגט צוא רבי אליעזר ווייזט מען דען א מענטשין אין חלום וואס עס איז גיוועזן. מען ווייזט א מענטשין אין חלום וואס עס וועט זיין. נאר אזוי מיינט מען. דעם ווינשטאק מיינט מען דיא תורה. דיא דריי צווייגין מיינט מען משה אהרן מרים. זיא האט געבלידט עס איז אויף גיגאנגען אשפראצונג. דאס מיינט מען דיא סנהדרין. אויף דיא צווייגין איז פארטיג גיווארין ווינטרויבען. דאס מיינט מען דיא צדיקים וואס

זענען

שבכל דור ודור אמר ר"נ עדיין צריכין אנו למודעי דמוקים ליה כוליה בחד מקום ר' אלעזר המודעי אומר גפן זה ירושלים שלשה שריגים זה מקדש מלך וכהן גדול והיא כפורחת עלתה נצה אלו פרחי כהונה הבשילו אשכלותיה ענבים אלו נסכים ריב"ל מוקים לה במתנות דאמר ריב"ל גפן זו תורה שלשה שריגים זה באר עמוד ענן ומן והיא כפורחת עלתה נצה אלו הבכורים הבשילו אשכלותיה ענבים אלו נסכים. ר' ירמיה בר אבא אמר גפן אלו ישראל וכן הוא אומר (תהלים פ) גפן ממצרים תסיע שלשה שריגים אלו ג' רגלים שישראל עולין בהן בכל שנה ושנה והיא כפורחת הגיע זמן של ישראל לפרות ולרבות וכן הוא אומר (שמות א) ובני ישראל פרו וישרצו עלתה נצה הגיע זמנן של ישראל ליגאל וכה"א (ישעיה סג) ויז נצחם על בגדי וכל מלבושי אגאלתי. הבשילו אשכלותיה ענבים הגיע זמנה של מצרים לשתות כוס התרעלה והיינו דאמר רבא ג' כוסות האמורות במצרים למה אחד ששתה בימי משה ואחד ששתה בימי פרעה נכה ואחד שעתידה לשתות עם כל האומות

מגן . אין אנו צריכין ל"ל כפריגים שהם ענפים קטנים: אלו פרחי כהונה . כמפרחים במקדש : כמיגוה . שגנן הקב"ה לישראל : אלו בכורים . שמכפיסן לארץ טובה ומלאה פירות ומביאין ממנה בכורים כפריחה גמר בישולם : הגיע זמנן . לגאת ממצרים ולפרות ולרבות : עלתה נצה . עלתה זמן גאולה להזות דם ולתן של מצרים : ג' כוסות . נכיסוף ההלוס וכוס פרעה וגו' : בימי פרעה נכה . שמלכיה נבוכדנאצר דכתיב לכה נבוכדנאצר מלך בבל וגו' : אומה זו . ישראל : מגלה כגפן . גפן ממצרים

---

זענען אין יעדער דור: רבי נחמן זאגט מיר דארפין נאך זעהן וואס דער מודעי זאגט ער לערנט אז דער גאנצער פסוק שמועסט פון איין זאך. רבי אלעזר המודעי זאגט דעם ווינשטאק מיינט מען ירושלים. די דריי צווייגען מיינט מען דעם בית המקדש. אונ דעם מלך. אונ דעם כהן גדול. זיא האט געבליהט עס איז אויף געגאנגען אשפראצונג. דאס מיינט מען די יונגע כהנים וואס האבען געדינט אין בית המקדש. אויף די צווייגען איז פארטיג געווארען ווייטרויבען. דס מיינט מען די וויין וואס מען האט געגאסען אויף דעם מזבח:

רבי יהושע בן לוי זאגט דער גאנצער פסוק שמועסט פון די מתנות וואס גאט האט געגעבען צו די יודען. דעם ווינשטאק מיינט מען די תורה. די דריי צווייגען מיינט מען דעם ברונען אונ די וואלקינס אונ דעם מן. זיא האט געבליהט עס איז אויף געגאנגען אשפראצונג. דאס מיינט מען די בכורים די ערשטע צייטיגע פירות וואס מען האט געבריינגט אין ירושלים. אונ מען לויבט גאט אויף די מתנה וואס ער האט אונז געשאנקט די לאנד ארץ ישראל. אויף די צווייגען איז פארטיג געווארען ווייטרויבען. דאס מיינט מען די וויין וואס מען האט געגאסען אויף דעם מזבח:

רבי ירמיה בר אבא זאגט דעם ווינשטאק מיינט מען די יודען. אונ אזוי שטייט אין פסוק א ווינשטאק האסטו געמאכט ציהען פון מצרים. די דריי צווייגען מיינט מען די דרייא מאהל יום טוב וואס איז דא אין יעדער יאהר. אונ די יודען גייען צוא יעדער יום טוב אין ירושלים. אונ זיא בליהט דאס מיינט מען עס איז געקומען די צייט אז די יודען זאלען זיך פרוכטבארין אונ מערין. אונ אזוי שטייט אין פסוק די יודען האבען זיך געפרוכט בארט אונ געמערט וויא די שרצים וואס געבארען עטליכע קינדער מיט איין מאהל. עס איז אויף געגאנגען זייער שפראצונג דאס מיינט מען עס איז געקומען די צייט די יודען זאלען אויס געלייזט ווערין. אונ אזוי שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ויז נצחם על בגדי וועם האט געשפריצט די שטארקע בלוט וואס מצרים האבען פאר גאסען פון די יודען אויף מיינע קליידער וכל מלבושי אגאלתי ואנג מיינע אלע קליידער זענען פאר מיאוסט געווארין פון דעם בלוט. דריבר איז געקומען די צייט איך זאל אויס לייזען. אויף די צווייגען איז פארטיג געווארען ווייטרויבען. דאס מיינט מען עס איז געקומען די צייט פון מצרים זיא זאל טרינקען דעם פאר פלוכטין כוס. דאס איז וואס רבא האט גזאגט פאר וואס שטייט ביא מצרים דרייא מאהל דערווארט כוס. איין כוס פון צרות האט מצרים געטרונקען אין די צייט פון משה. דעם אנדערין כוס פון צרות

האומות א"ל ר' אבא לרב ירמיה בר אבא כי דריש להו רב להני קראי באגדתא כוותך דריש להו. אמר ר"ש בן לקיש אומה זו כגפן נמשלה זמורות שבה אלו בעלי בתים אשכלות שבה אלו ת"ח עלין שבה אלו עמי הארץ קנוקנות שבה אלו ריקנין שבישראל והיינו דשלחו מתם ליבעי רחמי אתכליא על עליא דאלמלא עליא לא מתקיימין אתכליא:

(הושע ג) ז ואכרה לי בחמשה עשר כסף א"ר יוחנן משום ר"ש בן יהוצדק אין כירה אלא מכירה שנאמר (בראשית נ) בקברי אשר כריתי לי. בחמשה עשר זה ט"ו בניסן שבו נגאלו ישראל ממצרים. כסף אלו צדיקים וכן הוא אומר (משלי ז) צרור הכסף לקח בידו. וחמר שעורים ולתך שעורים אלו מ"ה צדיקים שהעולם מתקיים בהם ואיני יודע אם ל' כאן וט"ו

חשיב: זמורות שבה אלו בעלי בתים. דמה הזמורה הזו מוליך אשכלות ועלין ופירי והוא עיקר הגפן כך בעלי בתים גומלי חסד ומהון יש ידי עניים ומפזרים ממונם למלכות בשני הדחק ומתקיימים על ידם: עלין. שבגפן סוככין הרוח ומגינין על האשכלות שלא יכה בהם השמש והרוחות כך עמי הארץ חורשין וזורעין וקוצרין מה שת"ח אוכלין: קנוקנות. ודיינ"ש דלא הוו למידי: ואכרה לי. הקב"ה אומר קניתי לי ישראל בט"ו בניסן בשביל הצדיקים: אשר כריתי. קניתי כדאמרינן בפ"ק דסוטה דיעקב זבנה מעשו: צרור הכסף. בחלק מפרשינן ליה בצדיקים דכתיב ליה עמון ומואב לנבוכדנאצר כדאמעי לנביאים דהינהגא בחורבנה את אמרינהו בנה להו מסהסינא מאלהכן שלחו ליה כי אין האיש בביתו שלא להו בקיוב אתי שלחו ליה הלך בדרך למרחוק שלא נהו היכא צדיקי דבעו רחמי שלחו ליה צרור הכסף לקח בידו צדיקים שבהם המיתם: אומר. ל' כאן: לקח. ט"ו כאן: כאן. בבבל: ואקחה בלשים

---

צרות האט מצרים געטרונקען אין דיא צייט פון פרעה וכו'. אונ דעם דריטען כוס פון צרות וועט מצרים טרינקען מיט אלע פעלקער צוא זאמען ווען משיח וועט קומען. רבי אבא האט גזאגט צו רב ירמיה בר אבא ווען רב האט גידרש'ט דיא פסוקים פון דעם חלום פון שר המשקים. האט ער זייא גידרש'ט וויא דוא זאגסט. רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט דיא פאלק יודען זענען געגליכען צו א ווייגשטאק. די גרויסע צווייגע זענען די בעלי בתים אזוי וויא דיא גרויסע צווייגען האלטען אויף אלע ווינטרויבען. אזוי האלטען אויף דיא בעלי בתים אלע יודען. וייל זייא טוהען גמלות חסדים אונ צדקה. דיא קליינע צווייגלאך זענען דיא תלמידי חכמים. דיא בלעטער זענען דיא עמי הארצים. אזוי וויא דיא בלעטער בשיצען אויף דיא פירות עס זאל צוא זייא ניט צוא קומען דיא היץ מיט דיא ווינטען. אזוי בשיצען די עמי הארצים אויף דיא תלמידי חכמים. דיא עמי הארצים אקערין אונ זייען אונ שניידען אונ ברייטען פאר פאר דיא תלמידי חכמים זייא זאלען האבען צום עסן. דיא ריטלאך פון דיא ווינטרויבען דאס זענען דיא ליידיגע יודען וואס טוהען גאר ניט. דאס איז וואס מען האט געשיקט פון ארץ ישראל דיא פירות זאלען בעטען ביי גאט אז דיא בלעטער זאלען זיין אויף דעם בוים. ווארום ווען ניט דיא בלעטער וואלטען דיא פירות ניט גיקענט זיין אויף דעם בוים. זייא וואלטען אראפ גיפאלען פאר די צייט. אזוי זאלין דיא תלמידי חכמים בעטען פאר דיא עמי הארצים. ווארום ווען ניט די עמי הארצים וואלטין ארבעטין פעלדער אונ אלע אנדערע מלאכות. וואלטין דיא תלמידי חכמים ניט גיקענט זיצען רוהיג אונ לערנען:

ז ואכרה לי בחמשה עשר כסף. רבי יוחנן זאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק ווענין ואכרה איז דער טייטש איך האב זיא גיקויפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בקברי אשר כריתי לי אין מיין קבר וואס איך האב מיר גיקויפט. בחמשה עשר. פאר פופצעהן. דאס מיינט מען דעם פופצעהנטין טאג אין ניסן. וואס אין דעם טאג זענען דיא יודען אויס גיליזט גיווארין פון מצרים. כסף מיינט מען די צדיקים. אונ אזוי זאגט דער פסוק צרור הכסף לקח בידו. דעם ביטיל געלט האט ער גינומען אין זיין האנט. דאס מיינט מען גאט האט גינומען די צדיקים צו זיך. וחמר שעורים ולתך שעורים. דרייסיג מאה גערשטען אונ פופצעהן מאה גערשטען: דאס מיינט מען דיא פינף אונ פערציג צדיקים וואס דיא וועלט שטייט דורך זייער זכות. נאר איך וויים ניט אויב דרייסיג צדיקים זענען אין חוץ לארץ. אונ פופצעהן זענען אין ארץ ישראל. אדער דרייסיג זענען אין ארץ ישראל אונ פופצעהן אין חוץ לארץ.

אז

וט"ו בא"י ואם ל' בא"י וט"ו כאן כשהוא אומר (זכריה יא) ואקחה שלשים הכסף ואשליך אותו בית ה' אל היוצר הוי אומר ל' בא"י וט"ו כאן אמר אביי ורובייהו משתכחו בבי כנשתא דתותי אפתא והיינו דכתיב (שם) ואומר אליהם אם טוב בעיניכם הבו שכרי ואם לא הדלו וישקל את שכרי שלשים כסף א"ר יהודה אלו שלשים צדיקי אוה"ע שאוה"ע מתקיימין עליהם עולא אמר אלו שלשים מצות שקבלו עליהם בני נח ואין מקיימין אלא ג' אחד (ע"ב) שאין כותבין כתובה לזכרים ואחד שאין שוקלין בשר המת במקולין ואחד שמכבדין את התורה:

(דף נד) **ה אמר** שמואל אסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתו של נכרי והא דשמואל לאו בפירוש איתמר אלא מכללא איתמר דשמואל הוה קא עבר במברא א"ל לשמעיה פייסיה למבוריה

הכסף. וקבעו להם לצדיקים להודות בישראל: אל בית ה'. בא"י: ורוביהו. דצדיקי דא"י: אפתא. יפה: ואומר אליהם. בנבואת זכריה כתיב גבי אוה"ע ואקח את מקלי את נועם ואגדע אותו להפר את בריתי אשר כרתי את כל העמים ואומר אליהם וגו' הבו שכרי ההוגן לי את הצדיקים שביניהם מקבלים עליהם שכר וישקלו וגו': שלשים מצות. לא נתפרשו ומכללא הוא דקא יליף: שאין כותבין כתובה לזכרים. דאע"פ שחשודים למשכב זכור ומייחדין להם זכר לתשמיש אין נוהגין קלות ראש במצוה זו כ"כ שיכתבו להם כתובה: בשר המת: של אדם: במקולין. באיטליז שאין אוכלין אותו בפרהסיא כ"כ אני שמעתי בשר המת בשר בהמה שמתה מעצמה:

פייסיה למבוריה. כן שמו לבעל המעבורת: מברא. ספינה רחבה שעוברין בה את הנהר:

---

אז עס שטייט אין פסוק איך האב גינומען די דרייסיג טאלער (צדיקים) איך האב אים אריין גיווארפען אין דיא שטוב פון גאט. דיא שטוב פון גאט הייסט ארץ ישראל. זעהן מיר אז דרייסיג צדיקים זענען אין ארץ ישראל און פופצעהן צדיקים זענען אין חוץ לארץ. אביי זאגט דאס מערסטע צדיקים פון ארץ ישראל ווערין געפונען אין דיא שוהל וואס אין קעלער; דאס איז וואס דער פסוק זאגט: איך האב גזאגט צו זייא אויב עס איז גוט אין אייערע אויגען עס געפעלט אייך, גיט מיר מיין לוין. און אויב אייך געפעלט ניט, זאלט איר אייך פאר מיידן; האבען זייא אפ גיוואוגין מיין לוין דרייסיג טאלער. זאגט רבי יהודה דאס מיינט מען די דרייסיג צדיקים פון די פעלקער. וואס די פעלקער לעבין אין זייער זכות. עולא זאגט מען מיינט די דרייסיג מצות וואס די קינדער פון נח האבען אויף זיך גינומען זייא זאלען דאס היטען צו טאהן. און זייא טוהען ניט מער נאר דרייא. אז ער נעמט א זכר ער זאל מיט איהם חתנה זיין שרייבט ער איהם ניט א כתובה אזוי וויא ער שרייבט צו זיין ווייב. די אנדערע זאך איז זיי עסין טויטע מענטשין. פון דעסטוועגין פאר קויפען זיי ניט דם פלייש אין יאטקע. דיא דריטע זאך איז זיי גיבען כבוד צו די תורה

ח אמר שמואל האט גזאגט מען טאר ניט גנבנן דיא דעה פון א מענטשין. אפילו דיא דעה פון א גוי טאר מען אויך ניט גנבנן. זאגט די גמרא מיר האבען ניט גיהערט פון שמואל ער זאל זאגען אז מען טאר ניט גנבנן דיא דעה פון א מענטשין. נאר מיר פאר שטייען אז שמואל האלט אזוי. ווארום שמואל הט זיך אמאהל געשיפט אויף א פראם. האט שמואל גזאגט צו זיין בעדינער. גיב עפעס דעם שיפער. האט דער בעדינער גיגעבין דעם שיפער א הון. איז שמואל בייז גיוועזן. פאר וואס איז ער בייז גיוועזן. האט אביי גזאגט דיא הון איז גיוועזן א טריפה. און ער האט גזאגט צום שיפער אז זיא איז א גישאכטענע. איז שמואל בייז גיוועזן אויף דעם בעדינער פאר וואס ער האט גינארט דעם שיפער. אפילו ער איז א גוי. רבא זאגט דריבער איז שמואל בייז גיוועזן ווייל ער האט גיהייסען דעם בעדינער ער זאל געבין דעם שיפער אום גישטעלטין ווין צו טרינקען. און ער האט איהם גיגעבין גישטעלטין ווין. און דער שיפער האט גימיינט אז דאס איז אומגישטעלטער ווין. זעהן מיר אז שמואל האלט מען טאר ניט נארין אפילו א גוי. פרעגט דיא גמרא וואס איז דער אונטער שייד צו שמואל וואלט גזאגט אז מען טאר ניט נארען אפילו א גוי. צו מיר פאר שטייען פון שמואלס מעשה אז ער האלט מען טאר ניט נארען אפילו א גוי. ענטפערט דיא גמרא מען קען זאגען אז שמואל האלט מען מעג

למבוייה פייסיה ואיקפד מ"ט איקפיד אמר אביי תרנגולת טרפה הואי ויהבה ניהליה במר דשחוטה רבא אמר אנפקא א"ל לאשקויי ואשקייה חמרא מזגא וכי מבללא מאי למ"ד טרפה הואי א"ל אמאי השתא איסורא למ"ד אנפקא א"ל לאשקויי אנפקא חייא משמע:

ט תניא היה רבי מאיר אומר אל יסרהב אדם בחברו לסעוד אצלו ויודע בו שאינו סועד ולא ירבה לו בתקרובת ויודע בו שאינו מקבל ולא יפתח לו חביות המכורות לחנוני אלא א"כ הודיעו ולא יאמר לו סוך שמן מפך ריקן ואם בשביל כבודו מותר איני והא עולא איקלע לבי רב יהודה פתח לו חביות המכורות לחנוני

במר דשחוטה. בחילוף שחוטה נתנה במוסה ותבירו בכבורות ככוח סבהא דמזבן תרנגא דאסמא במר דכנתא. ול"נ דלשון ממורה כוא וכא דשחוטה לאו דוקא דטריפה בשחוטה לא מיחלפא אלא כלומר טריפה בחוטה נתן לו במר דכשרה שחוטה: ואשקייה חמרא מזיגא. והנכרי כבר היין חי: וכי מבללא מאי. מה לנו אי אחמר מבללא או בפירוש כא מהא כללא שפיר שמע ק והאי אשמעיק תלמודא דלאו בפירוש איתמר ומה יש לי לגמגם בכלל זה: למ"ד טריפה הואי. איכא למימר דלאו משום גניבת דעת איקפיד אלא משום דאשהייה גביה עד השתא: אנפקא חייא משמע. משום יקרא דידיה איקפיד שעבר על דבריו: לא יסרהב. לא יפציר בו כואיל ויודע שלא יסעוד מפני שגונב דעתו להחזיק לו טובה כאלו כסבור שמן הלב מסרהב לו כן: ולא יפתח לו כו'. כל החביות מגופות היו וכשבא אדם חשוב אצלו פותח לו חבית להשקותו יין חזק ואם מכר הבית להחנוני שלמה ועדיין הוא אצלו לא יפתחנו לאורח שבא לו מפני שגונב לבו להחזיק לו טובה הנה כסבור זה הפסד גדול נפסד ע"י שכרי השאר חבית זו הסרה והחלקת ייה וזו ימכרנה מיד לחנוני שימכרנה לו אלא א"כ הודיעו. מכרתיה לחנוני ואיני נפסד: לא יביא לו פך ריקן ויאמר לו סוך שמן. מפני שיודע בו שאין כך וגונב דעתו כסבור שיש בו שמן: ואם בשביל כבודו. של אורח להודיע

נארען אגוי. נאר ער איז אין בעם גיוועזן אויף דעם בעדינער וועגין איין אנדער זאך. נאך אביי וואס ער זאגט ער האט איהם גינארט מיט אטרפה הון. איז שמואל אין כעס גיוועזן אויף דעם בעדינער פאר וואס ער האט ביי זיך גיהאלטען אטרפה הון. אונ נאך רבא וואס ער זאגט ער הט איהם גינארט מיט דעם ווין. איז שמואל בייז גיוועזן אויף דעם בעדינער פאר וואס ער הט איהם ניט גיפאלגט. ער האט גיהייסען געבין דעם שיכר אום גישטעלטין וויין. האט דער בעדינער גידארפט אזוי טאהן:

ט תניא: מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט אמענטש זאל ניט שטארק בעטין זיין חבר ער זאל ביי איהם עסין. ווייל ער ווייס ער וועט ניט עסין בייא איהם. ווארום ער נארט זיין חבר. דער חבר מיינט אז ער איז איהם טאקי אזוי אגוטער פריינד אונ ער וויל מען זאל ביי איהם עסין. אונ אין אמת איז לינגען. אונ ער זאל ניט געבין זיין חבר פיל מתנות ווייל ער ווייס ער נעמט ניט קיין מתנות. ווארום ער נארט איהם. אונ אויב איינער האט ביי זיך פעסער וויין וואס זייא זענען שוין פאר קויפט צו אקרעמער. אונ צוא איהם איז געקומען אגאסט אונ ער עפינט איין פאס וויין פון די פאר קויפטע פעסער אונ ער גיט צום גאסט אגלאז וויין: דארף ער זאגען צום גאסט אז די פאס איז שוין אפאר קויפטע. דער גאסט זאל ניט מיינען ער הט גיעפינט די פאס פון זיינעט וועגין ער זאל איהם געבין גוטען וויין. וועט דער גאסט טראכטען וואס פאר אגוטער פריינד איז דער מענטש צו מיר אז פון מיינעט וועגין הט ער גיעפינט אפאס וויין אפילו דיא איבעריגע וויין וועט ביי איהם קאליע ווערין ווארום עס וועט אוים גיוועפט ווערין: אונ אין אמת וואלט ער פון זיינעט וועגין גאר ניט גיעפינט די פאס וויין. נאר ווייל די וויין איז שוין פאר קויפט אונ ער גיט זיא באלד צום קרעמער דריבער האט ער גיעפינט דיא פאס. דריבער מוז ער איהם זאגען אז די פאס איז שוין אפאר קויפטע אונ איך האב גאר ניט שאדין. אונ ער טאר ניט צו גיין צו זיין חבר מיט אליידיגען קריגול אונ זאגען צו איהם נעם אביסול בוימאייל אונ בשמיר דיך. ווייל ער ווייס אז דער חבר שמירט זיך ניט מיט בוימאייל: דריבער זאגט ער צו איהם אזוי. אונ דער חבר מיינט אז אין דעם קריגול איז טאקי דא בוימאייל אונ ער וויל אין אמת איך זאל מיך שמירען מיט בוימאייל. וועט ער אומזיסט איהם דאנקען. אונ אויב מיט דעם גאסט זענען דא נאך מענטשין אונ ער בעט דעם גאסט ער זאל ביי איהם עסין. אדער ער עפינט אפאר קויפטע פאס וויין אונ זאגט ניט אז זיא איז פאר קויפט. ווייל יענע מענטשין זאלען זעהן אז דעם גאסט דארף מען געבין כבוד. מעג מען. פרעגט דיא גמרא עולא

איז

לחנוני אודועי אודעיה ואבע"א שאני עולא דחביב ליה לרב יהודה דבלאו הכי נמי פתוחי מפתח ליה. ת"ר לא ילך אדם לבית האבל ובידו לגין המתקשקש ולא ימלאנו מים כפני שמטעהו ואם יש שם חבר עיר מותר. ת"ר לא ימכור אדם לחברו סנדל של מתה בכלל של חיה שחוטה מפני שני דברים אחד מפני שמטעהו ואחד מפני הסכנה ולא ישגר אדם לחברו חבית של יין ושמן צף על פיה ומעשה באחד ששגר להכרו חבית של יין ושמן צף על פיה והלך וזימן עליה אורחים ונכנס ומצאה שהיא של יין וחנק את עצמו. ואין האורחין רשאין ליתן כמה שלפניהם לבנו ולבתו של בעל הבית אלא א"כ נטלו רשות מבעל הבית ומעשה באחד שזימן ג' אורחין בשני

להודיע לבריות שחביב הוא עליו מותר : המתקשקש הכוס. לפי שזה סבור שבזה מנה: שמטעהו . גונב דעתו : ואם יש שם חבר עיר . חבורת עיר שיש שם רבים וזה מתכוין להחזיק את האבל בעיניהם שיאמרו כמה חשוב זה שזה מכבדו כל כך : מותר. דגדול כבוד הבריות : סנדל . של עור נבלה שמתה מאליה אין עורה חזק כשל בריאה שחוטה : חיה שחוטה . בריאה שחוטה : הסכנה . שמא מחמת נשיכת נחש מתה והארס נבלע בעור : ושמן צף על פיה . כסבור שהכל שמן ומזמן עליו אורחים ונכנס שיש לו שמן הרבה לערכם : וחנק את עצמו . שלא היה לו מה להאכילם ובוש מהם : שעוזק . סוג כמו ויעזקהו :

---

איז אמאהל גיקומען צו רב יהודה. הט רב יהודה גיעפינט פון זיינעט וועגין פעסער וויין וואס זענען גיוועזן פר קויפט צו אקרעמער. ענטפערט דיא גמרא רב יהודה האט גזאגט צו עולא או דיא פעסער וויין זענען פאר קויפטע. אדער עולא איז אזוי ליב גיוועזן בייא רב יהודה אז רב יהודה וואלט גיהאט פעסער וויין נית פאר קויפטע וואלט ער זייא אויך גיעפינט פון עולאס וועגין :

רבנן האבען גילערנט אז אמענטש גייט טרייסטען אאבל זאל ער נישט האלטען אין האנט אקריגעל מיט אביסעל וויין. וואורום דער אבל וועט זיך נארען. ער וועט מיינען דער קרוג איז פול מיט וויין. אונ ער זאל נישט אן גיסען דעם קרוג פול מיט וואסער. וואורום דער אבל וועט מיינען דער קרוג איז פול מיט וויין. אונ אויב ביי דעם אבל איז גיוועזן נאך אנדערע מענטשין. אונ ער האט גיוואלט געבין כבוד צום אבל. מען זאל זאגען אז דער מענטש גיט כבוד צו דעם אבל געווים איז ער אגרויסער מאן. אונ ער הט אבער נית קיין וויין. מעג ער ברייגען אין קרוג וואסער מען זאל מיינען דס איז וויין :

דיא רבנן האבען גילערנט אמענטש טאר נית פאר קויפען צו זיין חבר אשוך וואס איז גימאכט גיווארין פון די פעל וואס דיא בהמה איז גיפייגערט. אונ ער נארט דעם חבר אונ זאגט אידם דיא בהמה איז גיוועזן גיזונדט אונ מען האט איר גישאכטען. פון וועגין צווייא זאכען טאר מען דאס נית. איין מאהל ווייל ער נארט איהם. וואורום די פעל פון אקראנקע בהמה וואס איז גיפייגערט איז נית אזוי שטארק ווי דיא פעל פון אגיזונטע בהמה וואס מען האט איר גישאכטען. דאס אנדערע ווייל עס איז אסכנה. עס קען זיין די בהמה איז גיפייגערט ווייל אשלאנג האט איר אביס גיטאהן. איז אריין דער גיפט פון שלאנג אין דיא פעל אויך. אונ אז דער חבר וועט אריין שטעקין דעם פוס אין דעם שוך קען ארויס דער גיפט פון די פעל אין דיא פוס. אונ אמענטש טאר נית שיקען צוא זיין חבר אפאס וויין אונ פון הויבין אויף דיא וויין איז ארויף גיגאסען בוימאייל. וואורום ער נארט דאך דעם חבר. דער חבר וועט מיינען עס איז אין גאנצען בוימאייל. עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט געשיקט צוא זיין חבר אפאס וויין אונ אויף דיא וויין האט ער ארויף גיגאסען בוימאייל. האט דער חבר גימיינט ער האט אפאס בוימאייל. האט ער גיבעטין צו זיך געסט ער זאל מאכען פאר זייא אסעודה פון דיא בוימאייל. דער נאך האט ער גיזעהן אז ער האט נית קיין בוימאייל נאר וויין. איז ער פר שעמט געבליבען. הט ער זיך דער ווארגין :

אז עס קומען געסט צו אמענטשין. אונ דער מענטש הט פאר זייא גישטעלט עפייזען צום עסין טארין נית דיא געסט געבין פון זייערע שפייזען צו דעם זוהן אדער צו דיא טאכטער

פין

בשני בצורת ולא היה לו להניח לפניהם אלא כג' ביצים בא בנו של בעה"ב נטל אחד מהם חלקו ונתנו לו וכן ב' ובן ג' בא אביו של תינוק מצאו שעוזק אחד בפיו וב' בידיו חבטו בקרקע ומת כיון שראתה אמו עלתה לגג נפלה ומתה אף הוא עלה לגג נפל ומת א"ר אליעזר בן יעקב על דבר זה נהרגו ג' נפשות מישראל מאי קמ"ל דכולה ר' אליעזר בן יעקב היא:

קאו אתו לסיכרא פגעו אהדדי. כסבור מר זוטרא דלקראתו יצאו: כולי האי. יצאתם יותר מדאי: לא הוה ידעינן. ולעשות עסקינו הלכנו למקום אחר יצאנו: דאחלישתיה לדעתיה. שהיה סבור תחלה שבשבילו: והא קמטעין ליה. אם לא הייתי מגלהו היה מהזיק לנו טובה הנס: איכו כוה דמטעי אינשיה. אחרי שאנו לא הלכנו כו לקראתך יצאנו:

(ע"ב) י מר זוטרא בריה דרב נחמן הוה קאזיל מסיכרא לבי מחוזא ורבא ורב ספרא הוו קאתו לסיכרא פגעו אהדדי הוא סבר לאפיה הוא דקאתו אמר להו למה להו לרבנן דטרחו ואתו כולי האי א"ל רב ספרא אנן לא הוה ידעינן דקאתי מר אי הוה ידעינן טפי הוה טרחינן א"ל רבא מ"ט א"ל הכי דאחלישתיה לדעתיה א"ל והא קא מטעינן ליה איהו הוא דקא ממעי נפשיה:

---

פון בעל הבית: סיידין זייא האבען גיפרעגט ביי דעם בעל הבית און ער האט גיהייסען. עס האט אמאהל גיטראפען אין אהונגער יאהר האט איינער גיבעטין צו זיך דרייא מענטשין: און ער האט ניט מער גיהאט צו געבין פאר זייא נאר דריי אייער. פאר יעדען הט ער גיגעבען איי. איז גיקומען דער זוהן פון בעל הבית צו איין גאסט. האט דער גאסט גינומען זיין איי און האט איהם אוועק גיגעבין. דער נאך איז דער זוהן גיקומען צום אנדערין גאסט. הט ער איהם אוועק גיגעבין זיין איי. דער נאך איז דער זוהן גיקומען צום דריטען גאסט. האט ער איהם אוועק גיגעבין זיין איי: איז אריין גיקומען דער פאטער פון דעם קינד האט ער גיזעהן וויא דאס קינד האלט איין איי אין מויל און צווייא אייער האלט ער אין דיא הענט. הט ער אוואריף גיטאהן דעם קינד אויף דיא ערד און ער איז גישטארבען. וויא די מוטער האט גיזעהן אז דאס קינד איז גישטארבען איז זיא ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך און האט זיך אראפ גיווארפען און איז גישטארבען. און דער פאטער איז אויך ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך און האט זיך אראפ גיווארפען און איז גישטארבען: האט רבי אליעזר בן יעקב גזאגט דורך דיא זאך זענען גיהרגת גיווארין דרייא מענטשין פון ישראל. פרעגט דיא גמרא וואס דער ציילט אונז רבי אליעזר בן יעקב. מיר זעהן דאך אז דרייא מענטשין זענען גיהרגת גיווארין. ענטפערט דיא גמרא מיר זאלען וויסען אז דיא מעשה איז אמת ווארום רבי אליעזר בן יעקב הט דאס דער ציילט:

י מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן איז גיגאנגען פון סיכרא צו מחוזא. רבא און רב ספרא זענען גיגאנגען פון מחוזא צו סיכרא. האבען זייא זיך בגעגינט. מר זוטרא האט גימיינט אז רבא מיט רב ספרא האבען גיהערט אין מחוזא אז ער דארף קומען אין מחוזא זענען זיי ארויס גיגאנגען איהם אנטקעגין צו געבין איהם כבוד. האט מר זוטרא גזאגט צו רבא מיט רב ספרא צו וואס האבען דיא רבנן גיבראכט זיך מטריח זיין און גיין אזוי אשטיק וועג מיר אנטקעגין. האט רב ספרא גזאגט צו מר זוטרא מיר גייען גאר אונזער וועג מיר האבען גאר ניט גיוואוסט אז דוא קומסט אויך אין דער וועג. ווען מיר וואלטען וויסען אז דוא גייסט דא אין דער וועג. וואלטען מיר אונז נאך מער מטריח גיוועזן צו גיין דיר אנטקעגין. האט רבא גזאגט צו רב ספרא פאר וואס האסטו אזוי גזאגט צו מר זוטרא און דוא האסט איהם מצער גיוועזן. ער האט דאך גימיינט אז מיר האבען איהם גיגעבין כבוד. וואס וואלט אונז גיהארט אז ער וואלט ווייטער מיינען אז מיר האבען איהם גיגעבין כבוד. האט רב ספרא גזאגט וואלטין מיר דאך איהם גינארט: אז מיר וואלטען איהם ניט אויס גזאגט דעם אמת. וואלט ער אונז גידאנקט אומזיסט. האט רבא גיענטפערט גיט מיר נארען איהם. נאר ער נארט זיך אליין: וואס הארט אונז אז ער נארט זיך אליין:

(דף נס ע"ב) **יא רב** הוה קאזיל לבית רב חנן חתניה הזי מברא דקאתי לאפיה אמר מברא קאתי לאפאי יומא טבא לגו אזל קם אבבא אודיק בבזעא דדשא הזיא היותא דתליא טרף אבבא נפיק אתו כ"ע לאפיה אתא טבחא נמי לא עלים רב עיניה מיניה אמר להו איכו השתא ספיתו להו איסורא לבני ברתי לא אכל רב מההוא בישרא מ"ט אי משום איעלומי הא לא איעלים אלא דנחיש והאמר רב כל נחש שאינו כאליעזר עבד אברהם וכיונתן בן שאול אינו נחש אלא סעודת רשות הואי ורב לא מיתהני מסעודת הרשות רב בדיק במברא ושמואל בדיק בספרא רבי יוהנן בדיק בינוקא. כולהו שני דרב הוה כתב ליה ר' יוהנן לקדם רבינו

תוא מברא. מעבורת הנהר שהיתה באה מעבר השני לעבר זה: אמר מברא אתי לאפאי יומא טבא לגו. סימן טוב הוא לעוברי דרכים כשהמעבורת באה לקראתם מאליה קודם שיזמנוה י"ט להם בבית האושפיזא שהולכו לילה כשילכו: אודיק בבזעא דדשא. הציץ דרך סדק שבדלת: איכו השתא. כלומר אם לא כשמירת אכם השתא כשיתו איסורא לבני ברעלמתם עייכם: דנחיש. אמעברא דאתא לאפיה דאמר יומא טבא לגו: כל נחש. שאינו סומך עליו ממש כאליעזר עבד אברהם שאם השקני אדבר בה ואם לאו לא אדבר בה: וכיונתן בן שאול. אם יאמרו אלינו עלו ועלינו: סעודה הרשות. בת ת"ח לעם הארץ באלו עוברין: בדק במברא. אם מזומנת לו אזל ואם בקירי נאלה לא אזל: בינוקא. דשייל ליה פסוק לי פסוקך: כולהו שני. דהוה רב קיים בבבל כי הוה כתב ר"י מא"י בשאלה או תשובה היה כותב באגרתו לקדם רבינו

---

**יא** רב איז אמאהל גיגאנגען צו זיין איידים רב חנן. ווייא ער איז גיקומען צו אטייך האט ער גיזעהן דער פראהם קומט אנטקעגין איהם. האט רב גיזאגט אז דער פראהם קומט אן אנטקעגין מיר. איז אסימן אז אין דער שטוב וואס איך וועל נעכטיגען היינט וועט דארט זיין איום טוב. איז ער גיקומען צו דיא שטוב פון זיין טאכטער אונ האט זיך גישטעלט נעבין די טיר. אונ האט גיקוקט דורך דעם שפאלט וואס אין דיא טיר. האט ער גיזעהן גישאכטענע בהמות הייגען. האט רב אקלאפ גיטאהן אויף די טיר. זענען אלע מענטשין פון שטוב ארויס גיגאנגען געגין רב. אונ דער שוחט איז אויך ארויס גיגאנגען פון שטוב. האט רב ניט אוועק גינומען דיא אויגען פון דיא פלייש וואס איז גיוועזן אין שטוב. האט רב גיזאגט צו זיי איצט ווען איך וואלט ניט אכטונג גיגעבין אויף דיא פלייש. וואלט איהר גיגעבין עסין צו די קינדער פון מיין טאכטער אזעלכע פלייש וואס מען טאר זייא ניט עסין. ווייל איהר האט ניט אכטונג גיגעבין אויף דיא פלייש. רב האט ניט גיגעסין פון דיא פלייש. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רב ניט גיוואלט עסין דיא פלייש. איך זאל זאגין ווייל מען האט ניט אכטונג גיגעבין אויף דיא פלייש. ער אליין האט דאך אכטונג גיגעבין. וועלין מיר זאגין ווייל ער האט גימאכט אסימן מיט דיא פראהם. הייסט דאס אזוי ווייא לא תנחשו ואיהר זאלט ניט מאכען קיין סימן וואס די תורה האט פאר באטין. רב האט דאך גיזאגט מען זאל מאכין אסימן אזוי ווייא אליעזר דער קנעכט פון אברהם האט גימאכט. אדער אזוי ווייא יונתן דער זוהן פון שאול האט גימאכט. דאס טאר מען ניט. ווייל זייא האבין זיך פארלאזין אין גאנצין נאר אויף דעם סימן. אבער אזוי אסימן וואס אמענטש מאכט זיך אויף אזאך אונ ער פאר לאזט זיך ניט אויף דעם סימן דאס מעג מען. נאר דריבער האט רב ניט גיוואלט עסין. ווייל דאס איז ניט גיוועזן אסעודה אויף אמצוה. אונ אזוי אסעודה וואס ניט אויף אמצוה האט רב ניט גיגעסין פון איר. רב אז ער פלעגט דארפען אריבער שיפען אטייך. האט ער גימאכט אסימן. אויב ער האט באלד בעקומען אשיף. האט ער זיך געשיפט. אונ אויב עס איז איהם אן גיקומען שווער צו בעקומען אשיף האט ער זיך ניט געשיפט. שמואל אז ער פלעגט וועלין וויסען אזאך ער זאל יא טאהן אדער ניט טאהן. פלעגט ער עפענען אספר אויב ער האט גיפונען אגוטען פסוק. האט ער דיא זאך גיטאהן. אונ אויב אשלעכטין פסוק. האט ער דיא זאך ניט גיטאהן. רבי יוחנן אז ער פלעגט וועלין וויסען אזאך פרעגט ער פרעגין בייא אקינד ער זאל איהם זאגין אפסוק. אויב ער האט איהם גיזאגט אגוטין פסוק. האט ער גיטאהן די זאך. אונ אויב אשלעכטין פסוק. האט ער ניט גיטאהן דיא זאך. אלע יאהרין וואס רב האט גילעבט אין בבל. ווען רבי יוחנן פלעגט שרייבין אבריף צו רב. פלעגט ער שרייבין . צו אונזער רבי וואס אין בבל. אז רב איז גישטארבען אונ רבי

יוהנן

רבינו שבבבל כי נח נפשיה הוה כתב לשמואל לקדם
הברנו שבבבל אמר לא ידע לי מידי דרביה אנא כתב
שדר ליה עיבורא דשיתין שני אמר השתא חושבנא
בעלמא ידע כתב שדר ליה תליסר גמלי ספיקי טריפתא
אמר אית לי רב בבבל איזיל אחזייה א"ל לינוקא פסוק
לי פסוקיך א"ל (ש"א כה) ושמואל מת אמר ש"מ נח
נפשיה דשמואל ולא היא לא שכיב שמואל אלא כי היכי
דלא ליטרח רבי יוחנן. תניא ר"ש בן אלעזר אומר בית
תינוק ואשה אף ע"פ שאין נחש יש סימן א"ר אלעזר
והוא דאתחזק תלתא זימני דכתיב (בראשית מב) יוסף
איננו ושמעון איננו ואת בנימין תקחו :

יב **אמר** רבא מריש' הוה אמינא סימנא עדיף מטביעות
עינא דהא מהדרינן אבידתא בסימנא (דף ט)
ולא מהדרינן בטביעות עינא השתא דשמעתינהו

שבבבל : אמר . שמואל : לא ידע לי מידי דרביה
להא . לא אוכל לחפש דבר שאיני בקי בו והוא
לא באו ואהיה רבו : תליסר גמלי . לאו דוקא:
ספיקי טריפתא . מיני ספק טרפות ולאו במעתי
הך ספיקי עופות עמאים דאלו טרפות : בית תינוק
ואשה . בנה בית או נולד לו בן או נשא אשה :
אע"פ שאין נחש . שאסור לנחש ולסמוך על הנחש:
יש סימן. סימנא בעלמא הוי מיהא דאי מצלח בתחלה
כלאכתו אחר שבנה בית או בנולד התינוק או שנשא
אשה סימן הוא שהולך ומצליח ואי לא לא ירגיל לעשות
יותר מדאי בים להום שלא יצליח : תלתא זימני .
מצלית או לא הצליח: יוסף איננו ושמעון איננו. הרי
בתים ואת בנימין תקחו מיד עלי היו כלנה אין
לך צרה שאינה עוברת עלי :
**דהא מהדרינן** אבידתא . נכל הדם בסימנים ולא
**מהדרינן אבידתא** בטביעות עינא אלא לצורבא

---

יוחנן פלעגט שרייבן אבריף צו שמואל. פלעגט ער שרייבן צו אונזער חבר וואס אין בבל: האט שמואל גיזאגט איך וואלט גערין אויס זוכען אזאך וואס איך זאל וויסען אונ רבי יוחנן זאל ניט וויסען: איך זאל איהם קענען נוייזן אז איך בין זיינער ארבי. האט שמואל אויף געשריבען אלוח אויף זעכציג יאהר אונ האט אויס געשריבען אלע יאהרין ווערכע עס וועלין זיין צו דרייצעהן חדשים. צוויא מאהל אדר. אונ האט דאס געשיקט צו רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גיזאגט דאס איז דאך ניט קיין תורה. דאס איז נאר ארע כנונג. קען ער בעסער רעכענען פאר מיר. אבער ניט ער קען בעסער לערנען פאר מיר. האט שמואל אויף געשריבען אויף דרייצעהן בוינין פאפיר שאלות פון טרפות (ועיין תוספות) אונ האט געשיקט צו רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גיזאגט איך האב ארבי אין בבל איך וועל גיין איהם זעהן. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אקינד זאג מיר אפסוק. האט דאס קינד גיזאגט דעם פסוק ושמואל מת. האט רבי יוחנן גיזאגט פון דאנען ווייס איך אז שמואל איז גישטארבין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אמת גיוועזן ער איז באמאלס ניט גישטארבין. נאר גאט האט אריין גיגעבין דעם קינד אין מויל דעם פסוק. רבי יוחנן זאל זיך ניט מטריח זיין צו גיין אין בבל:

מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן אלעזר זאגט אז איינער באהט אנייע שטוב. אדער עס ווערט ביי איהם גיבאהרין אקינד. אדער ער נעמט אווייב. אפילו מען טאר ניט מאכען קיין פראבע. פון דעסטוועגין מעג מען דאס מאכין פאר אסימן. ווען ערשטין האנדעל וואס ער מאכט נאך דער חתונה. אדער נאך דעם ווי דער קינד איז גיבאהרין גיווארען. אדער נאך דעם וויא ער האט דיא שטוב גיבאהט. אונ דער האנדיל איז גיוועזן גליקלאך. זאל ער וויסען אז אלע האנדלען זיינע וועלין גליקלאך זיין. אונ אויב דער ערשטער האנדיל זיינער איז ניט גליקלאך גיוועזן. זאל ער וויסען אז אלע זיינע האנדלען וועלין ניט גליקלאך זיין. רבי אלעזר זאגט מיט דריי מאהל איז אסימן. אויב ער האט דריי האנדלען גימאכט אונ האט ניט געגליקט. וועט ער ניט גליקען קיין מאהל. אונ אויב ער הט דריי האנדלען גימאכט אונ האט יא בגליקט וועט ער אלע מאהל בגליקען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יעקב האט גיזאגט יוסף איז ניטא. אונ שמעון איז ניטא. אונ איהר וועט נעמען בנימין. טאמער וועט איהם אויך טרעפן אאומגליק. וועט שוין זיין דרייא אומגליקען. האב איך מורא טאמער וועלין שוין קומען אויף מיר אלע אנדערע אומגליקען:

יב **אמר**. רבא האט גיזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגין אז איינער האט אצייכען אויף אזאך. אז די זאך איז זיינע. איז בעסער וויא ער דער קענט דיא זאך מיט דעם קוק אז זיא איז

זיינע

רשמעתינהו להני שמעתתא אבינא טביעות עינא עדיפא דאלת"ה היאך סומא מותר באשתו ובני אדם מותרים בנשותיהם בלילה אלא בטביעות עינא דקלא ה"נ בטביעות עינא אמר ר' יצחק בריה דרב משרשיא תדע דאילו אתו בי תרי ואמרי פלניא דהאי סימניה והאי סימניה קטל נפשא לא קטלינן ליה ואילו אמרי אית לן טביעות עינא בגויה קטלינן ליה:

(דף קא ע"ב) יג פיסקא גיד הנשה נוהג בטהורה ואינו נוהג בטמאה ר' יהודה אומר אף בטמאה אמר ר' יהודה והלא מבני יעקב נאסר גיד הנשה ועדיין בהמה טמאה מותרת להן וכו' תניא אמרו לו לר' יהודה וכי נאמר (בראשית לב) על כן לא יאכלו בני יעקב והלא לא נאמר אלא בני ישראל ולא נקראו בני ישראל עד סיני אלא בסיני נאמר אלא שנכתב במקומו לידע מאיזה טעם נאסר להם. מתיב רבא

מדבר באלו מלאות: להני שמעתתא. דשרי לאיסור בטביעות עינה: בטביעות עינא דקלא. שניכר דעתו להכירה בקול ומאכדה לא ילפינן דהתם אגוס חימוד הממון הייבינן דילמא מפקר דלמר תר גזל ועריות נפשו של אדם מתאוה להם ומחמדתן: תדע. דטביעות עינא עדיפא: פלניא דהאי סימניה. פלוני הרג את הנפש ולאן אנו מכירים בו נעולה אלא סימנים כך וכך סיו בו פו ונכנו אל הורג: טביעות עינא אית לן בגויה. ומכירין אנו בו:

ולא נקראו בני ישראל עד סיני. ולקמיה מקשי ליה: אלא. מקרא זה לא נאמר עד סיני אלא לאחר שקבלו משה בסיני ובא לכתוב את התורה כהב

---

ויינע. ווארום אז איינער האט גיפונען אזאך און דער חבר קומט און זאגט אצייכען אז די זאך איז זיינע. גיט מען איהם אוועק דיא זאך. און אז ער זאגט ער האט נימ קיין צייכען אויף דיא זאך. נאר ער דער קענט די זאך אז זיא איז זיינע. גיט מען איהם ניט אוועק די זאך. אבער איצט אז איך האב גיהערט דיא דינים. האב איך גיזאגט אז מען דער קענט אזאך מיט דעם קוק. איז נאך בעסער וויא מען האט אצייכען אין אזאך. ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגען וויא אזוי מעג אבלינדער וואהנען מיט זיין ווייב. און ווי אזוי מעגען אלע מענטשין גיין צו זייערע ווייבער ביי נאכט. נאר ער דער קענט איהר קול. אזוי אלע זאכען וואס מען דער קענט מיט דעם קוק. איז אויך גוט. רבי יצחק בריה דרב משרשיא זאגט איך וועל דיר ווייזען אז אדער קענונג איז בעסער וויא אצייכען. ווען צוויא מענטשין זאלען קומען זאגען מיר האבען גיזעהן וויא יענער מענטש וואס ער האט אזוי אצייכען און אזוי אצייכען האט גיהרגת איין מענטשין. נאר אן דעם צייכען וועלין מיר איהם ניט דער קענען: הרגת מען איהם ניט. און אז דיא צווייא מענטשין זאגען מיר קענען דעם מענטש וואס האט גיהרגת אמענטשין. הרגת מען איהם יא:

יג פיסקא. אז מען עסט דעם גיד הנשה פון אבהמה וואס מען מעג איהר עסין. קומט איהם מלקות. אבער אז מען עסט דעם גיד הנשה פון אבהמה וואס מען טאר זיא ניט עסין. קומט ניט מלקות. רבי יהודה זאגט אז מען עסט דעם גיד הנשה פון אבהמה וואס מען טאר זיא ניט עסין. קומט אויך מלקות. האט רבי יהודה גיזאגט דער גיד הנשה איז דאך גיווארען אסור צו עסין ווען יעקב אבינו האט גילעבט. און אין די צייט פון יעקב אבינו האט מען דאך גיטענגט עסין אלע בהמות. איז דאך אסור גיווארען דער גיד הנשה פון אלע בהמות. מיר האבען גילערנט די חכמים האבען גיזאגט צו רבי יהודה שטייט דען אין פסוק דריבער זאלען די בני יעקב ניט עסין דעם גיד הנשה. עס שטייט דאך אין פסוק בני ישראל זאלען ניט עסין דעם גיד הנשה. און די יודען זענען ניט גירופען גיווארען בני ישראל ביז זיי זענען גיקומען צום בארג סיני. נאר אזוי איז גיווען. דער דין אז מען טאר ניט עסין דעם גיד הנשה איז גיזאגט גיווארען ווען די יודען האבען גינומען די תורה ביי דעם בארג סיני. נאר פאר וואס שטייט דער דין פון גיד הנשה נעבין יעקב אבינו. מען זאל וויסען פאר וואס מען טאר ניט עסין דעם גיד הנשה. האט רבא גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק בני ישראל האבען גיטראגען זייער פאטער יעקב. זעהן מיר דאך אז די קינדער פון יעקב הייסען אויך בני ישראל. ענטפערט דיא גמרא ווען יעקב איז לאהם והינקעדיגו גיווארען האט מען איהם

גירותשו

רבא (ס"ס מו) וישאו בני ישראל את יעקב אביהם לאחר מעשה א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי מהאי שעתא ליתסר אמר ליה וכי הורה פעמים פעמים ניתנה ההיא שעתא לאו שעת מעשה הואי ולא שעת מתן תורה הואי :

לאחר תורה אלא המעשה לידע וכו' : לאחר מעשה. שנאבק עמו לזמן מרובה גב לו מפסן לחר שסע"כ קראו ישראל דכתיב לא יקרא שמך עוד יעקב כי אם ישראל וגו' : מהאי שעתא. דנישאו בני ישראל ליאסר :

## כל הבשר פרק שמיני

(דף קס) **א אמר** שמואל אנא להא מילתא חלא בר חמרא לגבי אבא דאילו אבא הוה סייר נכסיה תרי זימני ביומא ואנא לא סיירנא אלא חדא זימנא שמואל לטעמיה דאמר שמואל מאן דסייר נכסיה כל יומא ויומא משכח איסתרא. אביי הוה סייר נכסיה כל יומא ויומא יומא חד פגע באריסיה דדרי פתכא דאופיא א"ל הני להיכא א"ל לבי מר א"ל כבר קדמוך רבנן . רב אסי הוה סייר נכסיה כל יומא אמר היכא נינהו כל הני איסתרי דמר שמואל יומא חד חזא צינורא דבידקא בארעיה שקליה לגלימיה כרכיה אותביה בגויה רמא קלא אתו אינשי סכרוה אמר אשכחתינהו

סייר. הולך ורואה קרקעותיו מה הן צריכות: משכח איסתרא. מוצא סלע מפני שמתקנן בכל יום: פתכא דאופיא. משוי עלים בריה נוגנו : קדמוך. שאמרו מיכאן אדם רואה נכסיו בכל יום ויראה מה יעשו : איסתרי כו'. ודאי ודאם ידע דלא מתני הלמר דימצא איסתרי אלא כמוד עצמו מהפסד אלא דקאמר דאין לטרוח כ"כ בכל יום : צינורא דבידקא. כמים יוצאין הון לגדותיהן ובהין נשטף פירותיו דרך פתח בבכפה האמה : רמא קלא. הרים קול וצוה :

---

גירופען יעקב . אונ זיינע קינדער האבען גיהייסען בני יעקב. אבער דער נאך ווען יעקב איז גיקומען פון פדן ארם אונ גאט האט איהם גירופען ישראל . רופט מען זיינע קינדער בני ישראל. האט רב אחא בריה דרבא גיזאגט צו רב אשי זאלען די קינדער פון יעקב ניט טארין עסין דעם גיד הנשה פון דער צייט ווס זיי זענען גירופען גיווארען בני ישראל. האט רב אשי גיזאגט איז דען די תורה גינעבען גיווארען ביסלעכווייז. פר וואס זאל מען אסרין דעם גיד הנשה אין דער צייט ווען בני ישראל האבען גיטראגען זייער פאטער יעקב . אין דער צייט איז דאך ניט גיוועזען די מעשה פון יעקב וואס ער איז לאהם גיווארען. אונ די תורה איז אויך ניט גינעבען גיווארען אין דער צייט :

## פרק שמיני

**א** אמר . שמואל האט גיזאגט צו דער זאך בין איך גענין מיין פאטער אזוי וויא עסיג גענין וויין . מיין פאטער גייט ארום זעהן זיינע פעלדער צוויי מאהל אין טאג . אונ איך גיי אום זעהן מיינע פעלדער נאר איין מאהל אין טאג . ווארום שמואל הט גיזאגט דער ווס זעהט אום זיינע פעלדער אלע טאג געפינט ער אטאלער . ווייל ער זעהט אלע טאג ווס עס פעלט אין די פעלד . פר בעסערט ער זיא . דורך דעם וואקסט בעסער אין פעלד :

אביי פלעגט ארום גיין זעהן זיינע פעלדער אלע טאג : אמאהל הט אביי גיטראפען ווי דר ארבעטער פון זיין פעלד טראגט אבינטול האלץ (גיגנבתע) . זאגט אביי צום ארבעטער וו הין טראגסטו די בינטול האלץ . הט דער ארבעטער גיזאגט איך טראג די האלץ צום רבי וצו אביין . ודס איז גיוועזען אליגען ער הט גיוואלט טראגען די האלץ צו זיך אהיים . נאר ווייל אביי הט גיזעהן הט ער גימוזט זאגין אז ער טראגט צו אביין . הט אביי גיזאגט צום ארבעטער די רבנן האבען שוין פריער גיזאגט אז מען זאל גיין אלע טאג אין פעלד . ווארום מען וועט פר דינגען . רב אסי פלעגט אויך ארום זעהן זיינע פעלדער אלע טאג . הט רב אסי גיזאגט וו זענען דיא אלע טאלערס ווס מר שמואל הט גיזאגט מען געפינט . אמאהל איז רב אסי גיקומען אין פעלד הט ער גיזעהן וויא די וואסער פון טייך הייבען אן צו פרפלייצען זיין פעלד . דורך די לאך ווס איז גיווארען אין אוואנט . הט ער אויס גיטאהן זיין קאפאטע אונ הט זיא פר וויקולט אונ הט פר שטאפט די לאך . אונ ער הט געשריגען מען זאל איהם העלפין . זענען גיקומען מענטשין

אונ

אשכחתינהו לכולהו איסתרי דמר שמואל :

(ע"ב) **ב אמר** אביי מריש הוה אמינא האי דלא משו מיא בתראי על ארעא משום זוהמא אמר לי מר משום דשריא רוח רעה עלייהו . ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא שקיל מידי מפתורא כי נקיט איניש כסא למשתי שמא יארע דבר קלקלה בסעודה אמר לי מר משום דקשי לרוח צרדה ולא אמרן אלא דשקיל ולא מהדר אבל משקל ואהדורי לית לן בה ולא אמרן אלא חוץ לארבע אמות אבל תוך ד' אמות לית לן בה ולא אמרן אלא מידי דצריך לסעודתא אבל מידי דלא צריך לסעודתא לית לן בה מר בר רב אשי קפיד אפילו אאסיתא יבוכנא דתבלי מידי דצריכי לסעודתא . ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דכנשי נשורא משום מנקירותא אמר לי מר משום דקשי לעניותא . ההוא גברא דהוה מהדר עליה שרא דעניותא ולא הוה יכיל ליה דקא זהיר אנשורא טובא יומא חד כרך ריפתא איבלי אמר השתא ודאי נפל בידאי בתר דאכיל אייתי מרא עקרינהו ליבלי שדינהו לנהרא שמעיה

משום זוהמא. שריין מסריח וכלים מאוסים: למשתי. כשאדם שותה אין לוקחין כלום מלפניו: דבר קלקלה. שמא יכעוס הבוצע שהפסן בתוכו דבר מקולקל וכי יכעוס יפסקן ויחנק: רוח צרדה. אשטורדישו"ן: חוץ לד' אמות. שמוליכו חוץ לד' אמות של שלחן: דכנשי נשורא. שמכבדין פירורי אוכלין מן הבית: מנקירותא. לנקר הבית נקיון: מהדר אבתריה שרא דעניותא. שר הממונה על העניות היה רודף ללכדו ולהביאו לידי עניות: איבלי. על עשבים שבשדה: נפל בידאי. שלא יוכל ללקט הפירורין מבין העשבים ויפלו למדרס

אונ האבען פר שטאפט די לאך מיט ציגול אונ מיט וואפנע . האט רב אסי גיזאגט איצט האב איך גיפונען אלע טארערם וואס מר שמואל האט גיזאגט :

**ב** אמר . אביי האט גיזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגן דאס וואס מען וואשט ניט מים אחרונים אויף דער ערד . דאס איז ווייל עס איז מיאוס . האט מיר דער רבי גזאגט ווייל אויף דיא וואסער רוהט אשלעכטער גייסט דריבער טאר מען ניט טרעטין אויף די וואסער ווארום עס איז אסכנה . נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגען דאס וואס מען טאר ניט נעמען קיין זאך פון טיש ווען אמענטש האלט אכוס מיט משקה צום טרינקען . ווייל טאמער וועט טרעקן אסכנה . ווארום עס קען זיין אז דער מענטש וואס טרינקט דארף דיא זאך וואס יענער נעמט . וועט ער ווערין אין כעס פאר וואס מען נעמט צו די זאך . קען ער דער ווארגין ווערין טרינקענדיג . האט דער רבי מיר גזאגט ווייל עס שאדט צו דעם שלעכטין גייסט וואס הייסט צרדה . ווען שאדט נאר אז מען נעמט אונ מען לייגט ניט צוריק . אבער אז מען נעמט אונ מען לייגט צוריק שאדט ניט . אונ ווען שאדט אז מען לייגט ניט צוריק . אז מען האט אוועק גילייגט די זאך וואס מען האט גינומען פון טיש ווייטער וויא פיר איילען פון טיש . אבער אז מען האט די זאך גילייגט אין פיר איילען פון טיש שאדט ניט . אונ ווען שאדט אז מען האט דיא זאך גילייגט ווייטער ווי פיר איילען פון טיש . אז דיא זאך דארף מען צום עסין . אבער אז דיא זאך דארף מען ניט צום עסין . שאדט ניט וואס מען נעמט איר צו פון טיש . מר בר רב אשי פלעגט זיין אין כעס אפילו מען האט צוא גענומען פון טיש אשטויסל וואס מען שטויסט אין איהם בשמים . ווייל בשמים דארף מען אויך צום עסין . נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגען דאס וואס מען קערט אוועק פון שטוב דיא קרושקעס ברויט וואס ליגט אויף די ערד . איז דס די שטוב זאל זיין ריין . האט דער רבי מיר גזאגט ווייל דאס שאדט צוא ארעמקייט . עס איז אמאהל גיוועז אמענטש וואס דער שר פון ארעמקייט האט געזוכט איהם צו מאכען פאר אארעם מאן . אונ ער האט ניט גיקענט . ווייל דער מענטש איז גיוועז שטארק געהיט נאך זיין עסין זאל ער אויף קלויבען אלע קרושקעס מען זאל ניט טרעטין אויף קרושקעס עסינווארג . אמאהל האט דער מענטש גיגעסען ברויט אויף גראז וואס האט גיוואקסען אויף דער ערד . האט דער שר גזאגט איצט איז שוין דער מענטש גיפאלען אין מיינע הענט . ווארום ער וועט ניט קענען אויף קלויבען דיא קרושקעס פון צווישען דיא גראז . ווען דיא קרושקעס בלייבען ליגען אונ מען וועט טרעטין אויף זייא . וועט איך איהם שוין קענען מאכען פאר אארעם מאן . דער נאך וויא דער מענטש האט

אפ

שמעיה דקאמר וי וי דאפקיה ההוא גברא מביתיה :

**ג ואמר** אביי מריש הוה אמינא האי דלא שתי אופיא משום כאיסותא אמר לי מר משום דקשי לכרסם מישתיה קשה לכרסם מינפת ביה קשיא לרישא מדחייה קשה לעניותא מאי תקנתיה לשקעיה שקועי . לכרסם דחמרא שכרא . דשכרא מיא . דמיא לית ליה תקנתא והיינו דאמרי אינשי בתר עניא אזלא עניותא . ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא אכלי ירקא מכישא דאסר גינאה משום דמיחזי כרעבתנותא אמר לי מר משום דקשי לכשפים . רב חסדא ורבה בר רב הונא הוו קאזלי בארבא אמרה להו ההיא כטרוניתא אותבן בהדייכו לא אותבו אמרה מילתא אסרתה לארבא אמרו אינהו מילתא שריוה אמרה להו

מאי

רגליו ולמלכדו ככך : שמעיה . ההוא גברא להוא שהא דקאמר וי דאפקיה מביתיה הוציאני זה ממקום מנוחתי : אופיא . תיפקות"א : לכרסם . דיירין כשאין מן החומץ : מדחייה . בידו נדדין : לשקעיה בקועי . כהון המשקה עד שיכלה מאליו : לכרסם דחמרא . שלא לו מחמת אופיא דהמרא שכרא . רפואתו לשתות שכר : לכרסם דשכרא . שלא מחמת אופיא דשכרא ניפתי מיא . בתר עניא אם שלא היה לו אלא מים לשתות : מכישא דאכר גינאה . שאין מוציאין בוס לו כריכין ואגודה שאוגדין מוכרי ירק לאכלו : כרעבתנותא . שאין יכול להמתין עד שיוליכנו : לכשפים . הרואה אותו יכול לעשות לו כשפים והנשמר ממנו אין כשפים יכולין לחול עליו : מטרוניתא . נכרית : אותבן בהדייכו . הושיבני עמכם בספינה : אמרה מילתא . להם של מכשפות : אסרתה לארבא . שלא זזה ממקומה : אמרי אינהו מילתא . אף הם היו בקיאין

---

זאפ גיגעסין אונ ער האט גיזעהן ער קען ניט אויף קלויבען דיא קרושקעס . האט ער גיבריינגט ארידער אונ האט אויס געריסען די גראז מיט דיא ערד וואס דיא קרושקעס איז אויף זיי גילעגין אונ הט דאס אביין גיווארפען אין טייך : האט דער מענטש גיהערט וויא דער שר הט גזאגט ווי ווי דער מענטש האט מיך ארויס געטריבען פון זיין שטוב . איך האב גימיינט דער מענטש וועט שוין ווערין אארעם מאן אונ איך וועל ביי איהם וואוהנען . איצט האט ער מיך ארויס געטריבען ווארום ער וועט שוין קיין ארעם מאן ניט זיין :

**ג ואמר** . נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגין דאס וואס מען טרינקט ניט קיין שאם פון משקה . איז ווייל עס איז מיאוס . הט דער רבי מיר גזאגט ווייל דאס שאדט צו די פייכטקייט פון נאז . אז מען טרינקט דיא שאם שאדט צו די פייכטקייט פון נאז . אז מען בלאזט אראפ די שאם שאדט צום קאפ . אז מען שטויסט אוועק דיא שאם מיט דיא האנט שאדט צוא ארעמקייט : וואס דען זאל מען טאהן מיט דיא שאם מען זאל ווארטען ביז דיא שאם וועט זיך אראפ זעצין אין דיא משקה . אונ עס וועט צו גיין . אונ עס וועט אויך ווערין משקה . אז איינער הט גיטרונקען שאם פון ווין אונ עס האט איהם גישאדט צו די פייכטקייט פון די נאז . איז ארפואה ער זאל טרינקען ביר . אונ אז ער האט גיטרונקען שאם פון ביר אונ עס האט איהם גישאדט צו די פייכטקייט פון די נאז . איז ארפואה ער זאל טרינקען וואסער . אונ אז ער האט גיטרונקען שאם פון וואסער אונ עס האט איהם גישאדט צו די פייכטקייט פון דיא נאז . צו איהם איז ניטא קיין הילף . דאס איז וואס מענטשין זאגען נאך דעם ארעם מאן גייט דיא ארעמקייט . ווייל ער איז אארעם מאן אונ האט ניט גיהאט וום צו טרינקען נאר וואסער . דריבער איז ניטא קיין הילף צו היילען די פייכטקייט פון זיין נאז . נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגען דאס וום מען עסט ניט די גרינוואורג וכמשל מערין רעטאך אונ נאך אזעלכע זאכען פון דעם בינטול וואס דער גערטנער הט צו זאמען גיבונדען . ווייל מען זעהט אוים וויא אפרעסער ואר פריער בינט מען אויף דאס בינטול דער נאך עסט מען . הט מיר דער רבי גזאגט אז מען עסט פון דעם פאר בונדענעם בינטול שאדט צו כשוף . רב חסדא אונ רבה בר רב הונא זענען אמאהל גיפארען אין אשיף . האט אגויה גזאגט צו זיי איך וויל אויך פארען אין דיא שיף מיט אייך . האבען זייא ניט גיוואלט . האט די גויה גזאגט עטליכע ווערטער פון כשוף איז די שיף צו גיבונדען גיווארין אונ האט ניט גיקענט אוועק גיין פון ארט . האבען זיי גזאגט עטליכע הייליגע ווערטער איז די שיף אויף גיבונדען גיווארין . האט דיא גויה גזאגט צו רבה אונ רב חסדא וואס זאל איך טאהן . איך קען ניט שאדין קיין

בישוף

מאי אעביד לכו דלא מקנה לכו בחספא ולא קטיל לכו בינה אמנייכו ולא אכיל לכו ירקא מכישא דאסר גינאה. ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא אכלי ירקא דנפל מתכא משום מאיסותא אמר לי מר משום דקשה לריח הפה :

ד ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא יתבי הותי מרזיבא משום שופכים אמר לי מר משום דשכיחי מזיקין. הנהו שקולאי דהוו דרו חביתא דחמרא בעו לאיתפותי אותבוה תותי מרזיבא פקעה אתו לקמיה דמר בר רב אשי אפיק שיפורי שמתיה אתא לקמיה א"ל אמאי תעביד הכי א"ל היכי אעביד כי אותביה באונאי א"ל את בדוכתא דשכיחי רבים מאי בעית את הוא דשנית זיל שלים א"ל השתא נמי ליקבע לי מר זימנא ואפרע קבע ליה זימנא כי מטא זימניה איעכב כי אתא א"ל אמאי לא אתית בזימנך א"ל כל מילי דצייר ותתים וכייל ומני לית לן רשותא למשקל מיניה עד דמשכחינא מידי דהפקרא. ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דשדו מיא מפומא דחצבא משום ציבתא אמר לי מר משום דאיכא מיא הרעים.

ההוא

דבר ונותן לגאל עמהן מיד המכשפות ל"א דאמרי שאמרו שם ולא מוכחא מילתא : מאי אעביד לכו . שאין מכשפות שולטות בכם שאתם כשרים מכל דבר הקשה לכן : דלא מקנה לכו . אין אתם מקנחין עצמכם בחרס בבית הכסא ואין אתם קוטמים כינה במלבושכם :

מרזיבא. צנור המקלח מים מן הגג: שופכין . שמא ירדו עליו מים מאוסין המקלחים ... המשתמשין על הגג ושופכין מי תשמישם וקן נלאין לצנור : שקולאי . נושא משאות בשכר : פקעה . שבורה המזיק : שמתיה. למזיק : דאותביה באונאי. בשיבוש במקום שהייתי ישן שם : דצייר וחתים

---

כישוף. וואָרום אַז איר זענט אין בית הכסא ווישט איר אייך ניט אָפּ מיט אַשאַרבּין. אונ איר הרגעט ניט קיין לייז אויף אייערע קליידער. אונ איר עסט ניט קיין גרינוואַרג פון דעם בינטעל וואָס דער גערטנער האָט פאַר בונדען. נאָך האָט אַבּיי גזאָגט אין אָנהייב פלעג איך זאָגען דם וואָס איך עס ניט דיא גרינוואַרג וואָס פאַלט אַראָפּ פון טיש אויף דיא ערד. ווייל עס איז מיאוס געוואָרין. הט דער רבּי מיר גזאָגט ווייל מען בעקומט אַשלעכטין ריח פון מויל:

ד ואמר. נאָך הט אַבּיי גזאָגט אין אָנהייב פלעג איך זאָגען דאס וואָס מען זיצט ניט אונטער אַרינע פון דאַך. ווייל טאָמער וועט אַראָפּ רינען וואַסער פון דאַך דורך דער רינע אויף דעם מענטשין. האָט דער רבּי מיר גזאָגט ווייל דאָרט זיצען שדים: טרעגערס האָבען אַמאָהל גיטראָגען אַפאַס וויין. האָבען זייא גיוואָלט אָפּ רוהען. האָבען זייא גישטעלט די פאַס אונטער אַרינע. איז דיא פאַס צו בראָכען געוואָרין. דער שד הט צו בראָכען די פאַס. זענען דיא טרעגערס גיקומען פאַר מר בר רב אשי. הט מר בר רב אשי גיבלאָזען שופר אונ האָט מחרים גיווען דעם שד. איז דער שד גיקומען פאַר מר בר רב אשי. האָט מר גזאָגט צום שד פאַר וואָס האָסטו צו בראָכען די פאַס וויין. האָט דער שד גזאָגט וויא דען האָב איך גיזאָלט טאָהן איך בין גישלאָפען אונטער דער רינע האָבען זיי נישטעלט די פאַס אויף מיין אויער. האָט מר גזאָגט צום שד וויא קומסטו צו זיין אויף אַזוי אַאָרט וואָס דאָרט גייען פיל מענטשין, האָסטו גיטאָהן ניט וויא דיין דין איז. גיי בּצאָהל. האָט דער שד גזאָגט זאָל דער רבּי מיר אויס זעצין אַצייט. ווען איך זאָל בּצאָהלען. הט מר איהם אויס גיזעצט אַצייט צום בצאָהלען. דיא צייט איז גיקומען אונ דער שד איז ניט גיקומען. דער נאָך אין עטליכע טעג שפּעטער איז דער שד גיקומען בצאָהלען פאַר די פאַס. האָט מר גזאָגט צום שד פר וואָס ביסטו ניט גיקומען צו דער צייט. האָט דער שד גזאָגט אַלע זאַכען וואָס זענען פאַר בונדען אָדער פאַר חתמת אָדער גימאָסטען אָדער גיציילט טאָרין מיר פון דיא זאַכען ניט נעמען. האָב איך גימוזט וואַרטען ביז איך האָב געפונען געלט וואָס האָבען ניט קיין בעל הבית. אונ האָב זייא גיברענגט. נאָך הט אַבּיי גזאָגט אין אָנהייב פלעג איך זאָגען דאס וואָס מען גיסט אָפּ אַביסעל וואַסער פון קרוג איידער מען טרינקט. ווייל פון הויבען אויף דיא וואַסער שווימט אַרום שטיקלאך האָלץ אָדער שטרויא. האָט דער רבּי מיר גזאָגט ווייל מיר האָבען מורא טאָמער האָט אַשד גיטרונקען פון דיא וואַסער. זאָל מען אָפּ גיסען דיא שלעכטע וואַסער פון

הויבע

ההוא בי שידא דהוה בי רב פפא אזל לאתויי מיא מנהרא איעכב כי אתא אמרו ליה אמאי איעכבת אמר להו עד דחלפי מים הרעים אדהכי (דף קו) חזנהו דקא שדי מיא מפומא דחצבא אמר אי הוה ידענא דרגיליתו למעבד הכי לא איעכבי :

**ה כי** אתא רב דימי אמר מים הראשונים האכילו בשר חזיר אחרונים הוציאו את האשה מבעלה כי אתא רבין אמר ראשונים האכילו בשר נבלה אחרונים הרגו את הנפש. אר"נ בר יצחק וסימנך אתא רב דימי אפקה אתא רבין קטלה ר' אבא מתני חדא מהני וחדא מהני לחומרא :

(דף קו ע"ב) **ואבוה** דשמואל אשכחיה לשמואל דקא בכי א"ל אמאי קא בכית דכה"ן רבאי אמאי דאמר לי קא ספית לבראי ולא משית ידך ואמאי לא משית א"ל הוא אביל ואנא משינא א"ל לא

מסתייה

פירוש

זכו'. נאמר מכל אלו אין לנו רבות : דבדו מיא. השותה כבר שופך התלה מן המים לארץ : משום ליבתא. קסמין וקבין בטל פני המים : מים רעים. פעמים ששתה מהם שד זו תקנתם : דהוה בי רב פפא : שהיה משמשו : עד דחלפי מים הרעים. ששתו המזיקין מהן :

האכילו בשר חזיר. שהיה הגוי ישראל מוכר בשר שהוטה לישראל ומנבלה ומאכילו וכשהנכרי בא בתגוותו מאכילו נבלות ובא יהודי אחד לאכול ולא נטל ידיו וכסבור זה שנכרי הוא והאכילו בשר חזיר : הוציאו אשה מבעלה. והרגו את הנפש כפ"ב דיומא בעובדא דכידור איכא למ"ד קטלה ואיכא למ"ד לא קטלה אלא אפקה : וסימנך. שלא תטעה מי מהם אמר הוציאו ומי מהם הרגו : אתא רב דימי אמר אפקה אתא רבין אמר קטלה. הראשון הוציאה והשני הרגה אחוז הסימן כאילו שניהם נעשו בה גירושין והריגה ושוב לא תטעה דודאי רין להוליך ולומר הראשון הרגה והשני הוליאה וכן היו יודעין דרב דימי אתא מא"י מקמי רבין : חדא מהני. כולו להומרא : לראשונים בשר חזיר. כרב דימי אמר גיס הרגו כרבין : בשר חזיר. המוד מנבילה דלית ביה תרי איסורי :

קא ספית לבראי ולא משית. האכלת את בני ולא

---

הויבען. אשר איז אמאהל געוועזען ביי רב פפא. איז דער שד געגאנגען ברייגען וואסער פון טייך האט ער זיך פארזאמט. אז דער שד איז געקומען האט מען גזאגט צו איהם פאר וואס האסטו פארזאמט. האט דער שד גזאגט איך האב געזעהן וויא שדים האבען געטרונקען פון טייך דריבער האב איך געווארט ביז דיא שלעכטע וואסער וועט אריבער גיין. דער וויל האט דער שד געזעהן וויא מען גיסט אפ אביסול וואסער פון קריגול איידער מען טרינקט. האט דער שד גזאגט ווען איך וואלט וויסען אז איר זענט געוואוהנט אזוי צו טאהן ואפ צו גיסען די וואסער איידער איר טרינקט. וואלט איך ניט פר זאמט ביי דעם טייך :

**ה** כי. אז רב דימי איז געקומען האט ער גזאגט די ערשטע וואסער האבען געמאכט עסין איודען חזיר פלייש וואיוד האט געהאט ארעכטאראציע פאר יורען און פאר גוים. די יודען פלעגט ער געבין עסין כשר פלייש. און דיא גוים פלעגט ער געבין עסין טרפה פלייש. אמאהל איז ארין געקומען איוד עסין און ער האט זיך ניט געוואשען. האט מען געמיינט ער איז אגוי. האט מען איהם געגעבין חזיר פליישן. דיא לעצטע וואסער (מים אחרונים) וואס מען וואשט נאך דעם עסין. האבען ארויס געפירט אווייב פון איר מאן (דיא מעשה געפינט זיך אין דעם לעצטיי פרק פון מסכת יומא). אז רבין איז געקומען האט ער גזאגט די ערשטע וואסער האבען געמאכט עסין דיא פלייש פון אנבלה (ניט חזיר). און דיא אנדערע וואסער (מים אחרונים) האבען גיהרגת אמענטשין. רב נחמן בר יצחק זאגט דער סימן איז רב דימי האט ארויס געצויגען די ווייב פון מאן (דאס מיינט מען רב דימי זאגט דער מאן האט נאר געגט דאס ווייב. אבער ער האט איר ניט גיהרגת). אז רבין איז געקומען האט ער זיא גיהרגת (דאס מיינט מען רבין זאגט דער מאן האט גיהרגת דאס ווייב). רבי אבא האט געלערנט איינס וויא רב דימי און איינס וויא רבין. איינס וויא רב דימי אז דיא ערשטע וואסער האבען געמאכט עסין דעם יודען חזיר פלייש : און איינס וויא רבין אז דיא אנדערע וואסער האבען גיהרגת אמענטשין. דער מאן האט זיין ווייב גיהרגת :

**ו** אבוה. דער פאטער פון שמואל האט אמאהל געטראפען זיין זוהן שמואל וויינט : האט דער פאטער גזאגט צו שמואל וואס וויינסטו. האט שמואל גזאגט דער רבי האט מיך גישלאגען. האט דער פאטער געפרעגט פאר וואס האט ער דיך גישלאגען. האט שמואל גיענטפערט דער רבי האט צו מיר גזאגט דו האסט גיגעבען עסין מיין קינד און דוא האסט ניט געוואשען פריער דיא

הענט

מסתיה דלא גמיר מיכחא נמי מחי והלכתא אוכל מחכת מאכיל צריך נטילה ידים כאכיל אינו צריך נטילת ידים :

(דף קט ע"ב) ז אמרה ליה ילתא לרב נחמן כבדי כל דאסר לן רחמנא שרא לן כותיה

אסר לן דמא שרא לן כבדא . נדה דם טוהר . חלב בהמה חלב חיה . חזיר מוחא דשבוטא . גירותא לישנא דכוורא . אשת איש גרושה בחיי בעלה . אשת אח יבמה . נכרית יפת תואר . בעינא למיכל בישרא בחלבא אמר להו ר"נ לטבחי זויקו לה כחלי :

(דף קי ע"ב) ח איהוה להוא גברא דלא הוה מוקר אבוה ואימיה כפתוהו אמר להו שבקוהו דתניא כל מצות עשה שמתן שכרה בצדה

כהנא ידיך תהלה : לא מסתייה דלא גמיר . לא די לו שאינו בקי בהלכות נטילה שהמאכיל אין צריך ליטול :

ילתא . אשתו : הכבד . גופו דם הוא קרוש וטעם דם לו : דם טוהר . של נהולים וכל ימי טוהר של יולדת ומוח של דג ששמו שיבוטא טעמו כטעם חזיר : גירותא . עוף טמא הוא : לישני דכוורא . יש לו טעם גירותא : אסר לן . אשת איש שרא לן גרושה ואע"פ שבעלה חי : בעינא למיכל בשרא בחלבא . ומה אמצא היתר דוגמתו : זויקו . בפודו המו לה כחל בכפוד :

כפתוהו . על העמוד להלקותו כדתניא בד"ה דארבעים והו לא כמלות לא תעשה שנגד נעבים העבירה אבל מצות עשה שלפניו ואינו רוצה לקיימה כגון אומרים לו עשה סוכה ואינו עושה מכין אותו מכת מרדות עד שתצא נפשו : אמר להו . רב יהודה : שמתן שכרה בצדה . למען יאריכון ימיך לכן פי' מתן בצדה לומר אם לא קיימנה זכו עכשו שלא הטול שכר זה :

---

העגט . האט דער פאטער גזאגט צו שמואל פאר וואס האסטו מאכי ניט גיוואשען די הענט . הט שמואל גזאגט דער קינד עסט אונ איך זאל וואשען די הענט . האט דער פאטער גזאגט ניט גינוג דער רבי קען ניט לערנען . שלאגט ער נאך . אונ דער דין איז אז ראובן לייגט אריין דם עסין צו שמעון אין מויל . שמעון וום ער עסט דארף ער וואשען די הענט . אונ ראובן ווס ער גיט די עסין . דארף ער ניט וואשען די הענט :

ז אמרה . ילתא דיא ווייב פון רב נחמן הט גזאגט צו רב נחמן . אלץ ווס דיא תורה האט גיאסרת . הט זיא אנטקעגעם מתיר גיוועזן . דיא תורה האט גיאסרת מען זאל ניט עסין בלוט . האט זיא מתיר גיוועזן צו עסין לעבער . דאס איז אויך בלוט . דיא תורה האט גיאסרת צו זיין ביי אווייב ווען זיא זעהט בלוט פון נדה . האט זיא מתיר גיוועזן צו זיין ביא אווייב ווען זיא זעהט די בלוט פון בתולים . דיא תורה האט גיאסרת צו עסין דיא חלב פון אבהמה . האט זיא מתיר גיוועזן צו עסין דיא חלב פון אחיה . דיא תורה האט גיאסרת צו עסין חזיר . האט זיא מתיר גיוועזן צוא עסין דעם מארך פון דעם פיש וואס הייסט שיבוטא . דאס הט אויך אטעם אזוי וויא חזיר : דיא תורה דאט גיאסרת צו עסין דעם פויגעל גירותא . האט זיא מתיר גיוועזן צו עסין דעם צונג פון דעם פיש וואס הייסט כוורא . דיא תורה האט גיאסרת צו זיין ביי אווייב וואס הט אמאן . הט זיא מתיר גיוועזן צו נעמען אווייב וואס דער מאן הט איר גיגעט אפילו דער מאן לעבט . די תורה הט גיאסרת צו זיין ביי אברודערס ווייב . הט די תורה גזאגט אויב דער ברודער איז גישטארבין אן קינדער מעג ער נעמען זיין ברודערס ווייב . דיא תורה האט גיאסרת צוא נעמען אגויאישע ווייב . אבער אז דער יוד איז אין דער מלחמה אונ ער זעהט דארט אשיינע גויה מעג ער זיא נעמען פר אווייב ואזו ווי עס שטייט אין די סדרה תצא) הט ילתא גזאגט איך וויל עסין פלייש מיט מילך . האט רב נחמן גזאגט צוא דיא קצבים זייא זאלען נעמען אאייטער אונ איהם בראטען אויף אשפיז . אונ זיי זאלען דס ברענגען צו זיין ווייב . וועט זי עסין פלייש מיט מילך :

ח איתיה . מען האט אמאהל גיבריינגט צו בית דין אמענטש וואס הט ניט גיגעבין כבוד צו זיין פאטער אונ מוטער . האט מען איהם גיבונדען מען האט איהם גיוואלט שלאגן מלקות . האט רב יהודה גזאגט מען זאל איהם אוועק לאזין . ווארום מיר האבען גילערנט אלע מצות וואס דיא תורה האט גיהייסען מען זאל זייא טאהן . אונ דיא תורה האט באלד געשריבען דעם שכר וואס דער מענטש וועט האבען אז ער וועט טאהן דיא מצוה . אונ דער מענטש האט דיא מצוה ניט גיטאהן . איז דער בית דין פון דער וועלט ניט פאר זאגט צוא

עטואפע;

בצדה אין ב"ד של מטה מוחרין עליה:

## העור והרוטב פרק תשיעי

(דף קכ:) **א ת"ר** לגיון העובר ממקום למקום ונכנס לבית הבית טמא שאין לך כל לגיון ולגיון שאין לו כמה קרקפלין ואל תתמה שהרי קרקפלו של ר' ישמעאל מונח בראש מלכים:

(דף קכז) **ב ת"ר** (ויקרא יא) הצב למינהו להביא הערוד וכן (ג' סמרוך וכן) הנפילים וסלמנדרא וכשהיה ר"ע מגיע לפסוק זה היה אומר (תהלים קד) מה רבו מעשיך ה' יש לך בריות גדלות בים ויש לך בריות גדלות ביבשה שבים אלמלא עולות ביבשה מיד מתות שביבשה אלמלא יורדות לים מיד מתות יש לך בריות גדלות באור ויש לך בריות גדלות באויר שבאור אלמלא עולות לאויר מיד מתות שבאויר אלמלא יורדות לאור מיד מתות מה רבו מעשיך ה'. ת"ר כל שיש ביבשה יש בים חוץ מן החולדה א"ר זירא מאי קראה (שם מט) האזינו

לגיון. גדוד כשיכרי להלחם על בית מלחמה: קרקפלין. עור ראש אדם מת ווה למכשפות במלחמה: ערוד מן הלב ומן הנחש יוצא כה כדלקמן: וכן הנפילים. שרץ מין לב: וסלמנדרא. שרץ הנולד מן האור מעצי הדס ע"י כשפים והסך מדמו אין האור שולט בו וקים ליה לר"ע דמיגה דלכ כוה: לפסוק זה. משום דמיירי בסלמנדרא: יש לך בריות גדלות באור. סלמנדרא: יושבי חלד. יושבי הארץ שבוה מקום מיושב

---

שטראפען דעם מענטש פאר וואס ער טוהט ניט דיא מצוה. ווארום עס איז גינוג פאר איהם דער שטראף וואס ער וועט ניט האבען דעם שכר פון די מצוה. אונ אז מען גיט כבוד צו פאטער אונ מוטער איז דער שכר מען וועט לאנג לעבין. אונ דער מענטש אז ער גיט ניט כבוד צוא זיין פאטער אונ מוטר. וועט זיין שטראף זיין אז ער וועט ניט לאנג לעבין:

## פרק תשיעי

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט זעלנער וואס גייען אין דער מלחמה. אונ זייא זענען אריין גיגאנגען אין אשטוב. אלץ וואס אין שטוב איז טמא. ווארום יעדער זעלנער האט ביי זיך עטליכע הויטען פון קעפ פון טויטע מענטשין ווען זייא גייען אין אמלחמה: צו מאכען כישוף מיט דיא הויט פון דיא קעפ. אונ דוא זאלסט דיך ניט וואונדערין וואס איך זאג דיר. ווארום די מלכים טוהען אן אויף זייער קאפ די הויט פון רבי ישמעאלס קאפ ווען זיי גייען אין דער מלחמה:

**ב** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק הצב למינהו. דער שרץ וואס הייסט צב. אונ אלע שרצים וואס זענען גלייך צום צב. דאס מיינט מען דעם ערוד. ער איז גיבארין פון אשלאנג וואס האט מונה גיוועזן מיט אצב. אונ דיא שרצים וואס הייסן נפילים זענען אויך גלייך צום צב. אונ דער סלמנדרא איז אויך גלייך צום צב. ואז מען ברענט הדסים האלץ זיבען יאהר אויף איין ארט ווערט בשאפען פון דעם פייער אשרץ וואס הייסט סלמנדרא. אונ דער וואס בשמירט זיין לייב מיט דיא בלוט פון דעם סלמנדרא. וועט ער ניט פאר ברענט ווערין אויפין פייארו. אונ אז רבי עקיבא איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גזאגט גאט וויא גרוים זענען דיינע ווערק. דוא האסט בשעפענישען וואס אדעווען זיך אין ים. אונ דוא האסט בשעפענישען וואס אדעווען זיך אויף דיא ערד. דיא בשעפענישען פון ים אז זייא וואלטען ארויף קומען אויף דיא ערד. וואלטין זייא באלד גיפיינערט. אונ דיא בשעפענישען פון דיא ערד אז זייא וואלטין אריין גיין אין ים וואלטין זיי באלד גיפיינערט. דו האסט בשעפענישען וואס אדעווען זיך אין פייער. אונ דוא האסט בשעפענישען וואס אדעווען זיך אין דער לופט. דיא בשעפענישען פון פייער אז זייא וואלטען אריין קומען אין דער לופט. וואלטין זייא באלד גיפיינערט. אונ דיא בשעפענישען פון דער לופט אז זייא וואלטין אריין גיין אין פייער וואלטין זיי באלד גיפיינערט. גאט וויא גרוים זענען דיינע ווערק. די רבנן האבען גילערנט אלע בשעפענישען וואס געפינט זיך אויף דיא ערד. געפינט זיך אין ים

אויך

האזינו כל יושבי חלד. אמר רב הונא בריה דרב יהושע ביברי דנרש אינן מן הישוב אמר רב פפא בשבתא נרש תרביה משכיה ואליתיה (ירמיה כב) ארץ ארץ ארץ שמעי דבר ה' א"ר פפא לא אבה נרש שמוע דבר ה' אמר רב גידל אמר רב נרשאה נשקיך מני ככיך. נהר פקודאה לוייך מגלימא שפירא דחזי עלך. דפומבדיתא לוייך אשני אושפיזך. אמר רב הונא בר תורתא פעם אחת הלכתי לוועד וראיתי נחש שהוא כרוך על הצב לימים יצא ערוד מביניהם וכשבאתי לפני ר' שמעון החסיד אמר לי אמר הקב"ה הם הביאו בריה שלא בראתי בעולמי אף אני אביא עליהם בריה שלא בראתי בעולמי והאמר מר כל שתשמישן ועיבורן שוה יולדין ומגדלין זה מזה וכל שאין תשמישן ועיבורן שוה אין

לתולדות: ביברי דנרש. חיות הגלויות לא הו מקום ביברו"ש בלעז: אינן מן הישוב. אינן גדלות אלא במים: בשבתא נרש. כלומר כל יושביה רשעים כולם יהיו בשמחה: תרביה מבכיה ולא ימיה. החלב והעור עם הבשר והאליה כלומר כולה כקטן כגדול: לא אבה נרש וכו'. לפי שכולם היו רשעים: נרשאה נשקיך מני ככיך. אם נשקך אחד מיושבי נרש מני שניך אם תמצאם כולם כי מוחזק גנב הוא: נהר פקודא. אם מיושבי נהר פקוד: לוייך. תלוה עמך בדרך: מגלימא שפירא דהוא עלך מחמת גלימא לך טלית נאה ודעהו נגנבה נתחבר עמך: אשני אושפיזך: שלא ידע היכן הבית בגנבים מומחין הן: לוועד. מקום רשעים ומרביעים כלאים: כרוך על הצב. כל שעה מנוי אליו והיה נזקק עמו כדאמרינן בקדושין בכרוכין אחריה ובבכורות הזיד כרוך אחר רחל כלומר נמשך ושוכן אליו תמיד: יצא ערוד מביניהם. והיה מזיק בני אדם וממית כדאמרינן בברכות גבי ערוד דר' חנינא בן דוסא: אנשי וועד הם הביאו וכו'. מזווגי כלאים היו: אף אני אביא עליהם בריה וכו'. והיינו ערוד: תשמישן שוה. כמשמשין פניהם פנים כנגד פנים כגון אדם או פנים כנגד עורף כגון בהמה: עיבורן. ימי עיבור: יולדין זה מזה. מתעברין זה מזה: ומגדלין. מניקות זה כמו של זה וימי עיבורו של נחש אינו שוה לא לצבי ובהמה והיה כדאמרינן בפ"ק דבכורות שועל

---

אויך. נאר אחולדה איז ניטא אין ים. רבי זירא זאגט דאס ווייסן מיר פון דעם פסוק האזינו כל יושבי חלד. איר זאלט פאר נעמען אלע מענטשן וואס וואוהנען אויף דיא ערד ווא אויה איר זענען דא דיא חולדות. אבער אין ים זענען ניטא קיין חולדות. רב הונא בריה דרב יהושע האט גזאגט די ביברים וואס זענען דא אין די שטאט נרש. אדעווען זיך אין וואסער ניט אויף דיא ערד. רב פפא זאגט דיא מענטשן פון נרש זאלין זיין אין חרם. די פעטם מיט די פעל מיט דעם ווידיל ודאס מיינט מען די גרויסע לייט אונ דיא מיטעלע מענטשין אונ דיא נידעריגע מענטשין. דאס הייסט פון גרויס ביז קליין: ארץ ארץ ארץ שמעי דבר ה'. דיא גאנצע וועלט הערין דיא רייד פון גאט. זאגט רב פפא אבער דיא מענטשין פון נרש ווילען ניט הערין דיא רייד פון גאט: רב גידל האט גזאגט פון רבס וועגין אז אמענטש פון נרשאה האט דיך גיקושט. זאלסטו ציילען דיינע ציין. טאמער האט ער איינע ארויס גיגנבת. ווייל זיא זענען גיווען גרויסע גנבים. אויב אמענטש וואס וואוהנט נעבין דעם טייך פקוד האט דיך בגלייט אין וועג. דאס איז ווייל ער האט ביי דיר גיזעהן א שיינע קלייד אונ ער וויל זיא אוועק גנבנען: אויב אמענטש וואס וואוהנט אין פומבדיתא האט דיך בגלייט אין וועג. זאלסטו ניט שטיין אין דעם נאכט הויז וואס ער ווייס. ווארום ער וועט דיך בעגנבנען. נאר זאלסט שטיין אין אזוי אנאכט הויז וואס ער זאל ניט ווייסן. רב הונא בר תורתא הט גזאגט אמאהל בין איך גיגאנגען צו דעם ארט וואס דארט זענען פאר זאמעלט רשעים אונ זייא ברייגען צו זאמען צוויא מינים בהמות אדער אנדערע צוויי מינים זייא זאלין מזווג זיין עס זאל גיבארין ווערין אדריטער מין. האב איך גיזעהן וויא אשלאנג איז מזווג מיט אצב. אין אצייט שפעטער איז גיבארין גיווארין פון זייא אערוד. אונ דער ערוד האט געביסען מענטשין אונ הט זייא גיהרגעט: אז איך בין גיקומען פאר רבי שמעון החסיד. אונ האב איהם דאס דער ציילט. האט רבי שמעון צו מיר גזאגט. גאט האט גזאגט זייא האבען גיברייגגט אויף דער וועלט אזוי אבשעפעניש וואס איך האב ניט בשאפען. וועל איך אויך ברייגען אויף זייא אזוי אבשעפעניש וואס איך האב ניט בשאפען אונ זא וועט זייא שטראפען. פרעגט דיא גמרא דער תנא הט דאך גזאגט דיא אלע מינים בהמות אדער מענטשין וואס זייא בהעפטין זיך גלייך. למשל מענטשין בהעפטין זיך אפנים געגין אפנים. אונ בהמות בהעפטין זיך דעם פנים געגין רוקען. אונ זייא טראגין דיא קינדער אגלייכע צייט. למשל אאשה טראגט אקינד ניין חדשים: אונ

אבהמה

אין יולדין ומגדלין זה מזה אמר רב נס בתוך נס האי פורענותא הוא כאי נס בתוך נס לפורענות:

## הזרוע והלחיים פרק עשירי

(דף קל ע"ב) **א א"ר** שמואל בר נחמני א"ר יונתן מנין שאין נותנים מתנה לכהן ע"ה שנאמר (דה"ב לא) ויאמר לעם ליושבי ירושלים להת מנת הכהנים והלוים למען יחזקו בתורת ה' כל המחזיק בתורת ה' יש לו מנת ושאינו מחזיק בתורת ה' אין לו מנת:

(דף קלג) **ב אמר** רבא בדק לן רב יוסף האי כהנא דחטיף כתנתא חבובי קא מחבב מצוה או זלזולי קא מזלזל במצוה ופשטנא ליה ונתן ולא שיטול מעצמו. אמר אביי מריש הוה חטיפנא מתנתא אמינא חבובי קא מחביבנא מצוה כיון דשמענא להא ונתן ולא שיטול מעצמו מחטיף לא חטיפנא מימר אמינא הבו לי כיון דשמענא להא

שוטל וכל מיני שלוים לבהמה הדסים ... לא׳ כנים ולמרינן ההם ולאוהו רבע נחם לא מנים חגל ואלך ילא אוהו ערוד מלב ומגהם: נס בתוך נס לפורעגות. כדי ליפרע מן הרשעים:
מנת. חלק כהונה:
בדק לן. מנסה אותנו אם נדע להשיב ורבא כהן היה: דחטיף מתנתא. מהיפוקות שמחלקים הוהן לכהנים: מי אמרינן חבובי קא מחבב המלוה. ויפה הוא עושה: ונתן לכהן. ולא שיטול הכהן מעצמו: מימר אמרי. הבו לי שיהיו בואלו כפה

---

אבהמה טראגט אקאלב פינף חדשים. קענען זייא מעוברת ווערין איינער פון דעם אנדערין. אונ זייא זייגען איינער פון צנדערין. אונ דיא מענטשין אונ בהמות וואס זייער בהעפטין זיך איז ניט גלייך. אונ זייער טראגין איז אויך ניט גלייך. קענען זייא ניט מעוברת ווערין איינער פון דעם אנדערין. אונ זייא זייגען ניט איינער פון אנדערין. אונ אשלאנג איז מעוברת זיבען יאהר. אונ אלע בהמות אונ חיות זענען ניט גלייך צו איהם. אונ אצב איז מעוברת זעקס חדשים; וויא אזוי האט געקענט פון אשלאנג מיט אצב געבארין ווערין אערוד. אז איינער פון אנדערין קענען ניט מעוברת ווערין. האט רב געזאגט עס איז געוועזן אנס אין אנס. פרעגט דיא גמרא דאס איז דאך אשטראף. ענטפערט דיא גמרא עס איז געוועזן אנס אין אנס צום שטראפן:

## פרק עשירי

**א** אמר רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט געבין קיין מתנה צוא אכהן וואס איז אעם הארץ. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט געזאגט צום פאלק צו דיא זיצער פון ירושלים זייא זאלען געבין די מתנות וואס מען דארף געבין צו די כהנים אונ לוים. דאס איז תרומות אונ מעשרות. זייא זאלען זיך שטארקען צו האלטען דיא תורה פון גאט. דער כהן וואס האלט דיא תורה פון גאט דארף מען איהם געבין דיא מתנות. אונ דער כהן וואס האלט ניט דיא תורה פון גאט דארף מען איהם ניט געבין דיא מתנות:

**ב** אמר. רבא האט געזאגט רב יוסף האט געפרובט אונז פרעגין אשאלה. אויב מיר וועלין וויסען צו ענטפערין. אויב קינדער האבען געטראגין מתנות צו געבין צום כהן, איז ארויס געגאנגען דער כהן אונ האט געכאפט פון זייא די מתנות. זאלען מיר זאגין ער האט געכאפט די מתנות צוייל ביי איהם איז ליב דיא מצוה. האט ער גוט געטאהן. אדער פאר קערט מיט דעם חאפען דאט ער פאר שעמט דיא מצוה. האב איך געזאגט עס שטייט אין פסוק ונתן. ער זאל געבין צום כהן. אבער ניט דער כהן זאל אליין נעמען. אביי האט געזאגט אין אנהייב אז איך האב געזעהן מען טראגט צו מיר מתנות. פלעג איך ארויס גיין אנטקעגין אונ האב געכאפט דיא מתנות. איך האב געטראכט מיט דעם חאפין מאך איך ליב דיא מצוה. וויא איך האב געהערט וואס רבא האט געזאגט עס שטייט אין פסוק ונתן. ער זאל געבין צום כהן. אבער ניט דער כהן זאל אליין נעמען. האב איך שוין ניט געכאפט נאר איך פלעג בעטין מען זאל מיר געבין.

להא דתניא (ב"ק ח.) ויטו אחרי הבצע רבי מאיר אמר בני שמואל חלקם שאלו בפיהם מימר נמי לא אמינא ואי יהבו לי שקילנא כיון דשמענא להא דתניא הצנועים מושכין ידיהם והגרגרנים חולקים משקל נמי לא שקילנא לבר כמעלי יומא דכפורי לאחזוקי נפשאי בכהני. ולפרוס ידיה אנסיה ליה עידניה:

**ג כתיב** (משלי כה) מעדה בגד ביום קרה חומץ על נתר ושר בשירים על לב רע פשטיה דקרא במאי כתיב בשונה לתלמיד שאינו הגון דאמר רב יהודה אמר רב כל השונה לתלמיד שאינו הגון נופל בגיהנם שנאמר (איוב כ) כל חשך טמון לצפוניו תאכלהו אש לא נפח ירע שריד באהלו ואין שריד אלא ת"ח שנאמר (יואל ג) בשרידים אשר ה' קורא. א"ר זירא אמר רב

מלא שבייתי סבור שלא הבוב מלוה · חלקם שאלו בפיהם. דמגני להו קרא לגבי במואל ויטו אחרי הבצע אמר ר"מ שלא היו עבירות גזל בידם אלא חלק לויה כגון מעשר ראשון היו שואלים בפיהם: הצנועים מושכין ידיהם. נחלוק להם הפנים קאמר כמו' יומא נטרף בקלפי מבמת במשון הגדיק כשהלחם מלכה בלחם הפנים: לאחזוקי נפשאי בכהני. שלא יבתכח בם כהן מעליו: ופריך ולפרוס ידיה. כיון שאינו עושה אלא שלא יבתכח שם כהן מעליו יפרוש ידיו לדוכן כל השנה ומחזיק נפשיה בכהני: אנסיה ליה עידניה. עתים שקבע לתלמידיו היו טורדים אותו מליכא כפיו שהיה עוסק לתלמידיו בעת שהצבור נושאים כפים לב"כ: מעדה בגד ביום קרה. כמו שהלובש בגד בלוי בעת הקור וכמו שהחומץ מפסידו לנתר כן השונה לתלמיד רע. מעדה לשון בלוי ונרקב כמו כבגד עדים: ירע שריד באהלו. למי שירע שריד באהלו תלמיד רע: תאכלהו אש לא נפח. אשו של

---

וויא איך האב געהערט דאס וואס מען האט געלערנט עס שטייט אין פסוק אויף די קינדער פון שמואל הנביא זייא האבען גענייגט נאך געלט גזלן. זאגט רבי מאיר קען דאס זיין אז די קינדער פון שמואל הנביא האבען גענייגט זייער הארץ צו גזלה. נאר זייא פלעגין ארום גיין צו בעלי בתים בעטין מען זאל זייא געבין תרומה אונ מתנות. אונ דאס רעכענט דער פסוק פאר אגזלה. טאמער האט דער בעל הבית געוואלט געבין דיא מתנות איין אנדער כהן. נאר ווייל ער האט זיך געשעמט פאר זייא האט ער זייא געגעבין. האבען זייא דאך געגזלת דיא מתנות פון דיא אנדערע כהנים. האב איך שוין ניט געוואלט בעטין אויך. נאר אויב מען האט מיר געגעבין האב איך גענומען. וויא איך האב געהערט דאס וואס מיר האבען געלערנט דיא פרומע האבען אפ געצויגען זייערע הענט פון דעם לחם הפנים. זיי האבען ניט געוואלט נעמען דעם לחם הפנים. נאר די פרעסערס פלעגין נעמען אחלק פון דעם לחם הפנים. האב איך שוין ניט געוואלט נעמען אחלק פון די מתנות וואס מען גיט צו די כהנים. נאר אלע ערב יום כפור פלעג איך נעמען מתנות. מען זאל געדיינקען אז איך בין אכהן. פרעגט די גמרא אז ער וועט דוכנען וועט מען דאך שוין וויסען אז ער איז אכהן. צו וואס דארף ער נעמען די מתנות. ענטפערט די גמרא ווייל אביי פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים אין דער צייט ווען מען הט געדאווינט אין שוהל. דריבער פלעגט ער ניט קומען צום דוכנען:

ג כתיב. עס שטייט אין פסוק מעדה בגד ביום קרה חומץ על נתר ושר בשירים על לב רע. דער פסוק שמועסט פון אלבי וואס לערנט תורה מיט אתלמיד וואס ער איז ניט פרום. אונ אזוי מיינט דער פסוק אזוי וויא מען טוהט אן אפארפוילטע קלייד אין אקאלטען טאג: ווארעמט דאך ניט. אונ אזוי ווי מען גיסט ארויף עסיג אויף קריידע. ווערט קאליע די קריידע. אזוי אז מען זינגט די תורה אויף די שלעכטע הארץ פון תלמיד. נאך האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין. דער וואס לערנט תורה מיט אתלמיד וואס ער איז ניט פרום: וועט דער רבי פאלען אין גיהנם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כל חשך טמון לצפוניו (אלע פינסטערנים איז בעהאלטען צו זיינע בעהאלטענע צדיקים). תאכלהו אש לא נופח (עס וועט איהם פאר ברענען אזוי אפייער וואס מען דארף איהם ניט אויף בלאזין. דאס איז דער פייער פון גיהנם). פאר וואס וועט אזוי זיין. ירע שריד באהלו (ווייל ער האט אשלעכטין תלמיד חכם אין זיין געצעלט. שריד מיינט מען אתלמיד חכם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בשרידים אשר יי קורא. די תלמידי חכמים וואס רופען צו גאט. רבי זירא הט געזאגט פון רבס וועגין דער וואס לערנט תורה צו איין

תלמיד

רב כל השונה לתלמיד שאינו הגון כזורק אבן למרקולים שנאמר (משלי כו) כצרור אבן במרגמה כן נותן לכסיל כבוד (ואין כבוד אלא תורה שנאמר (שם ג) כבוד חכמים ינחלו ותמימים ינחלו טוב, א"ר חמא בר חנינא כל העושה טובה למי שאינו יודעה כאלו זורק אבן למרקולים שנאמר (שם כו) כצרור אבן וגו') וכתיב (שם יט) לא נאוה לכסיל תענוג:

פירוש

גיכנס: כזורק אבן למרקולים. א' מיא עב דהו כדאמרינן במסכת ע"ז:
תלימא כדינין. לראות לו זכות בדין:
דורשי חמורות. מקראות סתומים: היו אומרים. מנ"ל דשל ימין מכלל: יד שמקמיה לכהן כנגד ידו של פנחס שעל כך נתנה לו ברית כהונת עולם וזה שכרו ואיזו יד שעושה מלחמה הוי אומר של ימין:

(דף קלד) ד הני ר' יהודה בן אגרא אומר משום רבי מאיר ספק לקט לקט ספק שכחה שכחה ספק פאה פאה מ"ט דאר"ש ב"ל מ"ד (תהלים כב) עני ורש הצדיקו מאי הצדיקו אילימא בדינין והכתיב (שמות כג) ודל לא תהדר בריבו אלא צדק משלך ותן לו:

(ע"ב) ה דורשי חמורות היו אומרים הזרוע כנגד היד וכן הוא אומר (במדבר כה) ויקח רמח בידו. ולחיים כנגד תפלה וכן הוא אומר (תהלים קו) ויעמוד פינחס

פינחס

---

תלמיד וואס איז ניט פרום. איז גלייך ווי ער וואלט ווארפען אשטיין צו די עבודה זרה מרקולים. און אזוי האט מען גערינט צו די עבודה זרה מרקולים. מען האט געווארפען צו איהר אשטיין. דריבער קומט מיתה דעם מענטש וואס ווארפט אשטיין צו די עבודה זרה מרקולים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כצרור אבן במרגמה. ואזוי ווי מען בינט איין אשטיין צום ווארפען צו די עבודה זרה מרקולים. אזוי איז אז מען גיט דעם נאר כבוד ודעם נאר מיינט מען ארשעו און כבוד מיינט מען די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די חכמים ירשנן כבוד און די וואס זענען גאנץ אין פרומקייט וועלין ירשנן גוטס. רבי חמא בר חנינא זאגט דער וואס טוהט גוטס צו דעם מענטש וואס דער קענט ניט די גוטס איז גלייך ווי ער וואלט געווארפען אשטיין צו די עבודה זרה מרקולים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי ווי מען בינט איין אשטיין צום ווארפען וצו די עבודה זרה מרקולים. אזוי איז ניט שיין צו געבין דעם נאר פערגעניגען:

ד תני. מיר האבען געלערנט רבי יהודה בן אגרא האט געזאגט פון רבי מאירס וועגין אויב עס ליגט אויף דער ערד זאנגען און מען ווייס ניט צו דאס איז פאר ארעמע לייט. אדער פאר דעם בעל הבית. געהער דאס צו ארעמע לייט. און אויב אין פעלד ליגט תבואה און מען ווייס ניט צו דער בעל הבית האט זייא פר געסין. געהער דאס צו ארעמע לייט. אדער דער בעל הבית האט ניט פר געסין. געהער דאס צום בעל הבית. זאל מען געבין די תבואה צו ארעמע לייט. און אויב אין פעלד איז דא תבואה און מען ווייס ניט צו דאס איז פאה געהער דאס צו ארעמע לייט. אדער דאס איז ניט פאה געהער דאס צום בעל הבית. זאל מען דאס געבין צו ארעמע לייט. פאר וואס זאל מען דאס געבין צו ארעמע לייט. האט רבי שמעון בן לקיש געזאגט עס שטייט אין פסוק עני ורש הצדיקו. איהר זאלט גירעכט מאכען דעם ארעם מאן. וואס מיינט מען גירעכט מאכען. איך זאל זאגין אויב אריכער האט אדין תורה מיט אארעם מאן. זאל מען גירעכט מאכען דעם ארעם מאן אפילו דער ארעם מאן איז אומגירעכט. עס שטייט דאך אין פסוק דו זאלסט ניט בשיינען דעם ארעם מאן ווען ער האט אקריג מיט אריכען. דו זאלסט ניט בשיינען מיינט מען דו זאלסט איהם ניט גירעכט מאכען ווען ער איז אומגירעכט. נאר הצדיקו מיינט מען צדקה. דוא זאלסט געבין דעם ארעם מאן צדקה. אפילו ווא עס איז דיר אספק טאמער דארפסטו די צדקה ניט געבין. זאלסטו איהם אויך געבין:

ה דורשי. דיא חכמים וואס דרשנן אלע שווערע פסוקים האבען געזאגט פאר וואס איז דער דין אז איינער שעכט אבהמה דארף ער געבין צום כהן איין פארערשטע פוס די רעכטע. און די צוויי באקין. און דעם מאגין. דאס האבען די כהנים זוכה געווען דורך פינחס הכהן.

די

פינחס ויפלל. קיבה כמשמעה וכה"א (במדבר כה) ואת האשה אל קבתה:

# ראשית הגז פרק אחד עשר

(דף קלז ע"ב) **א כי** סליק איסי בר היני אשכחיה לר' יוחנן דקא מתני ליה לבריה רחלים א"ל אתנייה רחלות א"ל כדכתיב (בראשית לב) רחלים מאתים א"ל לשון תורה לעצמה לשון חכמים לעצמן א"ל מאן ריש סדרא בבבל א"ל אבא אריכא א"ל אבא אריכא קרית ליה נהירנא כד הוה יתיבנא אחרי י"ז שורן אחוריה דרב קמיה דרבי ונפקי זקוקין דנורא מפומיה דרב לפומיה דרבי ומפומיה דרבי לפומיה דרב ולית אנא ידע מה הן אמרין ואת אבא אריכא קרית ליה:

אשכחיה. ר' יוחנן לאיסי בר היני: דמתני לבריה. מתני ליה רחלים גוזזות מנה ומנה ופרס (פי' כל אחת מנה ומחצה): א"ל. איסי: כדכתיב. קרא קא מתני רחלים מאתים: א"ל לשון תורה לחוד כו': א"ל. רבי יוחנן לאיסי: מאן ריש סדרא בבבל. ראש ישיבה: אבא אריכא. רב קרי אריכא שארוך בדורו היה כדאמרינן בפ' כל היד בנדה: אבא אריכא קרית ליה. ולא אמרת רבינו בלשון כבוד: נהירנא. כשהיה בכאן קודם שירד לבבל היה חשוב ממני שהיה יושב לפני רבי ואני הייתי יושב שבעה עשר שורות מאחריו: זקוקין. משאין ונותנין בהלכה:

# שלוח הקן פרק שנים עשר

(דף קלח ע"ב) **א אמר** רבינא הילכך עוף טהור שהרג את הנפש פטור משלוח מ"ט דאמר

שהרג את הנפש. ואח"כ מרד ונמצא בקן: פטור

---

די פאדערשטע פוס דיא רע כטע גענומט דער כהן ווייל פינחס האט גינומען מיט זיין רעכטע האנט דעם שפיז צו שטעכין דעם זמרי אונ כזבי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט גינומען אשפיז אין האנט. דיא באקין ניט מען דעם כהן ווייל פינחס האט מיט דיא באקין תפלה גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פינחס איז גישטאנען אונ האט גיבעטין ביי גאט. דעם מאגין גיט מען דעם כהן ווייל עס שטייט אין פסוק אז פינחס האט אריין גישטעקט דעם שפיז צו די אשה אין מאגין:

## פרק אחד עשר

**א** כי: ווען איסי בר היני איז גיקומען אין ארץ ישראל. האט רבי יוחנן גיטראפען ווי איסי לערונט מיט זיין זוהן דעם ווארט רחלים ושעפסין. האט רבי יוחנן גיזאגט צו איסי לערין מיט איהם רחלות. האט איסי גיזאגט. איך לערין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק רחלים מאתים ושעפסין צוויי הונדערט. האט רבי יוחנן גיזאגט די תורה שמועסט אנדערש אונ דיא חכמים שמועסין אנדערש. די תורה זאגט רחלים. אונ די חכמים זאגין רחלות. האט רבי יוחנן גיזאגט צו איסי ווער איז דער ראש ישיבה אין בבל. האט איסי גיזאגט אבא אריכא הייסט דער ראש ישיבה. האט רבי יוחנן גיזאגט צו איסי דוא זאגסט אבא אריכא. אונ זאגסט ניט רבינו רבי אבא. איך גידיינק ווען איך בין גיזעסין זיבעציין שורות אינטער רב. אונ רב איז גיזעסין פאר רבי. אונ ווען רבי האט גילערונט מיט רב זענען ארויס גיגאנגען פונקען פייער פון די מויל פון רב צו די מויל פון רבי אונ פון די מויל פון רבי צו די מויל פון רב. אונ איך האב ניט גיוואוסט וואס זיי זאגין. אונ דוא רופסט איהם אבא אריכא. אונ זאגסט ניט רבינו רבי אבא ואבא אריכא. איז גיוועזן רב. ער האט גיהייסען רבי אבא. נאר ווייל ער איז גיוועזן דער גרעסטער פון בבל. האט מען איהם ניט גירופען ביי זיין נאמען. נאר רב. אונ אריכא איז דער טייטש דער לאנגער. ווייל רב איז גיוועזן זייער אהויכער האט מען איהם גירופען דער לאנגער:

## פרק שנים עשר

**א** אמר. רבינא האט גיזאגט אזוי אפילו וואס מען מעג איהר עסין אונ זיא האט

יגהרגת

דאמר קרא (דברים כב) שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך במי שאתה מצווה לשלחו יצא זה שאי אתה מצווה לשלחו אלא להביאו לב"ד היכי דמי אי דגמיר דינא (דף קלט) בר קטלא הוא אלא דלא גמיר דיניה ובעי לאתוייה לב"ד וקיומי ביה (שם יג) ובערת הרע מקרבך :

(ע"ב) ב אמר רב יהודה אמר רב מצא קן בים חייב בשלוח שנאמר (ישעיה מג) כה אמר ה' הנותן בים דרך וגו' אלא מעתה מצא קן בשמים דכתיב (משלי ל) דרך הנשר בשמים הכי נמי דמחייב בשלוח הקן דרך נשר איקרי דרך סתמא לא איקרי :

ג אמרו ליה פפונאי לרב מתנה מצא קן בראשו של אדם מהו אמר להו (ש"ב טו) ואדמה על ראשו . משה מן התורה מנין (בראשית ו) בשגם הוא בשר הבן

שלוח . הואיל ובר קטלא הוא והכי קדם ליה דקבעי לבלה לגמר ס הגל : וספק והאי נמו בר הכי הוא והכי דרש קרא שלח תשלח אם הראוי לשלחו ואם אין ראוי לשלח לא תשלחם : בר קטלא הוא . ומה קן נמלט : ובערת הרע . מצוה על כל הפוגע בחייבי מיתה להביא לב"ד כדי לבער רשעים מישראל :

קן בים . שצף הים את האילן והיה קן בראשו חייב נמי לשלח דים נמי איקרי דרך : קן בשמים . עוף פורח קן באויר : דרך סתמא לא איקרי . אבל ים איקרי דרך סתמא כגון בים דרך :

ואדמה על ראשו . אע"פ שהיה בראשו לא הגדה שמה ש"מ אדם גופיה אדמה הוא מדלא הגדה את שמה דלא קריה עפר והשתא נמי על האדם קרינא ביה : ועוד זה שאלו ממנו מנין למשה רמז קודם שבא בסופו לבא : בשגם הוא . בגימטריא משה

גיהרגת אמענטשין . דר נאך האט זי זיך גימאכט אנעסט אונ איז גיזעסין אויף קליינע פייגעלאך איהרע קינדער אדער זיא איז גיזעסין אויף איהרע אייער . דער מענטש וואס געפינט זייא מעג צו נעמען דיא פויגיל ודיא מוטער) מיט איהרע קינדער אדער מיט דיא אייער . אונ ער דארף ניט אוועק שיקען דיא מוטער ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט אוועק שיקען די מוטער . אונ דיא קינדער זאלסטו נעמען פאר דיר . וועלכע מוטער זאלסטו אוועק שיקען . דיא וואס דוא מעגסט איהר אוועק שיקען . אבער די פויגיל טארסטו ניט אוועק שיקען נאר דוא מוזט איהר ברייגגען צו בית דין . פרעגט דיא גמרא ווי שמועסט דא . אויב מען האט שוין געמשפט דעם פויגיל צום הרגנן . האט מען דאך איהר גידארפט פאר האלטין ביי בית דין . וויא אזוי איז זיא אנטלאפין אונ האט זיך גימאכט אנעסט . נאר דא שמועסט מען האט איהר נאך ניט געמשפט . ווייל זיא איז אנטלאפען . דער וואס געפינט איהר דארף איהר ברייגגען צו בית דין מען זאל איהר הרגנן . מען זאל מקיים זיין דעם פסוק דו זאלסט אויס ראמען דם שלעכטס ודי מערדערס פון דיר :

ב אמר . רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגן אז אפויגיל מיט קינדער זענען גיזעסין אויף אבוים . אונ דיא וואסער פון ים האט פאר פלייצט דעם בוים . שטייט איצט דער בוים אין ים . דער מענטש וואס קען אראפ נעמען דעם נעסט . דארף ער אוועק שיקען דיא מוטער . ווארום עס שטייט אין פסוק אז מען געפינט אנעסט אויף דעם וועג זאל מען אוועק שיקען דיא מוטער . אונ אין ים איז אויך דא אוועג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער גיט אוועג אין ים . פרעגט דיא גמרא דארף דאך זיין אז מען זעהט אפויגיל פליהט אונטערין הימעל אונ טראגט איין נעסט זאל מען אויך אוועק שיקען דיא מוטער . ווארום אונטערין הימעל הייסט אויך אוועג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא וועג פון אדלער אונטערין הימעל . ענטפערט דיא גמרא אונטערין הימעל איז נאר אוועג פאר דעם אדלער . אבער ניט פאר מענטשין . אונ אין דיא תורה שטייט אז ער וועט געפינען אנעסט אויף אוועג . מיינט מען אזוי אוועג וואס איז אוועג פאר מענטשין אויך :

ג אמרו . דיא מענטשין פון פפוניא האבען גיפרעגט ביא רב מתנה אז איינער געפינט אנעסט אויף דיא קאפ פון אמענטש . דארף ער אוועק שיקען דיא מוטער אדער ניין . האט רב מתנה גיזאגט עס שטייט אין פסוק אונ ערד אויף זיין קאפ . אפילו דיא ערד ליגט אויף זיין קאפ . הייסט דאס אויך ערד . ווייל דער מענטש אליין איז אויך בשאפען פון ערד . אונ אין די תורה שטייט אז מען געפינט אנעסט אויף דיא ערד מוז מען אוועק שיקען דיא מוטער . נאך

האבעז

המן מן התורה מנין (שם ג) המן העץ. אסתר מן התורה מנין (דברים לא) ואנכי הסתר אסתיר. מרדכי מן התורה מנין דכתיב (שמות ל) מר דרור ומתרגמינן מירא דכיא:

**ד פיסקא** ואיזהו שאינו מזומן וכו' וכן יוני הרדסיאות פטור משלוח. ר' חייא ור"ש חד תנא הרדסאות וחד תנא הרדסיאות מאן דתני הרדסיאות על שם הורדוס ומאן דתני הדרסיאות על שם מקומו. אמר רב כהנא לדידי חזיין וקיימן שיתסר דרי כפתי מילא והוה קרא קירי קירי הוה חד מנייהו דלא הוה קרי קירי קירי אמרה לה חברתה סמא אמרי קירי קירי אמרה סומא אמרי קירי קירי אתיוה ושחטוה א"ר אשי אמר לי רבי חנינא מלין מלין ס"ד אלא אימא בכלין:

לא

וכתיב נמי והיו ימיו מאה ועשרים שנה ומך מיה ימי חיי משה כלומר עתיד לבא בשגם משה מן התולדים וכן ימיו: מנין למעשה המן. המן העץ המן יתלה על העץ: למעשה אסתר. הסתר אסתיר בימי אסתר יהא הסתר פנים ומלאוהו צרות רבות ורעות: מנין. לגדולת מרדכי: מר דרור. ומקרי ליה רוח לנבאים לצדיקים ואנשי כנסת הגדולה: חד תני הרדסיאות וחד תני הדרסיאות. הורדוס התחיל להתעסק בגידולן: לדידי חזיין לי. היך שגדלו מבני בניהם של יוני הורדוס: וקיימן שיתסר דרי. מ"ו שורות: כפתי מילא. כל שורה ארוכה כרחב מיל: ואמרי קירי קירי. אדוני אדוני קירי הוא לשון אדון: אימא קירי. כיון שאחם אומרים: אמרה. לה איכי לחברתה: סומא אמרי קירי קירי. לאותו שאינו קורא אדון עבד הוא של שמים הוא עבד. כירי הוא עבד כדאמרינן בעירובין גבי בני גליל שאין מדקדקים בלשונם שהיה דאמתי לקנייה ודייתא דבעא למימר אמרי קירי שבלא הוים לי וגנבוה ממני ואמרה מרי קירי שבלא הוית לי וגנבוך מן: סומא. פותם כלא ראות: אייתוה. עבדים שגדלו מעבדי הורדוס ושחטוה:

אמר לי ר' חנינא מנין. דברי רוח הן שלא דברו מעולם: מלין ס"ד. האמר רב כהנא לדידי חזי לי והרי רב כהנא מעיד על הדבר ואיך נאמר דקושטא הוה לא הוה אמר: אלא בכלין. ע"י כשפים שלומדים לדבר אותן עופות:

שבוא

האבען זייא גיפרעגט וואו שטייט אין דער תורה איידער משה איז געבארין געווארין. אז ער וועט געבארין ווערין. האט רב מתנה געענטפערט עס שטייט אין פסוק בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה. בשגם בטרעפט דרייא הונדערט פינף אונ פערציג. אזוי וויא דער נאמען משה בטרעפט אויך דריי הונדערט פינף אונ פערציג. עס שטייט זיינע יאהרין וועלין זיין הונדערט אונ צוואנציג. אונ משה האט אויך געלעבט הונדערט מיט צוואנציג יאהר. נאך האבען זייא גיפרעגט וואו שטייט המן אין דער תורה. האט רב מתנה געענטפערט עס שטייט אין פסוק המן העץ. המן איז דיא אותיות המן. נאך האבען זייא גיפרעגט וואו עס שטייט אסתר אין דער תורה. האט רב מתנה געענטפערט עס שטייט אין פסוק ואנכי הסתר אסתיר. אסתיר איז דער ווארט אסתר. נאך האבען זיי גיפרעגט וואו שטייט מרדכי אין דער תורה. האט רב מתנה געענטפערט עס שטייט אין פסוק מר דרור זאגט דער תרגום מירא דכיא. מירא דכיא איז דער ווארט מרדכי:

ד פיסקא: ואיזהו. וועלכע עופות זענען ניט אן געבריט אין שטוב זאגט די גמרא וועלכע דיא זענען. אונ אז מען געפינט אנעסט מיט טויבען הרדסיאות. דארף מען ניט אוועק שיקען דיא מוטער. רבי חייא אונ רבי שמעון קריגען. איינער לערנט הרדסיאות. אונ איינער לערנט הדרסיאות. דער וואס לערנט הרדסיאות. ווייל טאהבין ווערין גירופען אויף דעם נאמען פון דעם מלך הורדוס. ווארום הורדוס פלעגט אזעלכע טאהבין. אונ דער וואס לערנט הדרסיאות ווייל דאס מערסטע טאהבין ווערין גיצויגען אין דעם ארט הדרסיא. רב כהנא האט גיזאגט איך האב גיזעהן דיא איניקלאך פון די טויבען וואס הורדוס הט גיהאט אונ זיי זענען גישטאנען זעכצעהן שורות. אונ יעדער שורה איז גיוועזען לאנג וויא די ברייט פון אתחום שבת. אונ זייא האבען געשריגען קירי קירי. מיין הערר מיין הערר. איין טאהב איז גיוועזען צווישען זייא וואס האט ניט געשריגען קירי קירי. אונ זיא איז גיוועזען א בלינדע. האט דיא אנדערע טאהב צוא איר גיזאגט דוא בלינדע זאג אויך קירי קירי אזוי וויא מיר זאגען. האט דיא בלינדע גיזאגט איך וועל זאגען קירי כירי. מיין הערר איז א קנעכט. האט מען איר באלד גישאכטען. רב אשי זאגט רבי חנינא האט מיר גיזאגט דאס איז גאר ניט אמת דיא טאהבין האבען ניט גירעדט. פרעגט די גמרא רב כהנא זאגט דאך ער אליין הט גיהערט וויא זיי האבען גירעדט. ענטפערט דיא גמרא זיי האבען גירעדט דורך כישוף:

לא

(דף קמב) **ה משנה** לא יטול אדם אם על הבנים אפילו לטהר את המצורע ומה אם מצוה קלה שהוא כאיסר אמרה תורה (דברים כב) למען ייטב לך והארכת ימים ק"ו על מצות חמורות שבתורה : **גמ'** תניא דבי ר' יעקב אומר אין לך כל מצוה ומצוה שבתורה שמתן שכרה בצדה שאין תחית המתים תלויה בה בכבוד אב ואם כתיב (דב ה) למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך ובשלוח הקן כתיב למען ייטב לך והארכת ימים הרי שאמר לו אביו עלה לבירה והבא לי גוזלות ועלה ושלח את האם ולקח את הבנים ובחזרתו נפל ומת היכן אריכות ימיו של זה והיכן טובתו של זה אלא למען יאריכון ימיך בעולם שכולו ארוך ולמען ייטב לך לעולם שכולו טוב . ודילמא לא הכי הוה רבי יעקב מעשה הזא ודילמא מהרהר בעבירה הוה מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה ודילמא מהרהר בע"ז הוה דכתיב (יחזקאל יד) למען תפוש את בית ישראל בלבם ואמר רב אחא בר יעקב זו מחשבת

שכה כאיסר. שאין בה הסרון כיס אלא דבר מועט : שמתן שכרה בצדה . כגון כבוד אב ואם ושלוח הקן שלא הוכל להבין מתן שכרה שעתידין המתים להחיות : לעולם שכולו טוב . שאין בו לא היזק ולא יסורין אלא טובה ובתלמוד פ"ק דקדושין אמרינן דר' יעקב עובדא הזא באחד שאמר לו אביו עלה לבירה והבא לי גוזלות ועלה ושלח את האם ונטל את הבנים וקיים כבוד אב ואם ושלוח הקן ובחזרתו נפל ומת היכן טובתו של זה והיכן

**ה** משנה : לא . אז אמענטש געפינט א נעסט טאר ער ניט נעמען די מוטער מיט דיא קינדער . אפילו ער בארף דיא מוטער צום ריינגען מיט איר א קרעצעדיגען . פון דעסטוועגן טאר מען זיא ניט נעמען . זאגט דיא משנה מאראך אזוי א גרינגע מצוה וואס ער האט ניט מער שאדין נאר איין גראשין . פון דעסטוועגן האט דיא תורה געזאגט אז דוא וועסט די מצוה מקיים זיין וועט דיר גוט זיין אונ דוא וועסט לאנג לעבין . דער וואס איז מקיים די שווערע מצות וואס שטייט אין דער תורה וועט איהם געוויס גוט זיין אונ ער וועט לאנג לעבין . זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט דבי רבי יעקב האט געזאגט יעדער מצוה וואס שטייט אין דער תורה . אונ געבין דער מצוה שטייט באלד דער שכר וואס מען וועט איהם געבין אז ער וועט מקיים זיין דיא מצוה . שטייט באלד דער מאנט אז דער שכר וועט זיין ווען דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין . עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט געבין כבוד דיין פאטער אונ מוטער . וועט דער ליינגערט ווערין דיינע יאהרין אונ עס וועט דיר גוט זיין . נאך האט דיא תורה געזאגט אז דוא געפינסט א נעסט זאלסטו אוועק שיקען דיא מוטער . וועט דיר גוט זיין אונ דוא וועסט לאנג לעבין . וויא איז אז א פאטער האט געזאגט צו זיין זוהן גיי ארויף אויף דעם דאך אונ ברייננ מיר יונגע פייגעלאך . אונ דער זוהן איז ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ ער האט אוועק געשיקט דיא מוטער אונ דיא קינדער האט ער גינומען . האט דער זוהן מקיים גיוועזן צווייא מצות וואס דיא תורה האט צו געזאגט אז עס וועט גוט זיין אונ מען וועט לאנג לעבען . אונ ווען דער זוהן איז צוריק גיגאנגען פון דאך איז ער אראפ גיפאלען אונ גישטארבען . וואו איז זיין לאנג לעבין אונ וואו איז זיין גוטס וואס די תורה האט איהם צוא געזאגט : נאר די תורה האט גימיינט ער וועט לאנג לעבין אויף דער וועלט וואס זיא איז לאנג אויף אייביג . אונ עס וועט איהם גוט זיין אויף דיא וועלט וואס זיא איז גוט אויף אייביג . פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען טאקי עס וועט איהם גוט זיין אויף דיא וועלט אונ ער וועט לאנג לעבין אויף דיא וועלט אונ אזוי אזאך וויא רבי יעקב זאגט האט קיין מאהל ניט גיטראפען אונ עס וועט ניט טרעפין . ענטפערט דיא גמרא רבי יעקב האט אליין גיזעהן וויא עס האט יא גיטראפען . פרעגט די גמרא טאמער האט דער זוהן גיטראכט צו טאהן א עבירה : דריבער איז ער אראפ גיפאלען . ענטפערט דיא גמרא אז מען טראכט צו טאהן א עבירה דאס רעכונט נאך ניט גאט פאר א עבירה ער זאל שטראפען אויף דעם טראכטין . פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גיטראכט צו דינען עבודה זרה . אונ עס שטייט אין פסוק מען זאל אן נעמען דיא יודען אויף דעם טראכטונג וואס זייא האבען אין הארצען . האט רב אחא בר יעקב געזאגט דאס מיינט מען דיא טראכטונג צו דינען

עבודה

מחשבת ע"ז ה"ק אם איתא דאיכא שכר מצוה בהאי עלמא תהני ליה ותגין עליה דלא ליתי לידי הרהור וליתזק אלא שכר מצוה בהאי עלמא ליכא והא"ר אלעזר שלוחי מצוה אינן נזוקין לא בהליכתן ולא בחזרתן שולם רעוע הוה ודיקום דקביע הזיקא שאני דכתיב (ש"א טז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני. אמר רב יוסף אלמלי דרשיה אחר להאי קרא כר' יעקב בר ברתיה לא חטא מאי חזא איכא דאמרי כי האי מעשה חזא וא"ד לישנא דר' חוצפית המתורגמן חזא דהוה מוטלת באשפה אמר פה שהפיק מרגליות ילהוך עפר והוא לא ידע למען ייטב לך בעולם שכולו טוב ולמען יאריכון ימיך בעולם שכולו ארוך:

אריכות ימיו אלא הוי אומר למען ייטב לך לעולם שכולו טוב ולמען יאריכון ימיך לעולם שכולו ארוך:

אריב"ל

---

עבודה זרה. ווערן מיר אז מען טראכט גאר צו דינען עבודה זרה שטראפט שוין גאט. ענפערט דיא גמרא אזוי זאגט רבי יעקב אויב גאט צאהלט שכר פאר מצות אויף דער וועלט. האט דיא מצוה בדארפט העלפין צוא בשיצען אויף דעם מענטשין ער זאל ניט קומען טראכטען עבירות אונ ער זאל ניט דארפען שטארבען ער זאל קענען אפ נעמען זיין שכר. נאר עס מוז זיין אז גאט צאהלט ניט קיין שכר פאר מצות אויף דער וועלט. פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דיא מענטשין וואס גייען טאהן אמצוה האבען ניט קיין שאדין ניט ווען זיי גייען טאהן די מצוה אונ ניט ווען זייא גייען צוריק וואס זייא האבען שוין דיא מצוה אפ גיטאהן. ענפערט די גמרא עס איז גיוועזן אשלעכטער לייטער. איז באלד גיוועזן אסכנה. נאר ער האט זיך פאר לאזין אויף אנס. אונ וואו דער שאדין איז געוויס דארף מען זיך ניט פאר לאזין אויף אנס. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען גאט האט געשיקט דעם נביא שמואל ער זאל גיין זאלבען דעם דוד פאר אמלך האט שמואל גזאגט פאר גאט וויא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין אז איך גייא מאכען איין אנדער מלך וועט ער מיך הרגנן. האט גאט ניט גזאגט צוא שמואל איך וועל דיר טאהן אנס. נאר ער האט גזאגט נעם אקאלב אונ זאג דוא ביסט גיקומען שעכטין אקרבן. ביי דעם זוהן איז אויך אזוי גיוועזן צו וואס האט נאך גידארפט טאהן אנס. ער קען דאך נעמען אנוטען לייטער: אונ ער האט ניט גינומען. וואס איז גאט שולדיג. איז ער גיהרגת גיווארין מיט דער נאטור אשלעכטער לייטער ווערט צו בראכען: רב יוסף זאגט ווען אחר ודאס איז אלישע בן אבויהו וואלט גידרשת דעם פסוק אזוי וויא רבי יעקב דער זוהן פון זיין טאכטער האט גידרשת אז אויף דער וועלט צאהלט מען ניט פאר מצות נאר אויף יענער וועלט. וואלט ער ניט געזינדיגט. וואס האט אחר גיזעהן. אנדערע זאגען אחר האט אויך גיזעהן אזוי אזאך וויא רבי יעקב האט גיזעהן. דדיבער האט ער גזאגט וואס עס שטייט אין דער תורה איז ליגען. אנדערע זאגין ער האט גיזעהן דער צונג פון רבי חוצפית המתורגמן איז גילעגן אויף דעם מיסט. האט אחר גזאגט דיא מויל וואס פון איר זענען ארויס גיגאנגען דיא ווערטער פון דער תורה אזוי ווי פעריל. זאל זיא ליגען אויף דעם מיסט. אונ אין דעם מויל זאל זיין ערד. אונ אחר האט ניט געוואוסט עס זאל דיר גוט זיין מיינט מען אויף דער וועלט וואס איז אין גאנצען גוט. אונ עס זאל דער לייגערט ווערין דיינע יאהרען מיינט מען אויף דער וועלט וואס זיא איז לאנג אויף אייביג:

# סליק מסכת חולין